STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02308

YAAKOVS BRUNEM

Pierre Benoit

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פיער בענוא.

יעקבס ברונעם

(הגר די טענצערין)

ראָמאַן

פריי פאַריידישט: ב. דובלין.

פאַרלאַג א. גיטלין, וואַרשע

Printed in Poland.

Druk. Sikora i Mylner. Warszawa, Nowolipki 6.

יעקבס ברונעם

I

אין גאַלאַטאַ, דעם דרומדיקן פאָרשטעטל פון קאָנסטאַנטי־נאָפּאָל — איינער פון די אָרעמסטע יידישע קוואַרטאַלן אין איי־ראָפּע—איז אַרום יאָר 1896 געבוירן געוואָרן אַ מיידל, וואָס די עטערן האָבן איר אַ נאָמען געגעבן הגר.

זי איז געווען די יינגסטע פון זיבן קינהער אין שטוב. און אין דעם אייגענעם יאָר האָט זי פאַרלוירן דעם פאָטער.

דאָס איז געווען אין דער צייט פון די טערקישע שחיטות איבער די אַרמענער. דער פאָטער איז צופעליק פאַרבייגעגאַנגען לעבן די הויפּנס הרוגים אין גאַס, און אַ פאַרבלאָנדזשעטע קויל האָט אים געטראָפן און אַוועקגעלייגט אַ טויטן אויפן אָרט לעבן די איבריקע קרבנות פון דער שחיטה.

די פיר עלטערע קינדער האָבן שוין ווי ס'איז זיך אַליין אַן עצה געגעבן. די אָרעמע יידישע קהלה פון דעם פאָרשטעטל האָט צוביסלעך געשטיצט דער מוטער מיט אירע דריי יינגערע מיידלעך.

הגר און איר עלטערע שוועסטער שרה זענען געגאַנגען אין אַ גריכישער שול. אין אַ קורצער צייט אַרום האָט אויסגע־בראָכן איינע פון די אָפטע מגפות פון די מזרח-לענדער, און שרה איז געשטאָרבן. דאַן איז הגר געגאַנגען אין שול אַליין.

אין שול האָט הגר באַלד זיך אַרומגעזען, אַז די אָרעמע, אָפּגעריסענע, קליינע גויעשע שילערינס קוקן אויף איר מיט פאַר־אַכטונג. זי האָט זיך געפילט באַליידיקט און איז געווען פאַרבי־טערט.

שבת האָט זי די מאַמע מיטגענומען צום דאַווענען אין אַ רייכן מנין ביי באַקאַנטע יידן. די קליינע הגר זויגט זיך איין מיט די אויגן אין דעם פּיאָלעט־זיידענעם פּרוכת מיט די גאָל־דענע פּרעגזלעך, וואָס באַדעקט דעם אָרון־קודש. עס שימערירט אַזוי וואַרעם און עס איז אַזוי ריין. נישט קיין לעכער, נישט קיין פלעקן. די קליינע גנבעט זיך איינמאָל אונטער און טאַפּט אָן דעם גלאַטן, איידעלן שטאָף. די הענטלעך ציטערן ביי איר פון וואַרעמער אַנטציקונג. ווען מ׳קאָן זיך עס אויספּוצן אַמאָל אין אַזאַ שיינעם זיידענעם קליידל!

אָבער די קליינע פאַרטרויט זיך נישט קיינעם. מ׳וועט לאַכן פון איר...

הגר איז די בעסטע שילערין אין איר קלאַס, כאָטש זי אַרבעט נישט מער פון אַנדערע.

די לערערין מוסרט די איבעריקע שילערינס און ווייזט אָן אויף הגרן.

—זעט, אַזאַ קליין, אָרעם, אָפּגעריסן באַשעפעניש קאָן בע־סער פון אייך.

די שילערינס, גריכישע און אַרמענישע קינדער, זענען אויך אָרעמע, אָפּגעריסענע. אָבער אַנטקעגן איר זעען זיי אויס, ווי ריי־כע קינדער. עטלעכע פון זיי טראָגן אפילו אַמאָל זיידענע קלייד־לעך... נאָר זי איינע גייט אָנגעטון אין שמאַטעס.

הגר האָט גוט געלערנט, געשריבן און גערעכנט. דער עיקר אָבער האָט זי ליב געהאַט די הייליקע געשיכטע. זי האָט נישט געקאָנט פאַרשטיין, פאַרוואָס זי דאַרף זיך אייגנטלעך שעמען קעגן אירע גויעשע חברטאָרינס. אין די לעקציעס ווערט אַזויפיל דערציילט וועגן דער גרויסער פאַרגאַנגענהייט פון איר פאָלק, און

וועגן דער געשיכטע פון זייערע פעלקער רעדט זיך כמעט גאָרנישט.

פון דידאַזיקע לעקציעס האָט זיך הגרס פאַנטאַזיע צעשפּילט. די מעשה מיט דער הגר פון חומש, וואָס איז פאַרטריבן געוואָרן אין מדבר, האָט אין איר פאַרשטאַרקט דאָס געפיל, אַז עס איז נישטאָ קיין גערעכטיקייט אויף דער וועלט. אָבער אָט איז פון דער צווייטער זייט אסתר, וועלכע שטייט, אַן אויסגעפּוצטע, אַ רייכע, פאַרן גרויסן קעניג. ווי האָט עס איר געמוזט קלאַפּן דאָס האַרץ, ווען זי האָט דערזען די גאָלדענע רוט, וואָס דער קעניג האָט פריינטלעך אָנגעבויגן איבער איר קאָפּ!

די קליינע הגר שלינגט דידאָזיקע מעשיות. איר פאַנטאַזיע אַרבעט, צעשפּילט זיך. בילדער שוועבן פאַר די אויגן — אַזעלכע ליכטיקע, אַזעלכע שיינע!...

הגר האָט זיך אַליין נישט געכאַפּט, ווי די עטלעכע יאָר זענען אַריבער. זי האָט געענדיקט די שול און זיך אויסגעלערנט פינף שפּראַכן.

אונטער דער צייט איז הגרס מאַמע געשטאָרבן פון נויט. הגר איז געבליבן אַליין אויף דער וועלט. די דריטע שוועסטער און די עלטערע ברידער האָט זי פאַרלוירן פון אויג. הגר פילט אָבער כמעט נישט דידאָזיקע איינזאַמקייט. זי אַרבעט ביי אַ וועשערין אין פאַנאַר און פאַרדינט, וויפל זי דאַרף צום לעבן. זי שלאָפט אין אַ קרעמל צווישן גרויסע פלאַכטעס נאַסע וועש, וואָס הענגען אויף שטריק, און טריקענען זיך. זי היט די וועש.

אָנגעטון גייט זי שוין איצט גאַנץ נישט צעריסן. נאָר ביי אירע דרייצן יאָר האָט זי נאָך קיינמאָל אויף זיך קיין ניי קליידל נישט געטראָגן.

אין הגרס לעבן איז פאָרגעקומען אַן ענדערונג. זי גייט אַריבער די גאַלאַטאַבריק און באַזעצט זיך אין דעם קוואַרטל פּערא.

הגר פירט אַ שטיל, הכנעהדיק לעבן. זי קלויבט צוזאַמען אין דער וועשערײַ קליינע שטיקלעך ליכט און נאָך דער אַר־בעט לערנט זי זיך אַליין נייען.

שפּעטער קומט זי אָן צו אַ שניידערין אין טונעל־קוואַרטל. עס אַרבעטן דאָ אַ סך מיידלעך, הגר איז די ייִנגסטע און די אַרבעט קאָן זי נאָך ווייניק. איז זי אַ מיידל צו דער האַנט. דערלאַנגט־צו, גייט אַ שליחות. דאָ בלייבט זי אויך היטן ביינאַכט דעם וואַרשטאַט און שלאָפט ערגעץ אין אַ ווינקל אויף אַ טאַפּ־טשאַן. ווען דער וואַרשטאַט ווערט ליידיק און אַלע גייען אַוועק, צינדט זי אָן דעם גאַז און נעמט זיך ווידער צו איר נאָדל־פּאָ־דעם, אָדער זי שניידט אויס פון אַלטע צייטונגען מאָדעלן פאַר די קליידער, וואָס זי אַליין האָט זיך אויסגעחלומט.

עטלעכע מאָל האָט זי זיך שוין געלאָזן אָנרעדן פון אירע חברטאָרינס און איז געגאַנגען מיט זיי שפּאַצירן. דאָס זענען גע־ווען דורכגעטריבענע מיידלעך, וועלכע האָבן שוין גוט געקאָנט די גאַס און דאָס לעבן.

איינמאָל, גייענדיק אין אָוונט אַליין אַהיים, האָט הגר זיך אָנגעשטויסן אויף אַ געשלעג אין גאַס און זי איז מיטגעצויגן געוואָרן אין פּאָליציי־קאָמיסאַריאַט — זי איז אַרײַנגעפאַלן אין תּפיסה.

דער סעקרעטאַר פון קאָמיסאַר, אַן עלעגאַנטער יונגערמאַן, האָט שטאַרק געזאָרגט דערפאַר, אַז הגרן זאָל ניט זײַן לאַנג־ווײַליק אין איר תּפיסה־קאַמער...

אין הגרן האָט געוויינט דאָס האַרץ.

ווי קריגט מען זיך פונדאַנען אַרויס? און ווי רעדט מען און ווי דינגט מען זיך מיט אַזאַ מעכטיקן און אַזאַ העפלעכן פּאַשאַ?

שפּעט ביינאַכט, אין אַ גאָסרעגן, אַדורכגעווייקטע, אַן אויסגעמאַטערטע און אַ דערשלאָגענע, מיט אַ געפיל פון שטומען ווייטיק און שווערער, פינסטערער רעזיגנאַציע, האָט זיך הגר קוים דערשלעפּט צו זיך אַהיים, אויפן בוידעם... אין עטלעכע

טעג אַרום איז הגרן אויסגעקומען אָפּצוטראָגן אַ באַלקלייד אין האָטעל „פּאַלאַס.“

די באַלעבאָסטע פון וואַרשטאַט האָט איר אָנגעזאָגט, זי זאָל זיין העפלעך, אָבער זי זאָל זיך אויך נישט לאָזן איבערעדן און פאַר קיין פאַל נישט איבערלאָזן דאָס קלייד, ביז יענע וועט נישט פריער באַצאָלן די פינפאונדרייסיק פונט.

דאָס קלייד איז געווען באַשטעלט פאַר אַ זינגערין, וואָס האָט אַ גרויסן ערפאָלג אין אַ קאַבאַרעט אויפן טאַקסים-פּלאַץ.

הגר איז מיט איר ברייטער שאַכט אַריין אין פּאָרזאָל פון האָטעל און זי האָט זיך פאַרלאָרן פון איבעראַשונג. אַזויפיל גלאַנץ! גאָלד, מאָדנעביימער און בלומען. גרויסע עלטערע הערן אין טיפע געדעקטע פאָטעלן, שטאָלצע יונגעלייט אויף הויכע טישלעך, וואָס זויגן דורך שטרוי עפּעס מאָדנע געטראַנקען פון אַזאַ שיינעם פינקלדיקן קאָליר — זי האָט אַזוינס קיינמאָל אין איר לעבן נישט געזען.

פּלוצלונג האָט זי דערשפּירט, אַז עמעצער האַלט זי פאַרן אָרעם — דער דינער פון האָטעל האָט איר האַרב אָנגעוויזן, זי זאָל גיין דורך דער הינטערשטער טיר.

פאַרן .צימער פון דער זינגערין איז זי געשטאַנען אויף די טרעפּ און געוואַרט.

ענדלעך איז אַרויסגעקומען דאָס קאַמערמיידל, וואָס האָט ביי איר פריער צוגענומען דאָס קלייד.

—די מאַדאַם בעט דיך אַריין.

הגר איז אַריין אין צימער און איז, אַ פאַרגאַפטע, געבליבן שטיין אויף דער שוועל: דאָס קלייד, וואָס זי האָט ערשט געבראַכט, האָט מען איר אַ שליידער געטון אין פּנים.

— וואָס האָסטו מיר דאָ געבראַכט, דו נאַרישע מויד! ווי האָט מען עס אַ העזה מיר אַזוינס צו שיקן! נעם זי צוריק, די שמאַטע! אויך מיר אַן אַרבעט!

הגר איז געקומען צו זיך. זי האָט פלינק באַמערקט די קליינע פעלערן, וואָס האָבן דער זינגערין אַריינגעבראַכט אין אַזאַ גרימצאָרן. זי האָט רויק געזאָגט:

—די מאַדאַם האָט רעכט. אָבער דאָס זענען קלייניקייטן. אויב די מאַדאַם וועט דערלויבן, קאָן איך שוין דאָ אויפן אָרט דאָס פאַריכטן.

הגרס רויִקער טאָן, איר שטילע און באַשיידענע האַלטונג האָבן געמאַכט אויף דער יונגער פרוי אַ גוטן איינדרוק. זי האָט זיך באַרויִקט...

—ווּעסטו עס קאָנען? ווי אַלט ביזטו? האָסטו שוין פערצן יאָר?

—פופצן, גנעדיקע מאַדאַם.

—ווי הייסטו?

—הגר מאָזעס.

—הגר מאָזעס, אַהאַ. און דו ווייסט, ווי איך הייס?

—איך ווייס: מאַדאַם לינאַ דע-מאַרווי.

—דאָס איז בלויז מיין אַרטיסטישער נאָמען. אינדערעמתן הייס איך רחל בערנהיים. פאַרשטייסט?

צום ערשטן מאָל, זייט איר אַריינקומען אין דעם צימער פון איר יידישער שוועסטער, האָט הגר ערשט אויפגעהייבן די אויגן און זיך אַרומגעקוקט. דאָס צימער איז געווען גאַנץ געווינלעך איינגעאָרדנט, אָבער הגר איז געווען באַגייסטערט פון אַזאַ עשירות און לוקסוס. הונדערטער ביליקע קלייניקייטן האָבן זיך איר געוואָרפן אין די אויגן. די געהיימניספולע טואַלעט-מכשירים, די קליידער מיט די קאָראַנקעס, וואָס זענען געווען פאַנאַנדערגעוואָרפן איבער די דיוואַנעס און פאָטעלן, די געהאַפטענע קישעלעך מיט ראָזע קאָקאַרדעס, און דאַן דאָס בעט, דאָס ברייטע בעט, מיט דער קאָפּע ביז צו דער ערד. און אויף אים די זינגערן לינא דע-מאַרווי, כמעט אַ נאַקעטע, אין איר דורכזיכטיקער זיידענער העמד—הגר האָט דערשפירט, אַז עפעס הייבט איר אָן שטיקן אין האַלדז...

אין איר בליק איז געווען אַזויפיל אומעט און אַזויפיל האָפנונגסלאָזע באַוווּנדערונג—די זינגערין איז געווען גערירט און גלייכצייטיק האָט איר די באַוווּנדערונג געשמייכלט.

—אויב דו פילסט, אַז דו וועסט עס קאָנען, טאָ נעם און

פאַריכט די קליי־ניקייטן. זעץ דיר ביים פענסטער, וועט דיר זיין ליכטיקער. דאָרט, אויפן טישל, אין דער באַמבאַניערע ליגן אַלע מכשירים צום נייען.

הגר האָט זיך גענומען צו דער אַרבעט. צום גליק, זענען עס באמת געווען קלייניקייטן. מ'האָט בלויז געדאַרפט איבער־שטעלן אַ פּאָר העקלעך, באַזייטיקן עטלעכע קנייטשן און אויפ־הייבן אַ ביסל דעם שטאָף אין דער טאַליע.

לינא דע־מארווי האָט זיך פריינטלעך צוגעקוקט צו דער אַרבעט פון דער קליינער שניידערין.

—האָסט געשיקטע הענט.

הגר האָט נישט געענטפערט און נישט אויפגעהייבן די אויגן פון דער אַרבעט.

— גיב אַ קוק אויף מיר, דו נאַריש קינד. האָסט שוין גע־געסן פרישטיק?

דאָס קאַמערמיידל האָט אַוועקגעשטעלט אויף אַ קליין טישל אַ טאַץ מיט זעמל און צוקערגעבעקס. עס זענען אויך געווען עט־לעכע פאַרצעלייענע פיליזשאַנקעס, אַ פוטערשעלכל און אַ סלאָיק מיט קאָנפיטורן.

—אַ דאַנק, איך האָב שוין געגעסן.

—וועסט טרינקען אַ פילִיזשאַנקע שאָקאָלאַד, איאָ?

די מאַדאַם דע־מארווי איז געשטאַנען ביים טישל און האָט אָנגעשמירט די זעמל מיט פוטער.

— נעם, דאָס איז פאַר דיר.

— וויל די מאַדאַם אפשר פריער אָנמעסטן דאָס קלייד?

—ביזט, זע איך, אַ געווויסנהאַפטע אַרבעטאָרין, ווילסט גאָר־נישט פאַרזוכן, ביז דו ענדיקסט נישט דיין אַרבעט. גוט! לאָמיר אָנמעסטן, הם... עס זענען נאָך דאָ קליינע פעלערן, אָבער זאָל שוין זיין, איך וועל דאָס קלייד צונעמען. איך טו עס דיר צוליב. קאָנסט עס זאָגן דיין ברויטגעבערין, אַז זי האָט דיר צו דאַנקען דערפאַר, וואָס איך האָב צוגענומען די אַרבעט. וויפל פאַרדינסטו ביי איר?

—פופצן פיאַסטער אַ טאָג.

—מיין אָרעם מיידעלע, זיי נוצן דיך צופיל אויס. הער, האָסטו מער גאָרנישט, יוואָס אָנצוטון, ווי דאָס, וואָס דו טראָגסט אויף זיך?

הגר האָט אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ אויף יאָ. זי האָט נאָך. אָבער איר געזיכט האָט זיך דערביי שטאַרק פאַרויטיקט...

—עפן די שאַפע און צייל: דער ערשטער, דער צווייטער הענגער. דעם דריטן נעם אַראָפּ מיט די קליידער און לייג עס אַלץ אַוועק אויפן בעט. אַזוי. זעסט אַט דעם קאָסטיום האָב איך יענע וואָך געגעבן צו פאַרבן. איך ווייס נישט, פאַרוואָס, אָבער ער האָט זיך אַזוי איינגעצויגן, אַז איך קאָן אים אויף זיך נישט אַרויפציען. דו ביזט דינער פון מיר, איך רעכן, אַז אויף דיר וועט ער זיין אַקוראַט. מיר וועלן באַלד זען. מעסט אים נאָר אָן. איצט וועל איך אויף דיר מעסטן.

די מאַדאַם דע־מארווי האָט הארציק געלאַכט. די גאַנצע געשיכטע האָט איר הנאה געטון.

—וואָס װאַרטסטו? טו דיך נאָר אויס!

די הגר האָט זיך נישט גערירט פון אָרט און איז נאָכמער רויט געוואָרן.

די זינגערין האָט זיך אָנגעשטויסן, וועגן וואָס דאָ גייט.

—מיין אָרעם מיידעלע.

די קאַבאַרעט־זינגערין האָט דרך־ארץ באַקומען פאַר דער שעמעוודיקייט פונם קליינעם מיידל. זי האָט פאַרשטאַנען, אַז די קליינע שעמט זיך צו ווייזן איר אָרעמקייט.

—אין וואָס האָסטו געבראַכט מיין קלייד?

—אין אַ שאַכט, גנעדיקע מאַדאַם.

—ווו האָסטו זי?

—אין קאָרידאָר.

—ברענג זי אַריין.

זי האָט אָנגעהייבן דורכוואַרפן אירע שאַפעס און קופערטס, האָט געפונען אַ טונקעלן פּילצענעם קאַפעלוש, אַ פּאָר שיך, אַ ביסל וועש, אַ קליידל. זי האָט דאָס אַלץ אַריינגעלייגט אין דער שאַכט און פון אויבן אַרויפגעלייגט דעם גרויען קאָסטיום.

— איך וואָלט געוואָלט זען, צי עס ליגט גוט אויף דיר. אָבער בעסער וועט זיין, אַז דיינע חברטאָרינס וועלן דיך נישט דערזען מיטאַמאָל אין דעם נייעם קאָסטיום, זיי וועלן דיך מקנא זיין און אָנטון צרות. איך קען שוין די װייבער... דו וווינסט ביי די עלטערן?

— איך האָב נישט קיין עלטערן.

—וווּ וווינסטו?

—אין וואַרשטאַט.

—ביזטו פריי היינט אין אָוונט?

—איך קאָן מיך באַפרייען.

—גוט, קום אין „מאַקסים.״ ווייסט דאָך, אין טעאַטער, ווו איך זינג. איך טרעט אַרויס אַרום עלף. זע, אַז דו זאָלסט זיין אַרום צען. און פרעג טעאָדאָרן, דעם נעגער ביי דער טיר, ווו מיין גאַרדעראָבע איז. דו וועסט מיר העלפן זיך אָנטון, און איך וועל זען, צי דער קאָסטיום קליידט דיר. ביזט אַ שיין מיידל, קום נאָר אַהער נענטער.

הגר איז הכנעהדיק צוגעגאַנגען — אַ בלאַסע, אַ דערשראָקענע.

די יונגע פרוי האָט זי אַוועקגעזעצט לעבן זיך אויפן ראַנד פון בעט. הגר האָט איינגעזויגן אין זיך די שמעקעדיקע וואַרעמקייט פון יענערס קערפער —עס האָט זיך איר אָנגעהייבן דרייען דער קאָפּ.

זי האָט פאַרמאַכט די אויגן.

—ביזט שלעכט פאַרקאַמט. נעם דעם פלאַקאָן. וועסט זיך אין אָוונט דערמיט אָנרייבן די האָר. און קאַמען וועסטו דיך אַזוי...

זי האָט פון הגרס טיף-שוואַרצע, כמעט גראַנאַטענע האָר, אויסגעפלאָכטן צוויי צעפּ, האָט פון זיי אויסגעבונדן אַ רייכן קאָקס אויפן קאַרק און די פּאָדערשטע האָר פלאַך פאַרקאַמט אַרום די שלייפן.

— איצט איז עס שוין נישט שלעכט, ניין? וועסט זען ערשט אין אָוונט, ווען די האָר וועלן זיין ווייך און אינגאַנצן

וועסטו זיין אויסגעפּראַנטעוועט פון קאָפּ ביז די פּיס. דאָ האָסטו מיין וויזיטקאַרטע... צימער נומער עלף. פאַרגעס נישט... נו, וואָסו ווילסטו נאָך?

— גנעדיקע מאַדאַם, און—געלט פאַרן קלייד?

— יאָ, איך האָב גאָר פאַרגעסן. נאַ. איך לייג עס אַריין אין אַ קאָנווערט, פינפאונדרייסיק פונט. יאָ? דאָ האָסטו איין פונט פאַר זיך, וועסטו נעמען אַ דראָשקע, זאָלסט זיך נישט דאַרפן שלעפּן מיט דער שאַכט אין דער בלאָטע... זע, עס הייבט שוין ווידער אָן גיסן... ס'אַרא פּאַסקודנע לאַנד!

הגר האָט זיך אַרויסגערוקט. מיט איין אָטעם איז זי דורכגעלאָפן דעם גאַנצן וועג צום וואַרשטאַט... קודם כל איז זי אַריינגעלאָפן אין איר קאַמערל, האָט אַלץ, וואָס זי האָט געקריגן, איינגעוויקלט אין איין פּעקל און עס טיף פאַרשטעקט הינטער די אַלטע קאָסטנס. דאַן אין זי מיט דער ליידיקער שאַכט אַריין אין וואַרשטאַט.

די שניידערין איז שוין געווען אונגעדולדיק.

— אַ ביסל צו לאַנג האָסטו באַלאַמוטשעט אין שטאָט.

געלט האָסטו?

הגר האָט איר דערלאַנגט דעם קאָנווערט.

דעם שפּעטערדיקן טייל פון טאָג האָט הגר פאַרבראַכט אין אַ שטאַרקער געשפּאַנטקייט, וואָס זי האָט געוואָלט מיט אַלע כּוחות באַהאַלטן פון אירע חברטאָרינס.

ווען זי איז געבליבן אַליין, האָט זי אפילו פאַרגעסן אָפּצועסן. זי האָט כּסדר אָנגעמאָסטן אויף זיך די אַלע זאַכן... אפשר דאַרף מען דעם קאָסטיום עפּעס פאַריכטן? זי האָט פאַרגעסן, אַז די באַלעבאָסטע, וואָס וווינט אין דעם אייגענעם הויז, האָט שטענדיק מיטגענומען מיט זיך די שליסלען פון סאַלאָן, וווּ עס איז געשטאַנען דער איינציקער שפּיגל צום מעסטן. הגר האָט נישט געקאָנט זען, ווי זי זעט אויס אין די נייע קליידער.

אין דרויסן האָט דערווייל דער רעגן געכליאָפּעט אָן אָן אויפהער. זי האָט געוואַרט אין טויער, ביז עס האָט דורכגעפאָרן אַ פרייע דראָשקע. זי האָט געציטערט אינגאַנצן... עס איז אַ טאָג פון גרויסע געשעענישן...

זי האָט צוגערופן אַ פאַרבייפאָרנדיקע דראָשקע.

— טאַקסים־פּלאַץ.

איר שטים האָט געציטערט.

פאַר די טירן פון קאַבאַרעט האָט זיך איר געדוכט, אַז זי וועט קיינמאָל נישט האָבן דעם מוט אַרייַנצוגיין אינעווייניק.

צום גליק, איז דער בעגער טשאָדאָר אַקוראַט געשטאַנען אויף דער שוועל. ער האָט זי צוגעפירט גלייך ביזן צימער נומער 11. דאָרט האָט אַרויסגעשיינט ליבאַ דע־מאַרווי אויפן פאָן פון אַ פאַרשידנפאַרביקער דעקאָראַציע, וואָס איז באַשטאַנען פון קאָלירטע אָנזיכטסקאַרטלעך, פלאַקאָנען, פודעלעך מיט שמינקע און פודערקעסטעלעך.

די מאַדאַם דע מאַרווי האָט אַזש אויסגעשריען פון פאַרוווּנדערונג, ווען זי האָט דערזען דאָס געענדערטע אויסזען פון דעם קליינעם מיידל.

— קוק נאָר אָן, נאַטאַשע! עס ווילט זיך פשוט נישט גלויבן. איך האָב דיר געזאָגט, אַז זי איז אַ שיינע, אָבער אַז זי איז אַזוי שיין!.. איך וואָלט עס קיינמאָל נישט געגלויבט.

די, צו וועמען די זינגערין האָט גערעדט, איז געווען אַ פליישיקע פרוי, אין אַן אַלטמאָדישער אויסגעשניטענער בלוזע. אויפן האַלדז, אויף די פינגער און אויף די באַקעטע גראָבע הענט האָט זי געטראָגן אַ גאַנצע קראָם מיט צירונג.

ליבאַ האָט פאָרגעשטעלט די אומבאַקאַנטע מיט אַ זשעסט פון אַ גרויסער דאַמע.

— פרוי נאַטאַליע לאַזאַרעסקאָ—מיין אַלטע פריינדין. האָסט מיר געבראַכט גליק, מיין קליינע: אין אַ וואָך אַרום פאָר איך אַרויס קיין קאַירע. מיין אימפּרעסאַריאָ זאָגט מיר צו גאָלדענע בערג... וועסטו דיך אַמאָל געפינען אין אַ נויט, זאָלסטו דיך ווענדן צו פרוי לאַזאַרעסקאָ. אמת, נאַטאַשע?

די פליישיקע דאַמע, וואָס האָט געהאַלטן די הענט אויפן בויך, האָט פאַרזיכערט, אַז זי וועט אַלץ טון פאַר פריילן מאַזעס.

הגר האָט דעם שמועס געהערט נאָר מיט איין אויער... זי איז געווען איינגאַנצן פאַרנומען מיט לינאַ דע-מאַרווי, וואָס איז געווען אָנגעטון אין אַ בלוי זיידן קלייד, אויסגענייט מיט זילבער. דער שפיגל, פאַר וועלכן זי האָט זיך איצט געפודערט, האָט אָפּגעשלאָגן אַ לאַכעדיק פּנים פון אַ יונגער פרוי.

— ביסטו צופרידן, מיין טייערע?

— זייער, טייערע מאַדאַם.

— אויסגעצייכנט! איך וואָלט געוואָלט, אַז אַלע מענטשן אַרום מיר זאָלן זיין צופרידן... איך וועל מיך איצט שוין באַגיין אָן דיר... נאַטאַליע האָט מיר געהאָלפן זיך אָנטון. נאַטאַשע, נעם, זיי אַזוי גוט, דאָס קינד מיט זיך, זוכט זיך אויס אַ גוט אָרט אין זאַל, באַשטעל איר עפּעס צו טרינקען. זאָל זי אַליין אויסקלויבן. ווען איך וועל ענדיקן מיין נומער, וועט איר קומען נאָך מיר. איך וועל אייך מיטנעמען אין טאָטאַבליאַנאַ... רוזשדאַפּאַשאַ האָט מיך היינט אַהין איינגעלאַדן אויף אָוונטברויט.

— צי איז די קליינע נישט אַ ביסל צו באַשיידן אָנגעטון?—האָט נאַטאַליע געפרעגט.

— וואָס פעלט דיר איין! זי איז דאָך אַ שיינהייט! די אויגן וועלן זיי אַרויסקריכן פון די קעפּ, ווען זיי וועלן זי דערזען. עס וועלן זיין סטאַמבוליאַן, פּולקאָווניק פּאַקני-ביי, קאָמענדאַנט קאָנאָר, מאַיאָר דע-זשימיעזש און דער ממזר גוראַנטאָפּולאָ מיט דער מיקאָלאָ און פּים מאַרטען. נו, פאַרשטייט זיך, אַלץ אייגענע מענטשן...

הגר און די מאַדאַם לאַזאַרעסקאָ זענען אַריין אין זאַל פון קאַבאַרעט. פון עולם האָט מען געשמייכלט און געמאַכט וויצן. דאָס מיידל האָט עס אָבער נישט באַמערקט.

— האָסט אַוודאי, מיין קליינע, נאָך קיינמאָל קיין שאַמ-

פּאַניער נישט געטרונקען?—האָט זיך אָפּגערופן די נייע פּריי-דין.—גאַרסאָן, אַ פלעשל „גאָרדאָן-רוזש".

הגר האָט אויסגעטרונקען אַ גלעזל שאַמפּאַניער און באַלד אַ צווייטס. פאַר אירע אויגן האָבן אָנגעהייבן שוועבן וווּנדערלע-כע האָריזאָנטן און פּרעכטיקע דורכגעלויכטענע בילדער האָבן זי פאַרוויגט.

זי האָט געהערט אַזוי ווי פון ווייטנס, ווי די פרוי לאַזאַ-רעסקאָ האָט עפּעס געצויגן אירע מעשיות.

— איך האָב ליב די יוגנט, איך האָב ליב צו זיין מיט יוגנטלעכ, אָבער דעם שכל דאַרף מען נישט פאַרלירן... די יונ-גע מיידלעך ווייסן גאָרנישט, ווי פּראַקטיש מען דאַרף זיין, וויפל מען קאָן פאַרלירן, אַז מען באַטראַכט זיך נישט. איך האָב געהאַט אַ פריינדין, וואָס דער ערשטער סעקרעטאַר פון דער פּראָוו-ינציאַלער אַמבאַסאַדע איז פאַר איר משוגע געוואָרן. דער יונג וואָלט זיך פאַר איר געלאָזט צעשניידן אויף שטיקער, האָב איך צו איר כסדר געטענהט: „זע, צי נישט אָן די סטרונע צו שטאַרק!" און זי, שטעל זיך פאָר, איר איז בעסער געפעלן צו אַנטלויפן מיטן צווייטן קאָמיקער פון באַרעטס טרופּע. דו הערסט מיך?

— איך הער, מאַדאַם.

—ביסט גערעכט! די פרוי, דע-מאַרווי, וועט עס דיר אויך זאָגן: איך גיב שטענדיק גוטע עצות. דו קאָנסט זינגען?

— ניין, מאַדאַם.

— דו האָסט אַ שטים?

— מיר דאַכט, אַז נישט.

— אַ געשעפט: יעדערער האָט אַ שטיקל שטים. מ'דאַרף נאָר קאָנען דאָס אויסנוצן. דאָס איז דער עיקר. עס טרעפט אפילו, אַז איינער האָט אינגאַנצן קיין שטים נישט, אָבער דאָס טרעפט זעלטן. דעמאָלט מאַכט מען עפּעס פון טאַנצן. אַ, אָט איז דע-מאַרווי. מיר וועלן זיך נאָך אומקערן צו דעם שמועס. ווער וואָלט עס געגלויבט, אַז איך בין אינגאַנצן מיט דריי — אפשר מיט פיר יאָר עלטער פון איר.

די זינגערין איז ארויס אויף דער סצענע, באגריסט פון א שטורעם אפלאדיסמענטן. זי האט געהאט ערפאלג. דאס ליד, וואס זי האט געזונגען, האט זי געמוזט איבערחזרן נאכא-מאל.

שפעטער האט דער זאל פשוט געשטורעמט, ווען לינא האט זיך באוויזן א צווייט מאל, אנגעטון, ווי א שרייבערל ביי אן אדוואקאט, און האט געזונגען א צווייט לידל, נאך וויציקער פון ערשטן.

דער ענטוזיאזם פון זאל האט זיך נישט געלאזן איינשטילן. אן אלטער טערק האט די פעסקע פון קאפ אנגעטון אויף זיין שטעקן און געפאכעט כסדר מיט דעם שטעקן אינדערלופטן. עטלע-כע איטאליענער, מיט טראגישע מינעס אויף די געגאלטע פנימער, האבן געפאטשט אין די הענט און דערביי אויסגעצויגן די גאנצע לייבג פון די ארעמס. א גרופע אמעריקאנישע מאטראזן האט געוויינט...

די מאדאם לאזארעסקא איז אויך געווען שטארק גע-רירט.

—טייערע לינא, וואס פאר אן אייגנארטיקער טאלאנט! זע, וויפל בלומען זי קריגט, וואס פאר א פרעכטיקער בוקעט. ער קאסט אפשר צוואנציק פונט. דאס איז זיכער פון רוזשדא-פאשא. און אפשר פון דעם קליינעם גענעראלנטאפולא... עס איז זייער שיין פון זייער זייט.

זי האט זיך אויפגעשטעלט.

— קום, לאמיר גיין צו איר.

אויף די ערשטע טרעפלעך פון ארויפגאנג, וואס פירט הינטער די קוליסן, האט זי אריינגערוקט הגרן אין האנט איר וויזיטקארטע.

— קום ארויף צו מיר, מיין קינד, קום וואס גיכער! וועסט זען, וועסט נישט חרטה האבן. איך בין אינדערהיים יעדן טאג פון דריי ביז פינף. מאדאם נאטאליע לאזארעסקא, גלאוואני 18, צווייטער שטאק, ערשטע טיר, רעכטס.

II

הגר איז געשטאַנען אויפן דעק פון דאַמפער און געקוקט אויף קאָנסטאַנטינאָפּאָל, וואָס איז ביסלעכווייז פאַרשוווּנדן געוואָרן אינם פרימאָרגנדיקן נעבל. ערשט איצט, ביים אָפּפאָרן, האָט איר די שטאָט, ווו זי איז געבוירן געוואָרן, ווו זי האָט געלעבט ביז איצט — אויסגעזען שיין.

אָנשטאָט די בלאָטעס, אין וועלכע זי האָט מיט אַ יאָר צוריק געדרעפּטשעט אין אירע לעכערדיקע שיך, האָט זי איצט געזען אַ שטאָט פון טיול און גאָלד, אויסגעבעט אויף אַ ווייט אויסגעשפּרייטן האָריזאָנט.

אַ געדאַנק איז איר דורכגעפלויגן אין קאָפּ און פון דעם געדאַנק איז איר אַ שווידער אַריבער איבערן לייב: אפשר וועט איר שוין אַ גאַנץ לעבן אַזוי באַשערט זיין — זי וועט דערקענען דעם ווערט פון זאַכן ערשט דעמאָלט, ווען זי וועט זיי פאַרלירן.

דער דאַמפער האָט זי געטראָגן ווייטער. באַלד איז פון דער הערלעכער פאַנאראמע געבליבן נישט מער, ווי אַ ראָזער נעבל. אין דרום האָבן זיך כמעט פּלוצלונג באַוויזן די פרינצן-אינדזלען. זילבערנע דעלפינעס האָבן זיך געשפּילט אויפן אויבערפלאַך פון ים.

מיד, פאַרבלענדט פונם גלאַנץ פון הימל און ים, איז הגר

צוועק צו זיך אין קאַיוטע פון צווייטן קלאַס.

דאָ האָט זי זיך געקאָנט אָפּרוען.

זי האָט איינגעלייגט איר באַגאַזש. זי האָט געהאַט צוויי שיינע קופערס, אַ נייע וואַליזע און אַן עלעגאַנטן רייזע-עסעסער. אויף יעדן קופער איז געווען אַ קאַרטע מיט אַ קאַליגראַפיש-אויסגעצאַצקעוועטער אויפשריפט:

פ ר ײ ל ן ד ז ש ע ס י ק אַ, אַ ר ט י ס ט י ן-ט ע נ צ ע ר י ן.

אין דעם יאָר איז דאָס אַלץ געשען, און די מאַדאַם לאַזאַרעסקאָ האָט עס אַלץ אויפגעטון. מיט אַ יאָר צוריק האָט זי געמאַכט דעם ערשטן וויזיט ביי לינאַ דע-מאַרווי. איצט איז יענע שוין אינגאַנצן פאַרגעסן. אַזוי ווערן פאַרגעסן אַלע אַזעלכע פאַלשע שטערנס.

שוין אין יענער ערשטער נאַכט, ביי דעם אָוונטברויט מיטן שאַמפּאַניער, האָט די פרוי לאַזאַרעסקאָ זיך איבערצייגט, אַז עס לוינט זיך צו פאַרנעמען מיט דעם מיידל. און הגר איז געקומען צו איר און האָט זיך געלאָזן פון איר פירן.

די אַלטע האָט געאַרבעט זייער געשיקט און אויסגערעכנט. די ערשטע קליינע אויסגאַבן האָט זי אַליין געדעקט. שפּעטער, ווען הגר האָט שוין געדאַרפט גרעסערע סומעס, האָט די אַלטע אויסגעזוכט פאַר איר אַ סאָלידן, דיסקרעטן אַמאַטאָר. דער בערזע-מעקלער פון גאַלאַטאַ, סטאַמבוליאַן, האָט באַזאָרגט הגרן מיט טעאַטער-טואַלעטן און האָט איר אויך געגעבן די מיטלען אויף צו לערנען זיך. פון הגרס קאַריערע אַלס זינגערין האָט מען זיך געמוזט אָפּזאָגן: זי האָט געהאַט אַ שוואַכע מאַטע שטים. דערפון האָט זיך גאָרנישט געלאָזן מאַכן. דערפאַר אָבער האָט איר טאַנצן געגעבן גוטע האָפענונגען. זי איז קודם-כל געווען גוט געבויט. אַ הויכע, אַ שלאַנקע, מיט לאַנגע און איידעלע פיס, און אַ פיינער געטאָקטער פליצע. דער אויסדרוק פון איר געזיכט איז געווען אַ שטרענגער און אַ גלייכגילטיקער. דאָס האָט נאָכמער אונטערגעשטראָכן די תאווהדיקייט פון אירע באַוועגונגען און זיי צוגעגעבן אַ געוויסן מיסטישן חן.

נאָך עטלעכע חדשים לערנען האָט הגר נישט שלעכט,

כאָטש אַ ביסל קאַלט — געטאַנצט. די פרוי לאַזאַרעסקאָ האָט זיך אויסגעשטאַרעט פאַר איר אַן ערשטן אַרויסטריט אויף אַ וווילטעטיקן באַל.

ד׳הגר האָט געהאַט ערפֿאָלג און האָט איינגעלעך באַלד געקאָנט אָנקומען אויף אַ קאַבאַרעט-סצענע אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל. די אַלטע האָט אָבער געהאַט איר פּרינציפּ: מ׳טאָר נישט אָנהייבן די סצענישע קאַריערע אין דער אייגענער שטאָט. די קנאה פון די היימ׳שע חברטאָרינס קאָן אַ סך קאַל׳ע מאַכן.

הגר האָט געענדיקט איר אַרטיסטישע אויסבילדונג און איז געוואָרן פ ר י י ל ן ד ז ש ע ס י ק א. דער אימפּרעסאַריאָ אין קליידל, די מאַדאַם לאַזאַרעסקאָ, האָט איינגעפּונען, אַז איצט איז שוין די העכסטע צייט צו טראַכטן וועגן הגרס געזעלשאַפטלעכער דערציונג, דאָס הייסט, ווי זי האָט עס פאַרשטאַנען — קאָנען אויסנוצן די מענער. פון הגרס אַפּאָטראָפּוס און באַשיצער סטאַמבוליאַן האָט זי, חוץ אַלע הוצאות אויף טואַלעטן און לערערס, אַרויסבאַקומען נאָך דרייהונדערט פונט, וועלכע זענען גלייך דעפּאָנירט געוואָרן אין דער אָטאָמאַנישער באַנק. דערדאָזיקער באָזאָרגער איז אָבער געשיקט באַזייטיקט געוואָרן, ווען אויף זיין אָרט האָט זיך באַוויזן אַ בעסערער צאָלער, אין דער פּערזאָן פון רוסישן אַדמיניסטראַטאָר פון טערקישן מלוכה-חוב, גראַף קונערסדאָרף.

שפּעטער איז די אַלטע אויך פון אים נישט געווען אינגאַנצן צופרידן: הגר האָט אים צו ווייניק אויסגענוצט.

זי האָט דעריבער באַשלאָסן אַרויסצושיקן איר ליבלינג אין דער וועלט. זאָל זי זיך בעסער באַקענען מיטן לעבן, מיט מענטשן. אַגב, האָט זי שוין פון הגרן אויפן פּלאַץ מער גאָרנישט געקאָנט פאַרדינען...

זי האָט דעריבער, כמעט אָן הגרס וויסן, אונטערגעשריבן אין איר נאָמען אַ קאָנטראַקט מיטן איינגנטימער פון אַ ניי-געעפנטן קאַבאַרעט אין סאַלאָניקי. זי אַליין האָט עס אויך אָנגעשריבן די קאַרטעס מיטן נאָמען און טיטול אויף הגרס שיינע קופערס — די מתנות פון גראַף קונערסדאָרף.

די שוימיקע, גרינלעכע, מאָנאָטאָן-זשומענדיקע כוואַליעס האָבן זיך איבערגעגאָסן אין דער לענג פון די פענסטערלעך און געוואָרפן באַוועגלעכע, גרויע שאָטנס אויף די ווייס-אויסגעקאַלכטע סופיטן פון די קאַיוטעס.

אין איינער פון די קאַיוטעס איז הגר געזעסן אויף אַ קאַזעטקע. איר גאַנצער גורל, איר גאַנצע צוקונפט איז געלעגן אין די פיר ווענט.

זי האָט אַרויסגענומען פון דער רעכטער קעשענע פון זשאַקעט אַ טייערן פּאָרטפעל פון האַוואַנאַ-לעדער — אויך אַ מתנה פון גראַף קונערסדאָרף — און אים איינגאַנצן אויסגעשאָקלט איבערן בעטל.

קודם-כל די באַנקנאָטן. זי האָט זיי איינגעלייגט לויט דער גרויס, עס זאָל זיין באַקוועמער צום ציילן. זיבעציק פונט — עס שטימט. אַן אָנווייזונג אויף דער פּיליע פון דער אָטאָמאַנישער באַנק אויף אַכטהונדערט פונט — אויך דאָס שטימט. צו סטאַמבוליאַנס דרייהונדערט פונט איז צוגעקומען נאָך טויזנט פונט פון גראַף קונערסדאָרף. דערפון איז אָבער אַראָפּגעגאַנגען אויף הוצאות און אויף אַ לעצט-געלט פאַר דער מאַדאַם לאַזאַרעסקאַ...

דאַן אַ פּאַס מיט אַ פאָטאָגראַפיע: זי איז פאָטאָגראַפירט, ווי אַ טענצערין מיט אַ בלישטשעדיקן דיאַדעם אויפן שטערן.

ענדלעך דער קאָנטראַקט מיטן קאַבאַרעט אין סאַלאָניקי, וואָס זיינע אַכצן פונקטן קאָן זי שוין אויסווייניק.

הגר האָט נאָכאַמאָל איבערגעלייענט דעם קאָנטראַקט — די געשריבענע ווערטער אויפן פּאַפּיר האָבן געמאַכט אויף איר גאָר אַן אַנדער איינדרוק.

די באַדינגונגען פון דעם קאָנטראַקט האָט זי אונטערגעשריבן מיט דער הכנעה, וואָס איז געווען דער גרונדשטריך פון איר כאַראַקטער.

איז עס געווען דערפאַר, וואָס זי האָט פיינט געהאַט זיך צו שפּאַרן און צו דינגען? איז עס געווען פון איר זייט אַ מין פּוילקייט, אָדער, ריכטיקער, אַ געפיל פון „זאָל עס גיין, ווי עס גייט" לגבי דעם אַלמעכטיקן גורל?

אַ פֿאַקט איז, אַז הגר האָט זיך זייער לייכט אונטערגעוואָרפן יעדן אויסערלעכן איינפֿלוס.

ווען אָנשטאָט דער פֿרוי לאַזאַרעסקאָ, וואָלט איר דער צופֿאַל צוזאַמענגעפֿירט מיט אַן אידעאַליסטישן גייסטיקן מדריך, וואָלט דער וועג פֿון איר לעבן זיכער געווען אינגאַנצן אַן אַנדערער. דערביי וואָלט אָבער אין איר פֿאַרבליבן די אייביקע דערוואַרטונג, די אייביקע בענקשאַפֿט נאָך עפּעס אַן אומבאַשטימטער זאַך, נאָך עפּעס אַ וווּנדער, א נס, — די בענקשאַפֿט, וואָס לעבט אין יעדן האַרץ פֿון א ייד.

די ערשטע פּונקטן פֿון קאָנטראַקט האָבן איר פֿאַרפֿליכטעט אויסצופֿירן יעדן אָוונט צוויי מזרח־טענץ. איר גרעסטער קונער איז געווען פֿול מיט קאָסטיומען, אין וועלכע זי האָט געדאַרפֿט אַרויסטרעטן אויף דער עסטראַדע. דאָ זענען געווען אַ מאַסע בלישטשדיקע גלעזלעך, דיאַדעמס, בראַנזאַלעטן און ברוסטהאַלטערס, אויסגעזעצט מיט שטיינדלעך און קרעלן אין שרייענדיקהעלע קאָלירן. דאָ זענען אויך געלעגן לייכטע שאַלן און שווערע טיכער, וואָס האָבן זיך געטראָגן אינדערלופֿטן, ווי וואָלקנס אין אַ שטורעם און דערביי געקלונגען צום טאַקט פֿון טאַנץ. אין דעם קופֿער זענען נאָר געלעגן די נאָטן צום טאַנצן, וואָס אַ געוויסער רומענישער מוזיקער האָט פֿאַר איר באַאַרבעט.

דאָס זענען געווען אירע מכשירים צו דער אַרבעט. מיט די מיטלען האָט זי זיך געקאָנט לאָזן אויף די גליטשיקסטע שטעגעלעך פֿון לעבן אונטער דער פֿאַרפֿירערישער מאַסקע פֿון קונסט...

די איבעריקע פּונקטן פֿון קאָנטראַקט האָבן באַשטימט גענוי אירע אַרבעטס־שעהן. פֿון זעקס אין אָוונט ביז דריי פֿאַרטאָג מוז זי זיך געפֿינען אין קאַבאַרעט.

דאָס זענען געווען די פֿיינלעכסטע פּונקטן, וואָס האָבן שוין מיט קונסט גאָרנישט צו טון. הגר האָט געמיינט, אַז עס גייט נאָר וועגן אירע צוויי טענץ. דערנאָך וועט זי זיך קאָנען גיין

אהיים--ווי זי וועט וועלן.

די פרוי לאזארעסקאָ האָט איר אָבער איבערצייגט, אז דער ברויטגעבער פון סאלאָניקי איז גערעכט.

— וואָס רעדסטו זיך איין? דו מיינסט, אז דו ביזט שוין די נאפיורקאָווסקא אָדער די מיסטינגעט? פון דיין טאנצן אליין וואָלט מען געקאָנט אויסהאלטן אזא אונטערנעמונג—אָן געטראנקען, אָן שאמפאניער און נאָך אזעלכע זאכן?

הגר האָט זיך אונטערגעגעבן. די פרוי לאזארעסקאָ איז דאָך גערעכט. זי האָט אונטערגעשריבן דאָס פאפיר און האָט פארשטאנען, וואָס זי האָט צו טון — זי דארף ווילן דעם עולם אין זאל. זי דארף פארברענגען מיט די געסט און זען מיט אלע מיטלען, אז דער בופעט זאָל מער לייזן.

דערפאר האָט זי באקומען צוויי פונט א טאָג, אָוונטברויט און צען פראָצענט פון רעכענונג פארן שאמפאניער, וואָס ווערט אויסגעטרונקען ביי איר טישל.

די פרוי לאזארעסקאָ האָט איר דאָן צוגעגעבן נאָך א לעקציע:

—דו נאריש קינד, פארשטייסטו דען נישט, אז פון דעם קאָנסטו האָבן די גרעסטע הכנסה? פון שאמפאניער אליין קאָנסטו האָבן פינף פונט אן אָוונט. אָבער דו מוזט זיין פריילעך, דו מוזט שטיפן און פארברענגען מיט די געסט. פארשטייסטו דאָך, אז די מאנספארשוינען קומען נישט אין אזעלכע ערטער אָנקוקן זויערע פנימער און טראכטן וועגן א חשבון-הנפש.

הגר האָט פארשטאנען.

פריילן דזשעסיקא איז אריינגעפאלן אין רעכטן יריד. אין דעם טייל פון דער אלטער וועלט האָט זייט פופצן יאָר געקאָכט, זיך געטומלט. די איטאליעניש-טערקישע מלחמה, די גריכיש-טערקישע מלחמה, די באלקאנישע מלחמה, די קאמפאניעס ארום די דארדאנעלן, אין מאקעדאָניע, אויף דער האלבאינדזל סיני, אין פאלעסטינע, אין סיריע—וואָסערע פארשידנפארביקייט פון מענטש-

לעכע טיפן! און דאָס אַלץ איז דורכגעגאַנגען דורך די לעבנס־צענטרען פון די שטעט אַרום די ברעגעס פון מיטללענדישן ים — דורך די קאַבאַרעטן פון קאָנסטאַנטינאָפּאָל, סאלאניקי, ביירוט, אַלעקסאַנדריע.

אין די אַלע ערטער איז דזשעסיקא געווען און אומעטום האָט זי אָפּגעשפּילט איר ראָל. פון קאַבאַרעט „לא מור בלאַנש" אין סאלאניקי איז זי איבערגעגאַנגען אין „בעלווי" אין אַלעקסאַנדריע, דאַן אין „מיראמאר" אין ביירוט, דאַן אין „מאסקאט" אין קאָנ־סטאַנטינאָפּאָל, און פון דאָרט איבער קאירא, אלעפּא, אטען און סמירנא — צוריק אין „לאַ מור בלאנש", „בעלווי", „מיראמאר" און „מאסקאט".

ביי אַזאַ וואַנדערלעבן ווערט דער גאַנצער טומלדיקער מזרח, ווי אַ קליין שטעטל, וווּ אויף יעדן עק גאַס באַגעגנסטו זיך מיט אַלטע באַקאַנטע. וואָס פאר אַ קאלײדאָסקאָפּ פון בילדער און געשעענישן! הגר האָט געזען אַ שווינדלדיקן צעפּעלין איבער סאלאניקי.

נאָך פריער האָט זי געהערט, ווי די הארמאטן פון דער טערקישער „האמידיע" האָבן געקנאַלט אין די קאַנאַלן צווישן די גריכישע אינדזלען. זי האָט געזען דעם טריומפצוג פון זאַגלול־פּאשא, וועלכער איז באַגריסט געוואָרן פון טויזנטער, מיט בלומען באַפּוצטע שיפלעך אויף די וואַסערן פון עגיפּטן; זי האָט געזען די גרויע וואָנסן פון פראַנצויזישן גענעראַל סאריי, דעם ליידיקן אַרבל פון גענעראַל גוראָ, די גלאַנצנדיקע ברילן פון דיפּלאָמאַט ווענעיזעלאָס; זי האָט געקאָנט דעם קליינעם, שרעקלעכן גענעראַל אין דעם קאַראַקולענעם קאָלפּאַק — עגוועור־פּאשא; זי האָט געקאָנט דעם הויכן, געלן פּאָלקאָווניק, וואָס האָט נאָך דעמאָלט געהייסן באַשיידן מוסטאף־קעמאַל־ביי — זי האָט אַ סך, אַ סך פון זיי גע־קענט... און קיינער פון זיי איז איר נישט אָנגעגאַנגען מער פון צווייטן!

אויפגעשטאנען אין אַ פרעמדער שטאָט, אין אַ צימער, וועלכן זי האָט נאָך נעכטן נישט געקאָנט, ווען די, זון האָט אריינגע־שאָסן די ערשטע הייסע שטראַלן דורך די שפּאַלטן צווישן די

רולעטן — האָט זי אָפּט זיך נישט געקאָנט דערמאָנען, פון וועלכער נאציאָנאַליטעט עס איז דער יונגערמאַן, וואָס ליגט ביי איר אין בעט, אַ פאַרשלאָפענער, אַ טויט־מידער. דאן האָט זי זיך אויפגעהייבן אויפן געלעגער און געוואָרפן אן אויג אויף די מונדירטיילן, וואָס האָבן זיך געוואַלגערט אויף די דיוואנעס און פאָטעלן.

און פאָרזיכטיק האָט זי זיך ווידער אוועקגעלייגט, כדי נישט אויפצוּוועקן דעם שלאָפעדיקן יונגנמאן, וועלכן זי וועט באלד פארלירן פון אויג.

ווער ווייסט, ווו ער וועט ערגעץ פארטראָגן ווערן אין דעם טומלדיקן יריד פון די מלחמה־געשעענישן — אין דעם יריד פון טויט!..

III

דאָס איז געווען אין יאָר 1911, ווען זי האָט פֿאַרלאָזן איר באַשיצערין און איז אָנגעקומען קיין סאַלאָניקי אָנהייבן איר קאַריערע.

פֿון יענער צייט זענען שוין אַריבער צוועלף יאָר — צוועלף יאָר, וועלכע זענען אין איר זכרון פֿאַרבליבן כמעט אַלע דיזעלביקע, נישט קוקנדיק אויף די אומגעוויינלעכע געשעענישן, וואָס האָבן אין דער צייט אויפֿגעטרייסלט די גאַנצע וועלט. דידאָזיקע צוועלף יאָר פֿון דער שענדלעכסטער אויסגעלאַסנקייט, וואָס איז געטריבן געוואָרן רעגולער, נאָרמירט, אין באַשטימטע שעהן, — האָבן גאַנץ ווייניק געווירקט אויף הגרס געזונט און אויף הגרס שיינקייט.

ווי זיי האָבן געווירקט אויף איר נשמה?

קיינער האָט עס נישט געוווסט, קיינער האָט הגרן נישט געקענט און אַמווייניקסטן האָט זי אַליין זיך געקענט.

די אַמאָליקע באַגייסטערונגען פון די קינדערשע יאָרן זענען פֿאַרשוווּנדן געוואָרן ערגעץ אין די טיפֿסטע באַהעלטענישן פון איר נשמה, און זי האָט אַפֿילו נישט געפּרוווט אַ טראַכט טון וועגן דעם, צי זיי שלאָפֿן נאָך דאָרט אָדער זיי זענען שוין אינגאַנצן אָפּגעשטאָרבן. צו קיינעם פֿון די באַקאַנטע מענער האָט זי זיך נישט צוגעבונדן און קיינער פון זיי האָט אויך פּשוט קיין

צייט נישט געהאַט זיך צוצובינדן צו דעם וואַנדער־פייגל, וואָס זוכט שטענדיק פאַר זיך אַ נייעם הימל איבערן קאָפּ.

נאָנט איז זי געוואָרן בלויז מיט עטלעכע חברטאָרינס פון פאַך. איר שיינקייט, נאָך אַלץ אַ ביסל אַ קאַלטע, ווי אַמאָל, איר גוטסקייט, אויך אַ ביסל אַ קאַלטע — צו פריילן דזשעסיקא האָבן זיך צוגעקלעבט עטלעכע הייסבלוטיקע, ווילדע און שטורמישע ווייבערשע נאַטורן.

אַזעלכע איז געווען נאַדעזשאַ, די גרוזינערין מיט די גרינע אויגן, וועלכע איז געשטאָרבן פון צופיל פאַרשיכורן זיך מיט קאָקאַאין אין יאָר 1919 אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל.

ענלעך איז געווען די פריינטשאַפט צו איר פון דעם צווילינג, בייבי און קעטבי, סמירנער מיידלעך, וועלכע זענען טראַגיש אומגעקומען: איינע האָבן די טערקן אויפגעהאָנגען אין ברוסא און די צווייטע האָבן די גריכן דערשאָסן אין אַטען — ביידע פאַר שפּיאָנאַזש. די אָרעמע, אומשולדיקע שפּיאָנקעס האָבן נישט געוווסט, אַז זיי אַרבעטן איינע קעגן דער צווייטער און זיי האָבן אויך קיין אַנונג נישט געהאַט דערפון, אַז מיט די פּיאַסטערס און דראַכמעס, וועלכע זיי באַקומען, שלעפּן זיי אויף זייערע קעפּ אומגליקן און צרות.

הגרס אַ צוגעבונדענע פריינדין איז געווען די פּאַרוואָלקג־טע, פאַרנעפּלטע יידישע שיינהייט טאַמאַרע. זעקס חדשים האָט זי צוזאַמען מיט איר געוווינט. איצט האָט זי נישט וועגן איר קיין שום ידיעה, און פּונקט אַזוי האָט זי פאַרלוירן פון אויג די פראַנצויזישע זינגערין, רענע אַוורי.

די לעצטע איז געווען הגרס ליבלינג. אפשר איז עס געשען דערפאַר, וואָס הגר האָט זי צוויי מאָל אַרויסגעהאָלפן אין אַ נויט: איינמאָל האָט זי איר אַרויסגעראַטעוועט פון די הענט פון דער פּאָליצייַ אין ביירוט און אַ צווייט מאָל, אין אַלעק־סאַנדריע, האָט הגר איר אַרויסגעהאָלפן מיט געלט, ווען יענע איז געווען איינגאַנצן פאַראָרעמט.

אוועקגעפאָרן איז זי פּלוצלונג, און פון דעמאָלט אָן האָט נישט הגר קיין פריינדין.

איר לעבן האָט זיך געצויגן ווייטער. אַמאָל האָט עס זי אַרויפֿגעטראָגן אין דער הויך און אַמאָל אַראָפּגעקייקלט אין דערנידער. זי האָט געהאַט צייטן פֿון ערפֿאָלג און צייטן פֿון שרעקלעכער נויט. אין אַזעלכע שווערע צייטן פֿלעגט זי אַרומגיין אין אַ קלייד פֿאַר הונדערט פֿונט און אין צעריסענע סאַטינענע פּאַנטאָפֿל און זוכן ערגעץ עטלעכע גראָשנס צושטייער אויף אַ בײַלעט אין דריטן קלאַס, צו קאָנען פֿאָרן אין אַן אַנדער, מער מזלדיקער שטאָט, אָדער פּשוט אויף עפּעס אָפּצועסן — דעמאָלט פֿלעגט זי זיך מוזן חברן מיט אַ שאָפֿער פֿון אַ טאַקסאָמעטער, אָדער מיט אַ פֿאַרדעכטיקן בעדואין. די נויט האָט געטריבן, האָט גובר געווען די שרעק פֿאַרן שפּיטאָל... און פּלוצלונג, מיט אַ טאָג, צי צוויי שפּעטער, אָן אַ שום געשעעניש, באַווייזט זיך צוריק דער גאָלדבאַפֿליגלטער ערפֿאָלג, און ווידער קומען טעג זאָרגלאָזע, גליקלעכע.

דער פֿרילינג פֿון יאָר 1923 טרעפֿט הגרן אין אַלעקסאַנדריע אין אַ שווערער צייט פֿון איר לעבן. דאָס געלט, וואָס זי האָט מיטגענומען מיט זיך פֿון קאָנסטאַנטינאָפּאָל, ווען זי איז אַרויס אין דער וועלט, איז צעקראָכן געוואָרן, ווידער אויסגעוואַקסן און ווידער צעקראָכן געוואָרן.

איצט זענען פֿון דער סומע געבליבן בלויז עטלעכע פֿונט. הגר האָט דורכגעמאַכט אַ שווערע גריפּע, וואָס האָט זי איבער אַ חודש נישט געלאָזן אַרויסגיין פֿון שטוב. צוליב דער קרענק האָט זי אויך פֿאַרלוירן די אַרבעט אין „בעלוויו". אומזיסט האָט זי שפּעטער אַרומגעבלאָנדזשעט פֿון איין דירעקטאָר צום צווייטן און אַלעמאָל פֿאַרקלענערט אירע פֿאָדערונגען — אַלע פּלעצער זענען שוין געווען פֿאַרנומען ביזן סוף פֿון סעזאָן.

הגר האָט געמוזט טראַכטן וועגן מאַכן זיך נײַע טואַלעטן. זי האָט אָבער אויף דעם קיין געלט נישט געהאַט.

זי איז שוין נישט איינמאָל געווען אין אַזאַ לאַגע און שטענדיק איז פֿון ערגעץ געקוקען אַ ישועה.

זי האָט זיך דעריבער אויך איצט נישט גענומען שטאַרק

צום האַרצן איר לאַגע, כאָטש זי האָט געמוזט צוגעבן, אַז שוין לאַנג האָט זי נישט געזען איר צוקונפט אין אַזעלכע טונקעלע פאַרבן.

הגר האָט געגעסן פרישטיק אין אַ קליינער רעסטאָראַציע אויפן בולוואַר, וואָס ווערט באַזוכט אַמערסטן פון אַרטיסטן פון גריכישע טרופעס.

ווען זי איז צוריקגעקומען אַהיים, האָט זי ביי זיך הינטער דער טיר געפונען אַ בריוועלע.

ה׳ סאַמפּיעטרי האָט איר געבעטן, זי זאָל וועגן אַ וויכטיקן ענין קומען צו אים אין ביוראָ.

סאַמפּיעטרי, אַן אימפּרעסאַריאָ פון מאַלטאַ, האָט איר שוין עטלעכע מאָל פאַרגעלייגט קאָנטראַקטן, אָבער זי איז אַלץ געווען פאַרנומען. מיט עטלעכע טעג צוריק איז זי ביי אים געווען. דע־מאָלט האָט ער איר געענטפערט, אַז ער האָט גאָרנישט. איצט מיטאַמאָל זיין בריוו. עס איז, אַפנים, אַ גוטע ידיעה.

ווען זי איז געשטאַנען אויף דער שוועל פון זיין ביוראָ, האָט ער שוין אויסגעשריען:

—איך האָב פאַר דיר עפעס, מיין קליינע.

—דאָ?

—דאָס נישט. דו ווייסט דאָך, אַז דאָ איז אַלץ באַזעצט. ערגעץ אַנדערש. פאַר אַ נסיעה וועסטו דיך דאָך נישט אָפּשרעקן?

—וווהין דאַרף מען פאָרן?

—קיין ח י פ ה.

זי האָט אים אָנגעקוקט, אַ פאַרוווּנדערטע, און מיט פאַר־דרוס.

—דו ווייסט נישט, ווו דאָס איז?

—איך ווייס. פאַרנדיק פון ביירוט, בין איך דורכגעפאָרן חיפה. דער דאַמפער האָט זיך דאָרט אָפּגעשטעלט אויף דריי שעה, אָבער איך האָב נישט געוואָלט אַראָפּגיין אין שטאָט.

זי האָט זיך אָנגעבלאָזן.

—עס האָט מיר אויסגעזען, ווי אַ קליין מיאוס שטעטל.

—די שטאָט אַנטוויקלט זיך איצט,—האָט איר סאַמפּיעטרי דערקלערט.—עס איז אמת: די באַוועגונג איז דאָרט אַ קליינע, אָבער גראָד אין אַזעלכע ערטער קאָן מען האָבן אַ צוקונפט.

סאַמפּיעטרי האָט איר ווייטער אינפאָרמירט, אַז אין גאַנץ חיפה איז פאַראַן נאָר איין אייראָפּעיש קאַפעהויז. אַזוי ווי די שטאָט אַנטוויקלט זיך שנעל און וואַקסט פון טאָג צו טאָג, אַ דאַנק דעם פאַרקער פון די ענגלענדער און יידן, האָט דער אייגנטימער פון דעם קאַפעהויז, זיינער אַ פריינט, באַשלאָסן איינצואָרדענען אין זיין אַנשטאַלט אַ קאַבאַרעט. אַן אָרקעסטער האָט ער שוין. איצט האָט ער זיך צו אים געווענדט וועגן אַרטיסטן.

— ער וויל אָנהייבן קליין. דערווייל נאָר איין טענצערין, אָדער אַ זינגערין. שפּעטער, אויב דאָס געשעפט וועט גיין—און עס וועט זיכער גיין—וועט ער ברענגען מער אַרטיסטן. די ערשטע וועט האָבן ביי אים אַ פּריווילעגירטע שטעלונג: זי וועט העלפן צוזאַמענשטעלן דעם פּראָגראַם, אויסקלייבן אַרטיסטן א. אז. וו.—זי וועט זיין אַ מין קינסטלערישע לייטערין.

— וויפל וועט ער צאָלן?

— אין אָנהייב אַן עגיפּטישן פונט אַ טאָג, אָוונטברויט און צען פּראָצענט פון בופעט, ווי געוויינלעך. געמאַכט?

— געמאַכט! אָבער נאָר אויף איין חודש, און אין דער צייט וועסטו פאַר מיר עפּעס אויסזוכן אין אַלעקסאַנדריע. דאָרט וועט מיר, דאַכט זיך, נישט זיין זייער אינטערעסאַנט.

— אַ וואָרט. צוגעזאָגט. אויף ווען זאָל איך טעלעגראַפירן דיין קומען?

— ווי פאָרט מען דען קיין חיפה?

—וועסט אַרויספאָרן פונדאַנען פיר ביי טאָג, ביינאַכט וועסטו דיך איבערזעצן אין קאַנטאַראַ—ווייסט דאָך, איבערן קאַנאַל—און אויף צומאָרגנס, ניין אינדערפרי, ביזטו אין חיפה. אָבער פאַרגעס נישט, אין פּאַלעסטינע גייען נישט די צוגן זונטיק.

— היינט האָבן מיר פרייטיק. קאָנסט טעלעגראַפירן, אַז

איך קום דינסטיק פרי, אָבער זאָל ער מיר אַרויסשיקן געלט אויף הוצאות.

— פאַרשטייט זיך.

אין אָפּגערעדטן טאָג איז הגר אַרויס אויפן פּעראָן פון וואָקזאַל אין חיפה. פון גראַף קונערסדאָרפס שיינע קופערס איז שוין געבליבן נישט מער, ווי איינער, און דאָס אויך שוין אַ שטאַרק אָפּגעריבענער. אַנשטאָט דעם צווייטן קופער, האָט זי איצט געהאַט אַ געפלאָכטענעם קויש, פאַרדעקט מיט אַ גרויער הילע.

איבערגעלאָזן די זאַכן אויפן וואָקזאַל, האָט זי גענומען אַ דראָשקע און זיך געלאָזן זוכן איר קאַפּעהויז.

דער ערשטער איינדרוק פון דער נייער היים איז געווען פשוט אַ פאַרצווייפלטער. אַ רעגן האָט געגאָסן. דער קאַלך-שטויב איז אונטערן רעגן פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ קלעפּיקער בלאָטע, און זי האָט באַדעקט די גאַסן פון שטאָט, וועלכע האָט אויסגעזען, ווי עפּעס אַ נישט-פאַרענדיקטע געביידע. דערפאַר האָט זי דאָ נישט באַמערקט קיין שפּור פון דער תּמימותדיקער נאַכלעסיקייט, וואָס איז אַזוי באַקאַנט אין די מזרח-לענדער. די עטלעכע מאַכמעדאַנער, וואָס זי האָט באַגעגנט, האָבן עפּעס נישט אויסגעזען אַזוי, אַז זיי זאָלן זיך דאָ פילן, ווי ביי זיך אינדערהיים. דאָ האָבן זיך אויך נישט געוואָרפן אין די אויגן די באַקאַנטע מאָלערישע שלעגערייען פון קלייבוואַרג אין די גאַסן-שטיל אַרום. די אַטמאָספערע איז אַ שווערע — ווי אין אַ תּפיסה.

נישט ווייט, צו דרום, האָט זיך אויסגעשיילט, אַזוי ווי אין אַ נעבל, פון די שווערע טונקעלע וואָלקנס, דער גרויסער מאַסיוו פון הר-הכרמל.

הגר האָט באַמערקט עפּעס מענטשן, אָנגעטון אַזוי ווי אַרבעטער פון די אייראָפּעיִשע פאָרשטעט. זיי זענען פאַרבייגעגאַנגען און האָבן געוואָרפן אומרויִקע בליקן אויף דער פאַרבייפאָרנדיקער דראָשקע.

הגר האָט מיט פּאַרדרוס געטראַכט וועגן דעם, אַז אָט די געשטאַלטן זענען אירע גלויבנסברידער.

ענדלעך האָט זי אָפּגעזוכט איר קאַפּעהויז אויפן ברעג פון ים. דאָס איז געווען אַ הילצערנער בנין מיט אַ וואַרענדע, געשטיצט אויף סלופּעס, וואָס זענען געשטאַנען אין וואַסער. ביי אַ לויטערן הימל האָט די אויסזיכט פונדאַנען געדאַרפט זיין גאַנץ שיין.

דער באַלעבאָס פון קאַפּעהויז, ה׳ דיוויזיאַ, האָט באַגריסט הגרן מיט אַ סך רעווערענסן. עס איז קענטיק געווען, אַז ער איז אַ ביסל צעטומעלט פון דעם געדאַנק, וואָס די דאָזיקע עלעגאַנטע יונגע דאַמע וועט אַרבעטן ביי אים — אין זיין אַנשטאַלט.

— איך האָב דאָ נאָכגעזוכט אין שכנות אַ צוויי־דריי שיינע צימערן. איר דאַרפט נאָר אויסקלייבן, וועלכן צימער איר נעמט, און איר קאָנט זיך באַלד דאָרט אַריינציען.

— אַ דאַנק, — האָט הגר געענטפערט. — ווען הייבן מיר אָן?

— כאָטש היינט אין אָוונט, אויב איר ווילט וועלן. די אַפישן זענען שוין אויסגעקלעבט איבער דער גאַנצער שטאָט. איך האָף, אַז עס וועט זיין אַ גרויסער עולם, איר וועט זען.

— איך מוז מאַכן אַ רעפּעטיציע.

— פאַרשטייט זיך. איך האָב באַשטעלט אויף דריי דעם ה׳ גרינבערגן, מיין קאַפּעלמייסטער.

דריי בייטאָג, ווען הגר איז צוריקגעקומען אין קאַפּעהויז, האָט זי שוין געטראָפן דעם קאַפּעלמייסטער, גרינבערג. אַ הויכער און אַ מאָגערער בלאָנדער יונגערמאַן. ער מיט דער פּיאַניגאַ זענען געווען דער אָרקעסטער, מיט וועלכן ער האָט עס געזאָלט דירינירן.

ער האָט געהאַלטן אינמיטן אַ שמועס מיט ה׳ דיוויזיאַ.

—די שיף וועט נישט קומען פריער, ווי אין צוועלף טעג ארום. איר האָט נאָך, אַלזאָ, צוויי וואָכן צייט, צו געפינען עמעצן אויף מיין אָרט.

די פּראָבע מיט הגרן איז אַדורכגעגאַנגען נישט שלעכט. הגר האָט געפרעגט דעם דיריגענט:

— איר פאַרלאָזט חיפה?

גרינבערג האָט פריי אָפּגעאָטעמט.

— אָ, נישט, צו פרי.

עס איז נישט אַנגענעם, ווען דו קומסט אין אַ פרעמדער שטאָט אויף אַ לענגערער צייט און דו באַגעגנסט גלייך איינעם, וואָס פאָרט אַוועק פון דער שטאָט מיט אַזאַ שמחה.

הגר האָט נישט דרייסט געפרעגט:

— איר זענט אַ ייד?

— נאַטירלעך. ווען נישט דאָס, וואָלט איך דאָ נישט געווען.

— איך בין אויך אַ יידישע, — האָט הגר אַרויסגעשטאַמלט.

— עס איז מיר זייער אַנגענעם. יאָ, אָבער — אָבער מיט אייער פּראָפעסיע—אייך וועט קיינער אין דער קאָמבינאַציע נישט אַריינשלעפּן.

— וואָסערע קאָמבינאַציע?

ער האָט זי אָנגעקוקט, אַ פאַרוואונדערטער.

— אָט האָסטו דיר... נו, דעם ציוניזם מיין איך.

— אַך, אַזוי?—האָט הגר אונטערגעכאַפּט.—דאָס זענט איר אויך געקומען אהער קאָלאָניזירן דאָס לאַנד?

— מיר זענען דאָ אָרענטלעך אַריינגעפאַלן. פיינע הבטחות, אַ פּרעכטיק לאַנד—ווער עס קוקט עס נישט אָן!.. איר וועט דאָ זיין, וועט איר זען אינעווייניק, וואָס דאָ טוט זיך. איר וועט זען... שטיינער. זעקס חדשים—עפּעס אַ קלייניקייט: זעקס חדשים!—בין איך דאָ אָפּגעזעסן. גענוג פאַר מיר! איך פאָר אַוועק און איר דאַרפט וויסן, אַז נישט איך אַליין פאָר.

זיין האַרץ איז געוועז פול מיט פאַרביטערונג און ער איז

געווען צעפּרידן, וואָס ער קאָן זיך פּאַר עמעצן אויסרעדן.

— וואָלט מען אונדז כאָטש געגעבן אַ פּאַסיקע אַרבעט! איך אַליין, צום בײַשפּיל, בין געווען אַ סטודענט-מעדיצין אין באַן. דאַכט זיך, אַז איך וואָלט דאָ געקאָנט צונוץ קומען. און דאָך, מען האָט מיך אײַנגעשפּאַנט צו אַרבעטן בײַם שאָסיי, צווישן דזשענין און שכם. פּיין, נישטאָ וואָס צו רעדן, זעט אויס דאָס לאַנד פון אונדזערע אָבות! צום גליק, בין איך אַן אַמעריקאַנישער בירגער. ווען נישט דאָס, וואָלט איך אַזוי גיך קיין פּאַס נישט באַקומען. אײַנוואַנדערער קומען אַלץ ווייניקער, האַלטן זיי די ביז-אַהעריקע כמעט מיט גוואַלד *).

הגר האָט געשוויגן. זי האָט נישט ליב געהאַט זיך אַרײַנצעמישן אין פרעמדע ענינים. איר איז אָבער נישט אָנגענעם געווען צו הערן, אַז דאָס לאַנד, וואָס זי האָט עס זיך אין די קינדעריאָרן אויסגעמאָלט אין אַזעלכע שיינע פאַרבן, איז גאָר נישט מער, ווי אַ שטיינערנער מדבר.

גרינבערג האָט אָפּגעהוסט:

— איר רעכנט דאָ לאַנג צו פאַרבלײַבן?

— ווייניקסטנס אַ חודש. אויב ס'וועט מיר געפעלן, וועל איך קאָנען פאַרבלײַבן לענגער.

גרינבערג האָט געקוועטשט מיט די פּלייצעס און אַרויסגעשאָסן מיט אַ געלעכטער, וואָס איז ווידער איבערגעגאַנגען אין אַ הוסט.

— אָ, וועגן דעם קאָנט איר שוין זײַן גאַנץ זיכער.

אין אָוונט איז פאָרגעקומען דער ערשטער אַרויסטריט פון פריילן דזשעסיקאַ.

דער גרויסער, כאָטש נישט שטאַרק געקליבענער עולם האָט שטאַרק אַפּלאָדירט די פאָרשטעלונג. עס איז געווען קענ-

---

*) דער שרײַבער איז געווען אין ארץ-ישראל אין באַקאַנטן קריזיס-יאָר — 1923
דער איבערזעצער.

טיק, צו אין די מקומות האָט מען אַזעלכעס שוין לאַנג נישט געזען.

הגר האָט אָבער דעם אָוונט געטאַנצט אַ סך ערגער, ווי געווײנלעך.

לכתחילה האָט זי גערעכנט, אַז שולדיק איז דאָ געווען גרינבערגס אַקאָמפּאַנימענט. ער איז איצט געווען מער אויפגערעגט, מער נערוועיש, איידער בײַ דער פּראָבע.

בײַם צווייטן טאַנץ האָט זי אָבער געזען, אַז שולדיק איז גאָר אַן אַנדערער. אין אַ ווינקל פון זאַל, אײנער אַלײן בײַ אַ טישל, איז געזעסן אַ קלײן מענטשל, אַ מין קאַרליק, מיט אויסגעדרייטע פּיס. געטראָגן האָט ער גרויסע, שוואַרצע ברילן.

הגר האָט זיך געפּילט עפּעס מאָדנע, נישט רויק, ווען זי האָט געטאַנצט און געזען אָנגעשטעלט אויף זיך דידאָזיקע טונקעלע שטײפע גלעזער פון די ברילן.

IV

דער נעפּל איז זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען און נישט געציילטע שטערן האָבן זיך איבערגעפינקלט אין ים. דזשעסיקאַס ערפאָלג פון ערשטן אָוונט האָט איבערגעשטיגן אַלע דערוואַרטונגען. עס האָט אויסגעפעלט אין בופעט שאַמפּאַניער.

דיוויזיאַ, דער באַלעבאָס, האָט באַצייטנס געהייסן אָפּשטעלן אײן פלאַש ווײן, און אַרום דרײ פאַרטאָג, ווען דער לעצטער גאַסט האָט פאַרלאָזן דאָס קאַפעהויז, האָט ער אײנגעלאַדן הגרן און דעם דיריגענט, גרינבערגן, אויסצוטרינקען מיט אים אַ גלעזל.

דער באַלעבאָס איז געווען גערירט.

— מײנע טײערע, לאָמיך אײך האַרציק דאַנקען. איר פרײלן דזשעסיקאַ, האָט פּשוט אַנטציקט דעם עולם. וואָס פאַר אַ גראַציע, וואָסערע קאָסטיומען! מײנע שטענדיקע געסט קאָנען זיך נישט אָפּוווּנדערן. איר וועט זען, פרײלן, וואָס פאַר אַ נאָמען איר וועט דאָ קריגן. חיפה איז גאָרנישט אַזאַ קלײנע שטאָט, ווי עס זעט אויס. און איר, ה׳ גרינבערג — עס טוט מיר באמת לײד, וואָס איר פאָרט אַוועק.

— איר זענט זײער פרײנטלעך, ה׳ דיוויזיאַ, — האָט דער יונגערמאַן געענטפערט, — מיר איז דעריבער נאָך שווערער אײך איבערצוזאָגן נישט קײן פרײלעכע נײַס. איך האָב אײך הײנט

נעגעבן צוועלף טעג אָפּצווזכן אַ צווייטן אויף מיין אָרט. איצט מוז איך דעם טערמין פאַרקירצן. איך פאַר אַוועק אין אַכט טעג אַרום. מיין שיף, די „טעקסאַס", קומט אָן מאָרגן פרי, מיט אַ וואָך פריער, ווי עס איז אָנגעגעבן געוואָרן.

דעם ה' דיוויזיאָ האָט עס באמת פאַרדראָסן.

— אַ שאָד, אַ גרויסער שאָד.

און דערביי האָט ער צוגעגעבן:

— איך וועל נישט זאָגן, אַז איך האָב עס נישט דער־וואַרט, באַכדעם, ווי איך האָב געזען היינט ביי אונדז דעם ה' כּוכבא. די געשיכטע איז געוואָרן פאַר מיר באַך קלערער, ווען ער האָט פאַרפירט מיט אייך אַ שמועס. עס איז דאָס ערשטע מאָל, אַז ער קומט אַריין צו אונדז אין קאַפעהויז.

— עס איז אמת טאַקע. דאָס האָט ער מיר דערציילט, אַז די שיף קומט אָן פריער. „טעקסאַס" ברענגט אַ פופצן־צוואַנ־ציק קאָלאָניסטן, און ער איז געקומען ספּעציעל זיי אָפּוואַרטן. ביי דער געלעגנהייט האָט ער ווידער געפּרוווט מיך אַרויפירן אויפן דרך־הישר און צורעדן, איך זאָל בלייבן.

— און וואָס האָט איר אים געענטפערט?

— איר פאַרשטייט דאָך מסתּמא אַליין.

הגר האָט זיך אַריינגעמישט אין דעם שמועס.

— ה' כּוכבא? — איז עס נישט אַמאָל אַזאַ נידעריקער, אייב־געהויקערטער, אין גרויסע ברילן, וואָס איז געזעסן ביי אַ קליין טישל בעתן קאָנצערט?

— יאָ, דער איז עס, — האָט געענטפערט גרינבערג.

— ווער איז ער אַזוינער?

— דאָס איז אַ מענטש, וואָס האָט גרויסע איינפלוסן אין פּאַלעסטינע.

— וואָס טוט ער?

— וואָס ער טוט? ער טוט אַ סך פאַרשידענע זאַכן. אָפּי־ציעל איז ער דער אַדמיניסטראַטאָר פון דער קאָלאָניע טאַקע, מיט וועלכער איך שייד מיך איצט אַזוי גערן. די קאָלאָניע הייסט: „יעקבס ברונעם" און ליגט לעבן שכם. ער אַרבעט אויך אין אי־

מיגראַציע־אַמט. בכלל שטעקט ער אומעטום אַ ביסל אַריין די נאָז. מיר שיינט, אַז דער ענגלישער הויכקאָמיסאַר, סער הערבערט סעמיועל, פרעגט ביי אים אָפט אַן עצה, ווייל ער האָט מורא, אַז כּוכבאַ זאָל פריער נישט קומען צו אים אַליין מיט זיינע עצות. ווען אַלע ציוניסטן וואָלטן פאַרטריבן געוואָרן פון ארץ ישראל, וואָלט ה׳ כּוכבאַ זיכער געווען דער לעצטער אויף דער שיף. דאָס איז אַן אמתער פאַנאַטיקער פון דעם נייעם ישוב אין פאַלעסטינע.

דיוויזיאַ האָט זיך געוווּנדערט—אַ נישט צעפרידענער.

—האָט ער טאַקע דאָ אַזאַ גרויסן איינפלוס?

— זיכער, פאַרוואָס פרעגט איר עס?

— ווייל איך האָב מורא, איך וועל האָבן צוליב אים אומאַנגענעמלעכקייטן. ווען פריילן דזשעסיקאַ האָט געטאַנצט, האָט ער די גאַנצע צייט געקוקט אויף איר מיט אַ מאָדנער מינע אויפן פּנים, זאָל עס בלייבן צווישן אונדז. פאַרן אַרויסגיין האָט ער איר גאַנץ טרוקן אַ זאָג געטון, אַז אַזעלכע פאַרשטעלונגען קאָנען נישט שטאַרק מיטווירקן צום אויפהייבן די מאָראַל פון די נייאָנגעקומענע איינוואַנדערער.

גרינבערג האָט געלאַכט.

— איר האָט אים באַדאַרפט באַרויקן און ווייזן דעם סטאַטוט פון יאָר 1921. דאָרט שטייט בפירוש, אַז זיין טייערער סער הערבערט סעמיועל דערלויבט צו עפענען אין גאַנץ פאַלעסטינע עפנטלעכע הייזער, — אַ זאַך, וואָס איז ביזאַהער נישט געהערט געוואָרן אויף דער ערד פון אונדזערע אבות.

— אַ דאנק פאַר דעם פאַרגלייך! — האָט זיך אָפּגערופן הגר.

— מיין אַנשטאַלט איז נישט קיין שאַנדהויז!

— אַנטשולדיקט, איך האָב דאָס לחלוטין נישט געמיינט צו זאָגן. אָבער אויב מען מעג דאָס, מעג מען דאָך ווייניקער אוודאי.

גרינבערג האָט דערביי געלאַכט און זיך פאַרהוסט.

הגר איז געווען אויפגעבראַכט.

— עס איז אַלנפאַלס אַ פאַסקודנער פאַרשוין. זאָל ער זין נאָר נאָכאַמאָל דאָ באַווייזן...

דיוויזיאָ איז געוואָרן אומרויק.

— מיין טייערע — —

דער פיאַניסט האָט אים באַרויקט.

— האָט נישט מורא, איר וועט אים דאָ מער נישט זען ער איז נישט קיין קאַבאַרעט-מענטש. אים איז, אַפּנים, זייער גע[…] גאַנגען וועגן מיר, אַז איך זאָל דאָ בלייבן. אַנדערש וואָלט ע[…] זיך נישט אַנטשלאָסן אַהער צו קומען. פאַר מיר איז עס אַ שטיק[…] כבוד. איך נעם מיך דערמיט, פאַרשטייט זיך, נישט איבער, אָבער איך מוז מודה זיין, אַז ער איז אַן אומגעוויינלעך קלוגער מענטש, ווען אַלע דאָ וואָלטן געהאַט אין זיך זיין גלויבן, זיין חכמה און זיין עקשנות, וואָלט מען אפשר באמת געקאָנט עפּעס אויפּ־טון.

— ער איז דאָ כמעט אַזוי לאַנג, ווי איך,—האָט זיך אָפּ־גערופן דיוויזיאָ.

— ער איז געקומען אַהער, ווען ער איז אַלט געווען פינפאונצוואנציק יאָר. איצט מוז ער האָבן אַ יאָר פערציק. ער איז אַוועק פון ארץ־ישראל בעת דער מלחמה, און דאָס אויך אין ער אין אַ יאָר אַרום צוריקגעקומען אין אַן ענגלישן מונדיר. נאָך אין יאָר 1905 האָט אים דער באַראָן אַהער געשיקט אויף צו קאָנטראָלירן די חשבונות פון „ראשון לציון“.

— וועלכער באַראָן?—האָט הגר געפרעגט.

גרינבערג האָט זיך געוווּנדערט.

— איר זענט אַ יידישע און האָט קיינמאָל נישט געהערט וועגן באַראָן עדמונד ראָטשילד?

דיוויזיאָ האָט אויך באַקומען שטאַרק דרך־ארץ.

— דער ה׳ כוכבא קען טאַקע פּערזענלעך דעם באַראָן ראָטשילד?

— ער איז פינף יאָר געווען זיין סעקרעטאַר אין פּאַריז. דער באַראָן האָט אים אַהער אַרויסגעשיקט און ער איז שוין דאָ פאַרבליבן. דער באַראָן האַלט פון אים שטאַרק און האָט אים

מיט אַלע כּוחות געוואָלט ברענגען צוריק קיין פּאַריז. כּוכבא האָט אָבער דערפון נישט געוואָלט הערן. כּוכבא האָט געהאַלטן אין איין טענהן, אַז מען קאָן נישט זיין אין פּאַריז און העלפן אויפבויען דאָס לאַנד פון אברהם, יצחק און יעקב. מען מוז זיין אויפן אָרט און אַליין מיטהעלפן, מיטאַרבעטן, מיטבויען.

גרינבערג האָט זיך שטאַרק צעהוסט.

— הם, גענוג גערעדט. דער נעפּל פּאַרציט זיך ווידער. צייט צו גיין שלאָפן. איך וויל נישט פּגרן דאָ. זאָל שוין אַנדערע באשערט זיין דאָס גליק אויפצושטיין תּחית־המתים אין דעם לאַנד פון די אָבות. מוחל.

אין אַ וואָך אַרום האָט „טעקסאַס" אַוועקגעפירט מיט זיך דעם פּאַרביטערטן לעאָפּאָלד גרינבערג.

הגר האָט ליב געקריגן דעם יונגנמאַן. איר האָט פאַרדראָסן, וואָס ער איז אַוועקגעפאָרן. איצט האָט זי זיך געפילט נאָכמער עלנט אין דער שטאָט, צו וועלכער זי האָט זיך בשום אופן נישט געקאָנט צוגעוויינען. אַ שטיקל נחמה איז געווען פאַר איר דער בריוו פון ה׳ סאמפּיעטרי: דער אימפּרעסאַריאָ האָט איר געגעבן האָפענונגען אויף אַן אַנגאַזשמאַן אין אַלעקסאַנדריע. אין אַ חודש אַרום, ווען עס ווערט זיך ענדיקן איר קאָנטראַקט אין חיפה. ווי אַ גוטער פּאַרמיטלער איז עס, פאַרשטייט זיך, געלעגן אויך אין זיינע אינטערעסן, אַז זיין קליענטין זאָל וואָס אָפטער בייטן אירע קאָנטראַקטן.

הגר האָט דעם באַלעבאָס פון קאַפעהויז נישט געלאָזן קיין שום אילוזיעס וועגן איר פאַרבלייבן ווייטער אין חיפה. אין דריי וואָכן אַרום פאָרט זי אַוועק.

דעם ה׳ דיוויזיאָ האָט עס פאַרשאַפט גרויס עגמת־נפש. ער האָט טרויעריק געשאָקלט מיטן קאָפּ.

— איר האָט דאָך דאָ אַזאַ גרויסן ערפאָלג. איך פאַרשטיי ניט פשוט, פאַרוואָס מענטשן אַנטלויפן אַזוי גיך פונדאַנען.

אויף גרינבערגס אָרט איז אנגאזשירט געוואָרן אַ יידישער יונגערמאַן פון רוסלאַנד, שמואל לאָדז. ער האָט אויך פאַרלאָזן זיין קאָלאָניע אַרום טבריה, און נישט האָבנדיק קיין מעגלעכקייט צו באַקומען אַ פּאַס, האָט ער זיך אַרומגעשלעפּט אָן אַרבעט אין חיפה. ער האָט זיך געהאַלטן פאַר אַ גרויסן מוזיקער און גע־קוקט מיט פאַראַכטונג אויף זיין אַרבעט ביי דיוויזיאָן אין קאַ־באַרעט.

אין דעם אָוונט, ווען גרינבערג איז אַוועקגעפאָרן, וואָס איז אויך געווען דער ערשטער אָוונט אונטער דער מוזיקאַלישער דירעקציע פון שמואל לאָדז, האָט הגר אָנגעהייבן אירע טענץ אַרום ניין.

דער ערשטער, וועמען זי האָט באַמערקט אויפן זאַל, איז געווען יצחק כוכבא.

הגר האָט זיך געטראַכט:

— ער וויל אַוודאי צוציען אין זיין קאָלאָניע דעם נייעם פּיאַניסט.

געפילט האָט זי זיך אָבער ווייטער עפּעס נישט היימ־לעך, אַליין נישט פאַרשטייענדיק — פאַרוואָס.

ווען זי האָט געטאַנצט, זענען די שוואַרצע ברילן ווייטער געווען אָנגעשטעלט אויף איר — שטייפע, נישט באַוועגלעכע — נישט אויסצוהאַלטן!

אַרום צוועלף ביינאַכט האָט שמואל לאָדז צוזאַמענגענומען זיינע נאָטן און איז אַוועק. כוכבא האָט נישט אַרויסגעוויזן אפילו דעם מינדעסטן ווילן עפּעס צו רעדן מיט אים.

הגרן האָט עס פאַראינטערעסירט:

— זע, ער בלייבט דאָך. זאָל זיך נאָר מאַכן אַ געלעגנ־הייט, וועל איך אים „אַריינזאָגן."

זי האָט אים נאָך אַלץ נישט געקאָנט שענקען די באַמערקונג, וואָס ער האָט געמאַכט איר ברויטגעבער מיט אַ וואָך צוריק.

אין דער מינוט איז צו איר צוגעגאַנגען אַ קעלנער:

— אַ געוויסער הער האָט געבעטן אייך פרעגן, צי איר וואָלט נישט געווען אַזוי פריינטלעך זיך צוצוזעצן ביי זיין טישל.

— ווער איז ער?

— דער, ביי דער באַלוסטראַדע, אין די שוואַרצע ברילן!

— אָט האָסטו דיר!...

הגר האָט זיך אויפגעריסן פון אָרט.

זי איז געשטאַנען פאַר דעם הויקערל און האָט אים געקוקט גלייך אין די אויגן.

אָנגעשפאַרט מיטן עלנבויגן אָן טישל, האָט ער זיך נישט גערירט פון אָרט.

הגר איז געווען אָנגעטון אין אַ בלוי זיידן קלייד, אויסגעבייט מיט גאָלד, וואָס האָט געלאָזן אָפן אירע אָרעמס און איר בוזעם.

דער בליק פון די נישט געזעענע אויגן, וואָס זי האָט געפילט אויף איר לייב, האָט זי שרעקלעך צעטומעלט.

זי האָט זיך פאַרלוירן און געפרעגט נישט איבעריק העפלעך:

— איר האָט געהייסן מיך בעטן אַהער?

— יאָ, פריילן,—האָט ער געענטפערט מיט זייער אַ ווייכער, כמעט זינגעדיקער שטים.

און ער האָט זי נאָכאַמאָל איינגעלאַדן זיך צו זעצן.

הגר האָט הארט געענטפערט:

— עס איז מיין פליכט. איך מוז די איינלאַדונג אָננעמען

— וואָס וועט איר הייסן דערלאַנגען?

— אויב מעגלעך—שאַמפּאַניער.

זי איז נאָך אַלץ געווען דענערווירט און האָט ספּעציעל געזוכט צו זיין נישט העפלעך, כדי צו פאַרמאַסקירן איר צע-טומלטקייט.

ער האָט געענטפערט אינגאַנצן רויק:

— אפשר עפּעס אַנדערש, פריילן. שאַמפּאַניער איז פאַר מיר צו טייער.

זאָגנדיק דאָס, האָט ער אַראָפּגענומען די ברילן. הגר האָט זיך דערפילט אַזוי ווי פאַרכישופט. זי האָט געזען די אויגן פון יצחק כוכבא—דורכזיכטיקע אויגן, אָבער סאַמעטענע, ווייכע און זייער שוואַרצע, וואָס האָבן פּשוט אנטציקט מיט זייער טיפקייט און זייער טרויער. אַ דאַנק די אויגן, איז זיין מיאוס פנים גע-וואָרן אַזוי דורכגעלויכטן—פאַרקלערט, פאַרטראַכט.

הגר איז געשטאַנען אַן איבעראַשטע.

— זעצט אייך.

זי האָט אויטאָמאַטיש געפאָלגט און זיך אַוועקגעזעצט.

— איר זענט זיכער געקומען צו רעדן מיט הער לאדז?

זי האָט עס געפרעגט, כדי בכלל עפּעס צו זאָגן.

— לאדז? ווער איז עס אַזעלכער?

— דער נייער פּיאַניסט. ער איז אויך אַזוי ווי גרינבערג אוועק פון זיין קאָלאָניע. איך האָב דעריבער געמיינט, אַז...

ער האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ.

— איר האָט אַ טעות, פריילן. איך בין נישט געקומען אַהער צום ה׳ לאדז.

און ער ד'האָט באַלד צוגעגעבן, אַקצענטירנדיק יעדעס וואָרט:

—איך בין געקומען ספּעציעל צו אייך.

הגר האָט זיך פאַרוואונדערט.

—צו מיר?

זי האָט זיך געצוואונגען צו שמייכלען און צוגעגעבן:

—צו מיר? און איר האָט גאָרנישט מורא געהאַט אַריינצו-

קומען אהער — נישט מורא געהאַט פאַר דער באַליידיקטער מאָ-ראַל?

ער האָט זיס געענטפערט:

—עס וואָלט באמת געווען זייער טרויעריק מיט מיר, ווען איך וואָלט מיך אזוי לייכט געלאָזן אראָפּפירן פון דרך-הישר...

הגר האָט פארביסן א ליפּ.

— איר האָט, פריילן, שלעכט פארשטאַנען די ווערטער, וועלכע מען האָט אייך איבערגעגעבן. איך שרעק מיך נישט פאַר זיך.

—נאָר פאַר וועמען?

—איך שרעק מיך פאַר אַנדערע. פאַר מיינע ברידער, פאַר אונדזערע ברידער,—פאַר יענע, וועלכע גייען און לעבן נישט מיט אזעלכע זיכערע טריט. איבעריקנס, האָב איך אויך וועגן דעם נישט געטראַכט. ווען איך האָב געזאָגט די ווערטער, האָב איך געהאַט אין זינען דאָס גרויסע אויפבוי-ווערק. די אַלע זענען די אויסגע-ווילטע פּיאָנערן פון דער אַרבעט און זיי טאָרן זיך אפילו אויף איין מינוט פון דער אַרבעט נישט אָפּרייסן.

—וואָס איז עס פאַר אַן אַרבעט?

ער האָט נישט באַלד געענטפערט.

ער האָט געקוקט אויף הגרן מיט אַ געוויסן מיטלייד, וואָס האָט זי באַליידיקט און גלייכצייטיק באַאומרויקט.

ענדלעך האָט ער אַרויסגערעדט:

—איר זענט דאָך אַ יידישע...

—איז וואָס גייט עס אייך אָן?

—אַ יידישע!.. צי האָט איר זיך קיינמאָל נישט פאַרטראַכט וועגן די פליכטן, וואָס איר האָט אויף זיך לגבי אייערע ברידער, לגבי די מענטשן פון אייער פאָלק?

הגר האָט זיך גאַליק פאַנאַנדערגעלאַכט.

—איך? פליכטן? איר ווילט מיך, מיין הער. און זיי, די-דאָזיקע ברידער מיינע, ווי איר זאָגט, האָבן זיי עפּעס געהאַט

פליכטן לגבי מיר דעמאָלט, ווען איך בין געווען אַ קליין, אומ־גליקלעך, עלנט באַשעפעניש—ווי אַ שטיין פון וועג? מיין מאַמע איז אויך געווען אַ יידישע. זי איז געשטאָרבן פון הונגער. עס האָבן נישט געפעלט דעמאָלט קיין רייכע יידן אין קאָנסטאַנטינאָ־פאָל!

—האָט זיך ווירקלעך נישט געפונען קיינער פון אונדזערע, וואָס זאָל אייך העלפן אין אייער נויט?

אַ ווײַלע האָט זי געשוויגן.

זי האָט זיך געזען אַ קליין מיידעלע, וואָס איז צוגעטוליעט געוואָרן פון אַן אָרעמער יידישער משפחה אין גאַלאַטא. דאָרט זעט זי צום ערשטן מאָל דעם טייערן גאָלד־געהאָפטענעם זיידענעם פרוכת. איר פאַרביטערטקייט האָט אָבער דערשטיקט דידאָזיקע קליינע ערינערונג.

—ניין! קיינער נישט! קיינמאָל נישט!

זי האָט גערעדט שאַרף.

—יאָ, שפעטער זענען געווען עטלעכע. איך בין זיי גע־פעלן געוואָרן, האָבן זיי מיך געוואָלט קויפן!..

זי האָט געגלויבט, אַז דידאָזיקע גאַסנווערטער וועלן אים אַרויספירן פון גלייכגעוויכט. זיין גוטהאַרציקע רויקייט און זיין טאַקט האָבן זי שרעקלעך דענערווירט, געררייצט. און זי איז גע־ווען זיכער, אַז איצט וועט ער אויפשפרינגען, זי באַליידיקן.

זי האָט אויך דאָסמאָל זיך פאַררעכנט.

—די לופט איז פייכט. איר האָט דאָך אַ שאַל. נעמט אים אויף זיך. איר קאָנט זיך דאָ צוקילן.

און ער האָט ווייטער גערעדט אַלץ ווייכער, זיסער:

—איך פאַרשטיי גאַנץ גוט: איר זענט געווען אומגליקלעך. איר מיינט, אַז דאָס איז פאַר מיר אַ נייס? מיר אַלע ליידן — אין אַלע עקן וועלט. דאָס אומגליק איז, וואָס יענע, וועלכע וואָלטן געקאָנט העלפן די אומגליקלעכע, ווייסן נישט, ווו זיי צו זוכן. אָבער דאָס וועט זיך אויך ענדיקן. עס וועט זיך ענדיקן דעמאָלט, ווען אַלע, אַלע פאַרפאָלגטע, דאָס גאַנצע פאָלק, וועט זיך צו־

צוריפנעמען דאָ.

—און די, וועלכע זענען אַהער געקומען, פאָרן דערווייל צוריק.

זי האָט אין זיינע אויגן אויפגעכאַפּט אַן אָפּגלאַנץ פון אַזאַ טיפן צער, אַז זי האָט באַדויערט, וואָס זי האָט עס געזאָגט.

—דאָס האָט זיכער גרינבערג אייך דערציילט? — האָט ער געפרעגט.

—יאָ.

—אַז מ׳האָט אים פאַרפירט און אַלעמען פאַרפירט. אַז דאָס לאַנד, וווּ מ׳האָט זיי פאַרשלעפט, איז אַ שטיינערנער מדבר...

ער האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ.

—עס איז אמת. עס זענען נאָך דאָ אַ סך שטיינער. אַ סך האָבן מיר שוין אויסגעהאַקט. אויפן אָרט פון יעדן שטיין וואַקסט איצט תבואה, דער אָנזאָגער פון מנוחה און זעט. איר וועט זען...

—וואָס וועל איך זען?

זי האָט באַכאַמאָל איבערגעחזרט איר פראַגע.

כּוכבא האָט אַזוי ווי נישט געהערט, וואָס זי רעדט. ער האָט צוריק אָנגעטאָן די ברילן, מיט קליינע שלוקן האָט ער פאַרענדיקט זיין קופל האָלענדיש ביר.

איצט, אין דער שיינקייט פון זיין בליק, איז כּוכבא ווידער געוואָרן אַן עלטער, צעדרייטער הויקער, אָנגעטאָן אין אַ קאָמישן גרויען אַנצוג. די דאַרע פיס האָבן אַרויסגעשטאַרצט פון אונטערן שטול און פון די אַרבל האָבן זיך אַרויסגעזען די ביינערדיקע שווינדזיכטיקע הענט, באַדעקטע אינגאַנצן מיט זומערשפּרינקלעך.

הגר, אַ פאַרוואונדערטע, האָט זיך אַליין געפרעגט, ווי קומט עס, אַז דער עלטער פאַרשוין האָט געקאָנט אַרויסרופן אין איר עפּעס אַן אַנדער געפיל, אויסער רחמנות. אין דער מינוט האָט זי אויף אים בלויז רחמנות געהאַט.

זי האָט פּלוצלונג דערזען דעם הער דיוויזיאָ, ווי ער ווינקט צו איר דיסקרעט.

אין אַ צווייטן עק זאַל, אַרום אַ ספּעציעל ווייס-געדעקטן

טיש, האָט זיך צוגעזעצט די חיפּהר גאָלדענע יוגנט.

דער קעלנער האָט צעשטעלט גלעזלעך לעבן עמערס מיט אייז, פון וועלכע עס האָבן אַרויסגעקוקט די העלדזלעך פון שאַמפּאַניער-פלאַשן.

הגר האָט אים צוגעווונקען. זי זעט, זי גייט באַלד צו.

—איר וועט מיר אַנטשולדיקן. איך מוז אַוועקגיין.

—איר גייט ווירקלעך אַוועק?

—איר זעט דאָך: מ׳וואַרט אויף מיר.

ער האָט אויסגעצויגן אַ ציטערדיקע האַנט, אַזוי ווי ער וואָלט געוואָלט הגרן פאַרהאַלטן.

ער האָט גערעדט מיט אַ פאַרשטיקטן קול:

—קומט מיט מיר.

הגר האָט זיך אָפּגערוקט.

—וווהין?

—דאָרט, וווּ עס איז געווען לעאָפּאָלד גרינבערג, וווּ איך בין דאָ, וווּ אַנדערע ברידער זענען.

הגר האָט זיך צעלאַכט.

זי איז אויפגעשטאַנען.

—אָט האָסטו דיר! איך מוז צוגיין צו יענע הערן. איך האָב מיך מיט זיי אָפּגערעדט. איך ראַט אייך: זייט אַ ביסל קליגער און גייט אַהיים. אַ גוטע נאַכט.

איצט איז ער אויך אויפגעשטאַנען פון אָרט.

אין האַנט האָט ער געהאַלטן זיין ווייכן בראָנזענעם קאַפּלוש.

הגר האָט באַמערקט, ווי עס ציטערן אים די קני.

—איך וועל נאָך קומען אַהער,—האָט ער אַרויסגערעדט.

—ווי איר פאַרשטייט.

אַרום דריי פאַרטאָג, ווען דאָס קאַפעהויז איז שוין געשלאָסן געוואָרן, האָט דעוויזיא זיך געווענדט צו הגרן מיט אַ

ביסל אַ נישט זיכערן שמייכל:

—איך האָב געזען, אַז איר האָט געהאַט אַ לענגערן שמועס מיט כּוכבאן. האָט ער אייך אויך איבערגערעדט, איר זאָלט צו־שטיין צו זיין קאָלאָניע?

—איר האָט געטראָפן.

דזגר האָט מיט אַ לייכטן זשעסט באַוויזן זײַן ברויט־געבער, ווי קאָמיש עס איז די געשיכטע און ווי ווייט זי איז דערפון.

אין עטלעכע טעג אַרום, אין אָוונט, איז הגר געזעסן און געשמועסט מיט עטלעכע שטענדיקע געסט פון קאַפעהויז. עס איז געווען דער ה׳ טעפּיק, אַן אַדוואָקאַט פון לבנון, ה׳ לוצאַנאַ, אַ רייכער סוחר פון חיפה, און ה׳ מאָנטאַנאַ, דירעקטאָר פון דער אָרטיקער אַגענטור פון אַ שיפגעזעלשאַפט.

מאָנטאַנאַ האָט גערעדט וועגן דער שיף פון זיין געזעל־שאַפט, וואָס איז היינט אָנגעקומען קיין חיפה.

— „קאַנאַדע” האָט דורכגעמאַכט ביי קרעטאַ אַ שווערן שטורעם.

— זענען עפּעס געקומען אַ סך קאָלאָניסטן?

— צוועלף פּערזאָן, נישט מער. פאַראַיאָרן אין דער צייט זענען געקומען אַ פופציק־זעכציק מענטשן.

— נישט מער, ווי צוועלף? איך האָב געהערט, אַז עס האָבן געדאַרפט קומען פינפאונצוואַנציק.

דאָס האָט זיך געוווּנדערט טעפּיק, וואָס איז געווען דער אַדוואָקאַט פון דער שיפגעזעלשאַפט.

— נישט מער. די אַנדערע זענען ערגעץ צערונען גע־וואָרן אין וועג. זיי האָבן, אַפנים, זיך געפונען בעסערע ערטער. ווען כּוכבא האָט זיך וועגן דעם דערוווּסט, האָט עס אים גע־קאָסט געזונט. ער האָט מיר שיער נישט געמאַכט אַן אַוואַנטו־רע, פונקט ווי איך וואָלט געווען דאָ דער שולדיקער...

הגר האָט זיך געכאַפּט.

—כּוכבא איז אין חיפה?

— יאָ, ער קומט אהער פון שכם יעדעס מאָל, ווען אַ שיף ברענגט נייע קאָלאָניסטן.

— ער וועט מסתמא דאָ היינט זיין?

— איך צווייפל שטארק, מיין טייערע. כוכבא איז נישט פון די מענטשן, וואָס פארברענגען אין קאפעהייזער.

ביים טיש איז אויך געזעסן טרומבעטא, איינער פון הגרס היציקסטע פאַרערער.

ער האָט זיך איצט אָפגערופן:

— כוכבא איז דאָ געווען נאָר צוויי מאָל, און דאָס אויך ערשט זייט דו ביזט דאָ געקומען. די געשיכטע איז עפּעס נישט גלאַטיק...

סטעפאַנידעס, אַ שיינער יונגערמאַן פון דערוזעלביקער קאָמפאַניע, האָט זיך אָפגערופן:

— וואָס רעדסטו? דאָס האָט זי דאָך זיך אין אים פאַרליבט.

הגר האָט געלאַכט.

— איר זענטביידע אַ פּאָר אידיאָטן. ער האָט מיך דער ערשטער איינגעלאַדן. לאָזט זיך נישט אויסכאַפּן, וועט איר זען, צי איך וועל צוגיין צו זיין טישל. פאַרשטייט זיך — אויב דאָ ביי אייך וועט זיין שאַמפּאַניער.

— בראַוואָ! — האָט דאָס יונגוואַרג אויסגעשריגן. — געמאכט!

הגר איז גערעכט געווען.

בעת דער פאָרשטעלונג איז כוכבא געזעסן אויף זיין פּלאַץ ביי דעמזעלבן טישל.

הגר האָט אַליין פאַר זיך געמוזט מודה זיין, אַז זי וואָלט זיך געפילט אַ ביסל אָפּגענאַרט, ווען זי וואָלט אים דאָרט נישט געזען...

פונקט ווי דעמאָלט, איז אויך איצט, נאָכן טאַנצן, צוגעקומען צו איר דער קעלנער:

—פריילן דזשעסיקא, דער הער אין די ברילן בעט אייך צו זיין טישל.

—זאָג איבם, אַז איך בין שוין איינגעלאַדן אויפן גאנצן אָוונט.

און זי האָט זיך צוגעזעצט צו דער יונגער חברה, וואָס האָט שוין געהאַט אויסגעליידיקט עטלעכע פלאַשן שאַמפּאַניער און איז שוין געווען אַ ביסל בגלופינדיק געשטימט.

כוכבא איז נאָך אַלץ געזעסן אומבאַוועגלעך ביי זיין טישל. ער האָט געמאכט דעם איינדרוק, אזוי ווי ער וואָלט האָבן אינגאנצן פארמאכט די אויגן אונטער דעם צודעק פון זיינע שווארצע ברילן.

טרומבעטא האָט „אָנגעשלאָגן" אַ גלעזל מיט דער טענצערין און אויסגעשריגן א צעפרידענער:

—קיינמאָל איז דזשעסיקא נאָך נישט געווען אַזוי פריילעך, ווי היינט!

סטעפאַנידעס איז אויך אַריינגעפאַלן:

—קוקט נאָר אָן איר אַמאַנט! קוקט אָן אַ מאַלפּע!

ער האָט צוגעצויגן הגרן צו זיך.

חברה האָט זיך צעשריען:

—האַלאַ! האַלאַ!

הגר האָט אָבער סטעפאַנידעסן פון זיך נישט אָפּגעשטויסן.

אַרום איינס ביינאַכט איז די צאָל פון די אויסגעטרונקענע פלאַשן שטאַרק אויסגעוואַקסן. עס איז אויך געוואַקסן דער האַרמידער און דער טומל אַרום טישל.

קוכבאַ איז נאָך אַלץ געזעסן אויף זיין פּלאַץ.

ווען אירע „פריינט" ביים טישל זענען שוין געווען גאָר שטאַרק בגלופין, האָט הגר אויף אַ מינוט זיך אַוועקגעגנבעט.

ווען זי איז אַריין צוריק אין זאַל, האָס זי זיך באַגעגנט אויג אויף אויג מיט כוכבאן.

—צי האָט איר גאָר קיין בושה אין זיך נישט?

הגר האָט זיך אַוועקגעשטעלט חוצפהדיק:

—וואָס ?!!

—איך פרעג אייך נאָכאַמאָל: צי האָט איר נישט קיין פונק בושה אין זיך?

הגר האָט זיך אָנגעצונדן:

—לאָזט מיך אָפּ!

און פילנדיק, אַז ער דריקט איר האַנט נאָך פעסטער, האָט זי נאָך העכער געשריען:

—צי איך האָב אין זיך קיין בושה נישט? אַך, יאָ, איך פאַרשטיי: אייער נאַציאָנאַלער שטאָלץ איז באַליידיקט. אַ טאָכטער פון אויסדערוויילטן פאָלק ליגט אין גויעשע אָרעמס. עס געפעלט אייך נישט? איר לאַך פון אייך! אָט האָסטו דיר אַן עקזעמפליאַר! צי ווער מיר אָפּלאָזן די האַנט?!

די לעצטע ווערטער האָט זי אַרויסגעשריגן הויך אויפן קול.

אַלע אויף דער וואַרענדע האָבן זיך אומגעקוקט. עס האָבן זיך געהערט אויסרופן און דראָונגען.

כוכבא איז געבליבן שטיין. אַ ווײַלע האָט ער געטראַכט. ענדלעך האָט ער ברוטאַל אַ שטויס געטון פון זיך הגרן און פאַרשוונדן געוואָרן אין דער פינסטערניש פון גאַס.

אויף צומאָרגנס, נאָך אַ שלעכט דורכגעשלאָפענער נאַכט, איז הגר, ווי געוויינלעך, געקומען אין קאַפעהויז. עס איז געווען נאָכמיטאָג.

אויף דער וואַרענדע איז נאָך קיינער נישט געווען—אויסער איין כוכבא, וועלכער איז געזעסן אויף זיין שטענדיקן פלאַץ.

ווען זי איז אריין אין זאל, איז ער צוגעגאנגען צו איר.

— איך בין געקומען זיך פאר אייך אנטשולדיקן, פריילן. זעצט זיך צו מיט מיר אויף א מינוט ביים טישל. דאָס וועט זיין פאַר מיר אַ באַוויַיז, אַז איר זענט נישט בייז אויף מיר.

הגר איז צעטומלט געוואָרן. זי האָט זיך אינגאַנצן פאַר־לאָרן און—זיך אוועקגעזעצט.

—זאָגט מיר, אַז איר זענט שוין אויף מיר נישט בייז.

הגר האָט גערעדט גאַנץ שטיל.

— איך מוז ביי אייך אויך בעטן אַנטשולדיקונג. איך האָב צופיל געטרונקען...

—מיר זענען ביידע, צום באַדויערן...

זיי זענען אַנטשוויגן געוואָרן.

הגר איז געווען טיף גערירט. אַליין נישט וויסנדיק, וואָס זי טוט, האָט זי געמישט מיטן לעפעלע אין דעם גלעזל, וואָס דער קעלנער האָט איר דערלאַנגט.

ענדלעך האָט זי געפרעגט:

—איר פאָרט אוועק?

—מאָרגן פרי. די נאָענטסטע עמיגראַנטנשיף קומט אָן דעם זעקסטן אַפּריל. איר פאָרט אין צען טעג אַרום קיין עגיפּטן — יאָ?

—יאָ.

—מיר וועלן זיך, הייסט עס, מער נישט זען.

הגר האָט געשוויגן.

—הערט מיך אויס, פריילין, הערט מיך אויס!— זיין זינגענ־דיקע שטים האָט זיך אַזוי ווי איינגעבראָכן.— ווען איך וואָלט אייך עפּעס געבעטן, וואָלט איר מיר נישט אָפּגעזאָגט?

—וועגן וואָס?

—מ׳האָט אייך, פריילין, אַנדערצײלט אַ סך שלעכטס וועגן אונדזער זאַך. איך וואָלט געוואָלט, איר זאָלט זיך אַליין איבער־צייגן, אַז מ׳האָט אייך נישט דערציילט דעם אמת, אַז מיר נאַרן נישט אָפּ, נישט אונדזערע ברידער, נישט אונדז אַליין. איר קערט זיך אום, פריילין, צו אייער לעבן—אַהין, ווו עס ציט אייך דער גורל. עס גייט אונדז נישט וועגן אייער הסכמה. זייט אָבער אויך נישט קעגן אונדז.

—וואָס דאַרף איך טון?

—איך פאָר מאָרגן מיט אַן אויטאָמאָביל. ביז פינף קאָנט איר זיך באַפרייען, יאָ? אָט, — פאָרט מיט מיר. עס איז נישט ווייט פונדאַנען: אַ פינפאונדרייסיק קילאָמעטער. אַזאַ נסיעה וועט פאַר אייך געַנוג זיין, אויף צו מאַכן זיך אַ באַגריף וועגן אונדזער אַרבעט, וועגן אונדזערע שוועריקייטן. איך וועל פאָרן ווייטער און איר וועט מיטן אייגענעם אויטאָ צוריק פאָרן קיין חיפה. איך בעט אייך, זאָגט מיר נישט אָפּ.

—גוט.

ער איז געווען גערירט און האָט אָנגעכאַפּט איר האַנט.

—פריילן דזשעסיקאַ...

—רופט מיך נישט אַזוי. איך הייס הגר. הגר מאַזעס.

צוריקקומענדיק אַהיים צו זיך אין צימער, האָט הגר אַ גרויסן טייל פון דער נאַכט געאַרבעט: זי האָט אָפּגעפרישט איר טונקעלן רייזע-קאָסטיום, וועלכן זי האָט שוין לאַנג נישט געהאַט געטראָגן. די שרייענדיקע לאַצן פון דעם קאָסטיום האָט זי אָפּ-געטרענט.

בייטאָג האָט זי זיך באַגעגנט מיט כוכבא אויף אַן אָפּגעריטן פּלאַץ. זי האָט געטראָגן אַ געדיכטן וואָל אויפן פּנים.

כוכבא האָט עפּעס איינגעטענהט מיט אַ גרופּע מענער און ווייבער, וועלכע האָבן געמאַכט מיט די הענט און געוויזן פאַרשידענע פּאַפּירן.

ווען ער האָט דערזען הגרן, האָט ער זיך גיך אַרויסגע-כאַפּט פון דער טומלדיקער גרופּע און איז איר געגאַנגען אַנט-קעגן.

—אַ דאַנק, פריילן. ביז דער לעצטער מינוט האָב איך אַלץ מורא געהאַט, אַז עס וועט זיך מיט אייך עפּעס מאַכן און איר וועט נישט קומען.

הגר האָט געענטפערט קורץ:

—איך האָב צוגעזאָגט צו קומען.

—צום באַדויערן, וועלן מיר נאָך מוזן וואַרטן אַ פערטל

טעה. מ׳מוז נאָך ערלעדיקן עטלעכע פאָרמאַליטעטן אין פּאַס־פּאָרטן־אַמט. עס איז שטענדיק דאָסזעלביקע. אָנשטאָט צו באַזייטיקן דידאָזיקע שוועריקייטן, האַלט זיך די מאַכט אַזוי, ווי זי וואָלט געהאַט פאַרגעניגן דערפון, צו שאַפן וואָס מער אַזעלכע שוועריקייטן. חיפה, פאַרשטייט איר, ליגט אַ ביסל אָפּגערוקט—דאָ זענען מיר נישט אײַנגאַנצן בײַ זיך אינדערהיים.

ער האָט גערעדט ריר׳עוודיק, מונטער. זײַן קרײַנקלעך פּנים איז באַלויכטן געוואָרן פון אַ ליכטיקן שמייכל.

ער האָט אויסגעזען גליקלעך.

הגר האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ באַנק, לעבן די טירן פון פּאַוויליאָן פון דער פּאַספּאָרטן־קאָנטראָל. פונדאַנען האָט זי געקאָנט פריי באַטראַכטן די גרופּע נײַע קאָלאָניסטן, וואָס איז געשטאַנען אַ ביסל אָן אַ זײַט.

זיי זענען געקומען נעכטן אין אָוונט. איצט, נאָכן ערלעדיקן אַלע פאָרמאַליטעטן מיט די פּעסער, האָבן זיי זיך געגרייט צו פאַרנעמען פּלעצער אויף דעם אָמניבוס־אויטאָ, וואָס האָט זיי געדאַרפט אָפּפירן אין די קאָלאָניעס.

געווען זענען זיי עלף מענטשן: אַכט מענער און דרײַ פרויען. די מענער זענען, לויט זייער אויסערלעכן אויסזען, נישט ענלעך געווען נישט צו קיין אַרבעטער און נישט צו קיין דאָרפישע פּויערים. זייער קליידונג האָט גיכער דערמאָנט יענע אָרעמקייט מיט פּרעטענזיעס, וואָס וואַרפט זיך אין די אויגן צווישן די צושויבערטע שטאַמגעסט פון געוויסע קאַפעהייזער אין מאָנפּאַרנאַס־קוואַרטל פון פּאַריז.

איינער נאָר פון זיי האָט געטראָגן אַ שוואַרצע קאַפּאָטע און אַ ברייטן קײַלעכדיקן קאַפּעלוש, פון אונטער וועלכן עס האָבן זיך אַרויסגעזען לאַנגע פּיאות פון אַן אומבאַשטימטער פאַרב. די איבעריקע האָבן זיך פון דעם יידן אָפּגערוקט.

די פרויען, יונגע, מיט קורץ געשוירענע האָר און רעגל־מעסיקע פּנימער, האָבן אויסגעזען אַזוי ווי פאַרהונגערטע, דער־

שלאָגענע, און אין זייער אויסדרוק איז געלעגן עפּעס אַ פאַר־דאַכט.

אינגאַנצן האָבן זיי געמאַכט דעם איינדרוק פון סטענאָטי־פּיסטקעס־סאָציאַליסטקעס.

דיזאָזיקע פרויען, אָנגעטון אָרעם און אָפּגעלאָזן, האָבן גע־קוקט אויף הגרן קרום, מיט אומצוטרוי.

כּוכבא האָט זיך אַרומגעטומלט, ווי ער האָט געקאָנט, האָט געענטפערט אויף די פראַגן, וואָס האָבן זיך געטראָגן צו אים פון אַלע זייטן מצד די באַמטע, האָט געגעבן עצות, אינסטרוק־ציעס — ער האָט עס געטון רויק, זיכער און זאַכלעך. יעדערער האָט געזען, אַז אָן אים וואָלט דאָ אַרויסגעקומען אַ שרעקלעכער פּלאָנטער.

אין דערזעלביקער צייט האָט כּוכבא גערעדט מיט די אויגן צו הגרן און איר געגעבן צו פאַרשטיין, אַז די געשיכטע ענדיקט זיך שוין און זי מוז האָבן נאָך אַ קליין ביסל געדולט.

דער אָמניבוס מיט דער לייוונטענער בודע פון אויבן האָט פּאַמעלעך אַרויפגעקרעכצט אויפן פּלאַץ און זיך אָנגעשטעלט פאַרן פּאַוויליאָן.

די קומענדיקע קאָלאָניסטן האָבן זיך אויסגעזעצט צו זעקס איןביידע זייטן אויף די צוויי לענגאויס אויסגעשטעלטע בענק. זייערע אָרעמע פּעקלעך האָבן זיי אַוועקגעלייגט יעדערער לעבן זיך ביי די פיס.

כּוכבא האָט געגעבן דעם שאָפער עטלעכע פאַראָרדענונגען אויף ענגליש, און דער אויטאָ האָט זיך גערירט פון אָרט.

איצט איז ער צוגעגאַנגען צו הגרן און האָט פריי אָפּגע־אָטעמט.

זי האָט באַמערקט:

—איר האָט דאָ נישט ווייניק אַרבעט.

—איך וואָלט מיט פאַרגעניגן נאָכמער געאַרבעט,—האָט ער געענטפערט. — שטעלט אייך פאָר: מיר זענען אין דער וועלט אפשר פופצן־אַכצן מיליאָן און פון די מיליאָנען, זענען געקומען

קיין פּאַלעסטינע קוים זעקסאונדרייסיק טויזנט. דאָס איז אָבער באָר אַן אָנהייב. פון דעם קליינעם שטראָמעלע וועט ווערן אַ טייכל און שפּעטער—אַ מאַיעסטעטישער שטראָם, וואָס וועט אַלעמען מיטרייסן, מיטציען. איר וועט זען, איר וועט — —

דער סיגנאַל פון דעם צופאָרנדיקן קליינעם אויטאָ האָט איבערגעריסן כּוכבאן אינמיטן.

ער האָט געשמייכלט.

—אָט איז אונדזער אויטאָ. ער דערמאָנט אונדז, אַז די צייט לויפט. מיט דעם אייגענעם אויטאָ וועט איר אין פיר שעה אַרום קאָנען צוריקפאָרן. זייט אַזוי גוט...

ער האָט זי באַקוועם אַוועקגעזעצט.

אינגיכן האָבן זיי איבערגעיאָגט דעם שווערן אָמניבוס. די עמיגראַנטן, צוגעפּרעסט איינער צום צווייטן, האָבן נאָכגעקוקט די פּאַסאַזשירן פון דעם קליינעם באַקוועמען אויטאָ, אָבער זיי האָבן די מענטשן נישט דערקענט.

הגר האָט, פאַרבייַלויפנדיק, ווידער אויפגעכאַפּט דידאָזיקע פּנימער — אויסגעמאַטערטע, דערשלאָגענע, מיט אַן אויסדרוק פון טעמפּער רעזיגנאַציע.

כּוכבא האָט באַמערקט דעם בליק.

—אָרעמע מענטשן, יאָ? אין אַ חודש אַרום וואָלט איר זיי נישט דערקענט. זיי קומען פון דער גרויסשטאָטישער אָרעמקייט, און דאָ קערן זיי זיך אום צו אַ פריי לעבן, אונטער אַ פרייען, אָפענעם הימל—דאָ הייבן זיי ווידער אָן צו לעבן, אַזוי ווי זייערע אָבות האָבן אַמאָל געלעבט. צי פילט איר נישט, אַז דאָ אָטעמט זיך פרייער, ליכטיקער, איידער ערגעץ אַנדערש?

דער וואַרעמער מערץ-פרימאָרגן איזווירקלעך געווען שיין. די שפּיצן פון כּרמל, באַדעקט מיט גראָז און אַלערליי גרינסן, האָבן זיך צו דרום אַריינגעשניטן אין דער העלער, ליכטיקער בלויקייט פון הימל. צו מערב, ווי ווייט דאָס אויג האָט דער-גרייכט, האָבן זיך געצויגן גרינע לאָנקעס. און דאָס אַלץ איז ווייט אין האָריזאָנט איינגעשלאָסן געוואָרן אין דעם קרייז פון ים

און די סירישע בערג.

כּוכבא האָט אָנגעוויזן אויף אַ ווייסער שטאָט, וואָס האָט דורכגעשוועבט פונדערווייטנס פאַרן אויג, אַזוי ווי אַ מיראַזש.

— אָט איז עכּו.

אין וועג האָבן זיי באַגעגנט קאַראַוואַנעס מיט קעמלען און גאַנצע שורות פורלעך, אָנגעלאָדן מיט געהילץ צום בויען. באַציאַ־נעס האָבן אין גאַנצע סטייעס זיך אַרומגעשפּאַצירט מאַיעסטעטיש איבער די גרינע לאָנקעס נאָענט פון שאָסיי — די פייגל דאָ האָבן נאָך נישט פאַרלוירן דעם צוטרוי צו מענטשן.

הגר האָט אויפגעהייבן דעם וואַל פון פּנים.

דאָס לייכטע ווינטל און די פרישקייט פון דער זוניקער לופט האָט זי זיס פאַרשיכּורט.

זי האָט טיף אָפּגעאָטעמט. איר איז געווען גוט און ליכטיק אויף דער נשמה. כּוכבא האָט געקוואָלן.

—בין איך נישט גערעכט געווען, ווען איך האָב אייך געזאָגט, אַז ס׳איז נישטאָ אין ערגעץ אַזאַ ריינע און פרייע לופט, ווי דאָ? איר ווייסט, — דער קלימאַט פון פּאַלעסטינע איז כּמעט דער געזינטסטער אין דער וועלט.

פּאַלעסטינע!—דאָס וואָרט האָט איר אַ קלאַפּ געטון אין קאָפּ, אַזוי ווי זי וואָלט עס געהערט איצט צום ערשטן מאָל, זינט זי איז אין חיפה. אינדערעמתן טאַקע—זי איז דאָך אין פּאַלעסטינע! ביז איצט איז עס איר גאָרנישט איינגעפאַלן!

אַ וועלט מיט ערינערונגען איז פאַר איר אויפגעשוואומען, טייערע, שיינע ערינערונגען פון אירע קינדערשע יאָרן. באַלד וועט זי אַוודאי זען די ברונעמס, פון וועלכע עס האָבן געשעפּט וואַסער יענע געהיימניספולע יידישע פרויען פון די אוראַלטע צייטן—הגר, רבקה, נעמי, רות...

עס האָט געפּלאַצט די גומי־דעק פון אַ ראָד. מ׳האָט געמוזט אַראָפּגיין פון אויטאָ.

הגר האָט אויסגעטון די הענטשקעס, האָט אָנגענומען אַ הויפן ערד און עס דורכגעשיט צווישן די פינגער.

כוכבאַ האָט זיך דערצו צוגעקוקט און איז געווען איבער־גליקלעך.

ער האָט שטיל אַרויסגערעדט:

—וועגן וואָס טראַכט איר?

ער האָט אָן איר ענטפער אויף געוווּסט, אַז זי טראַכט וועגן אירע ברידער, וועלכע זענען צעזייט און צעשפּרייט איבער דער גאַנצער וועלט, אָן אַ היים, אָן אַ לאַנד. וועגן דעם זעקעלע ערד, וואָס יעדער ייד נעמט מיט זיך אין קבר — דער ייד פון פּאַריז, פון מאָסקווע, פון פּראָג און פון ניו־יאָרק וויל ביזן אויפשטיין תחית־המתים ליגן אויף דער הייליקער ערד פון זייַנע אָבות.

די גומי־דעק פון ראָד איז ווידער געבראַכט געוואָרן אין אָרדענונג. מ׳האָט זיך ווייטער געלאָזן אין וועג אַריין.

דער אויטאָ האָט זיך אָנגעהייבן דראַפּען אויף די שפּועים פון דעם בערג־פּאַס, וואָס שליסט פון מזרח־זייט דעם עמק־טאָל. דער אויטאָ האָט זיך אָפּט שטאַרק געטרייסלט און צוזאַמענגע־שטויסן די ביידע פּאַסאַזשירן איינעם אויפן אַנדערן.

ביי יעדן צוזאַמענשטויס אַזעלכן האָבן זיך ביידע לייכט פאַרשעמט און זיך באַלד צוריקגעזעצט גלייך אויף די ערטער.

זיי האָבן געשוויגן.

אַט האָבן זיי באַגעגנט אַ וואָגן מיט יונגעלייט, געזונטע, פרישע, פריילעכע.

די בחורים האָבן געטראָגן אַמעריקאַנישע האַקי־העמדלעך. די העלדזער אָפן. די ארבל פאַרבויגן. אויף די פּלייצעס און ביי די פיס—רידלעס און גראָבאייזנס.

עס איז קענטיק געווען, אַז זיי פאָרן צו דער אַרבעט אין פעלד.

—דאָס זענען חלוצים פון דזשעבאַ.

—יידן?

כוכבאַ האָט אויף איר אַ קוק געטון מיט שטאָלץ.

—יידן. איר קאָנט זיך גאָרנישט פאָרשטעלן, ווי עס פרייט

מיר אייער פאַרוווּנדערונג! יאָ, דאָס זענען יידן. אָט די לעבנס־פרייִדיקע, געזונטע בחורים זענען שוין צוגעוווינט צו דער אַרבעט אין פעלד. זיי האָבן אַוועקגעוואָרפן זייערע שמוציקע פּרנסות און זייערע נאָכמער שמוציקע נאָרעס, כּדי דאָ, אין דער פרייער געזונטער לופט צו אַרבעטן מיטן רידל און שנייד־מעסער. נישט איינער איז שוין פאַר אָט דער דערשייַנונג געבליבן שטיין אַ פאַרוווּנדערטער. צי זענען מיר דען אַליין, באמת, אויך נישט שולדיק אין דעם, וואָס די וועלט האָט וועגן אונדז אַזאַ שלעכטע מייַנונג? אין צוויי וואָכן אַרום, אין אַ חודש אַרום—אָט די עלף אומגליקלעכע נפשות, אויף וועלכע מיר האָבן מיט אַזאַ מיטלייד געקוקט ערשט אין חיפה, וועלן באַקומען צוטרוי צו זיך, גלויבן אין די אייגענע כּוחות. זיי וועלן אָפּלעבן, זיי וועלן ווערן אַנדערע, נייַע מענטשן—איר האָט געזען די העלדישע בחורים, וועלכע מיר האָבן ערשט דאָ באַגעגנט? יענע עלף וועלן אויך ווערן אַזעלכע. אָט דאָס איז דער וווּנדער פון ארץ־ישראל! דאָס איז אַ נס! עס קומען אַהער אָפּגעוואָרפענע ברעקלעך, שפּענדלעך פון לעבן, און פון זיי וואַקסן אויס מענטשן אין פולן זין פון וואָרט, מענטשן שטאָלצע, באַוווּסטזיניקע, צעפרידענע פון זייער גורל—זיי מאַכט שטאָלץ די דערוואָרבענע פרייהייט אויף דער ערד פון זייערע אָבות — אויף זייער ערד. צי פילט איר דאָס? באַדויערט איר נישט, וואָס איר האָט זיך געלאָזן פון מיר אָנרעדן צו פאָרן אַהער?

הגר, פון דער נאַטור אַ נאָכגיביקע און נישט קיין בריה, זיך אַנטקעגנצושטעלן אַ פרעמדער מייַנונג, האָט פונדעסטוועגן זיך געוואָלט אַרויסכאַפּן פון דער פראַגע:

—נו, און לעאָפּאָלד גריגבערג? און שמואל לאָדז?..

זי האָט אָבער געשוויגן. זי האָט עס געטון נישט אַזוי צוליב דעם, וואָס זי האָט נישט געוואָלט אָפּקילן זייַן התלהבות—זי האָט פּשוט נישט געוואָלט איבערייַסן איר שטימונג, די שטימונג פון הכנעהדיקער גליקזעליקייט, וואָס האָט דורכגעדרונגען איר גאַנצן וועזן.

כּדי עפּעס צו זאָגן, האָט זי ענדלעך געפרעגט:

—איר זענט שוין לאַנג אין פּאַלעסטינע?

—מיט פופצן יאָר צוריק בין איך אַהער געקומען דאָס ערשטע מאָל. איך וואָלט אייך געקאָנט דערציילן, פריילן, די געשיכטע פון מיין לעבן. איך וואָלט מיך דערביי גאָרנישט זשענירט. מיין לעבן איז זייט צוואַנציק יאָר ענג פאַרבונדן מיט דער געשיכטע פון אונדזער אַרבעט, וועלכער איך האָב מיך אינגאַנצן איבערגעגעבן. איר זענט געבוירן געוואָרן אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל?

זי האָט געענטפערט קורץ, נישט גערן:

— יאָ.

— איך בין אַ פּאַריזער.

די אויגן פון דער יונגער פרוי האָבן אויפגעבליצט.

—פּאַריז!

יאָ. דאָס איז אפשר די איינציקע שטאָט, וווּ אַן אָרעמער ייִד האָט גאָך די מעגלעכקייט זיך צוצושלאָגן צו עפּעס, נישט דערנידעריקנדיק זיך און נישט דערבײַ כּבוד פון זיין פאָלק. מיין פאָטער האָט מיך אָפּגעגעבן אין אַ ליצײ. איך האָב אָבער די שול נישט געקאָנט ענדיקן: מיין פאָטער, וועלכער איז פאַר דער צייט מאַטעריעל רואינירט געוואָרן, איז געשטאָרבן. וואָס האָב איך געזאָלט טון? לעבן האָט מען דאָך געמוזט. עס איז מיר אַ חרפּה צו דערציילן, וואָס איך האָב דעמאָלט געטון—איך בּאַליידיק דערמיט זיך אַליין. אָבער איך וויל אייך ווייזן, אַז מיין קינדהייט איז אויך געווען אַן אומגליקלעכע. אין ליצײ אין שאַרלעמאַן, האָב איך געהאַט אַ קאָלעגע — אַ שטיינרייכער יונג, אָבער נישט קיין איבעריקס פעיקער. האָט ער מיר געגעבן טויזנט פראַנק, איך זאָל פאַר אים אויסהאַלטן דעם מאַטורע-עקזאַמען אין זיישאָן — עס איז געגאַנגען וועגן דעם ערשטן טייל פון דער מאַטורע. איך האָב דעם עקזאַמען אויסגעהאַלטן. צו דעם צווייטן טייל פון עקזאַמען איז ער צוגעלאָזן געוואָרן מיט אַן אויסצייכענונג, און איך האָב, אַ דאַנק אים, געהאַט די מעגלעכקייט צוצו-

טרעטן אין אָקטאָבער צום עקזאַמען אונטער מיין אייגענעם נאָמען. געזען, אַז עס גייט גוט, האָבן מיר די אייגענע געשיכטע איבערגעחזרט איבעראַיאַר, ביים צווייטן טייל פון דער מאַטורע. דאָסמאָל האָט מען מיך געכאַפּט. און דעמאָלט בין איך אַרויסגעראַטעוועט געוואָרן פון נויט און פון תּפיסה דורך אַ מענטשן, אַן אומגעווייַנלעכן, וואָס זיין נאָמען דאַרף שטענדיק דערמאָנט ווערן מיט אַ ברכה פון גאַנצן פאָלק ישראל.

— איך ווייס, — האָט הגר געזאָגט, — איר רעדט וועגן באַראָן.

—איר האָט שוין עפּעס געהערט וועגן אים?

—יאָ, אין צוזאַמענהאַנג מיט אייך.

ער האָט איר געענטפערט מיט אַ בליק, וואָס איז געווען פול מיט הייסער דאַנקבאַרקייט. עס איז פאַר אים געווען אַ געוואַלדיקע פרייד צו הערן, אַז הגר האָט זיך אַ מינוט פאַראינטערעסירט מיט זיין פערזאָן, אַז זי האָט מיט עמעצן גערעדט וועגן אים.

די פרייד האָט אים נישט געלאָזן מער רעדן.

ער האָט זיך מער גאָרנישט אָפּגערופן ביז דעם מאָמענט, ווען דער אויטאָ האָט, שוואַך סאַפּנדיק, זיך אַרויפגעדראַפּעט אויפן שפּיץ פון אַ בערגל, וואָס איז געווען העכער און שאַרפער פון די פריערדיקע, און האָט זיך דאָרט אָפּגעשטעלט.

—זעט,—האָט כוכבא ערשט דעמאָלט אַרויסגערעדט.

פאַר זייער בליק האָט זיך אויסגעשפּרייט אַ ברייט פלאַכלאַנד—רייך, פּרוכטבאַר און גוט באַארבעט, ווי אין די שענסטע אייראָפּעישע גיטער.

אַרום, ביזן האָריזאָנט, וואָס איז געווען איינגעשלאָסן פון אַלע זייטן מיט ווייט-בלויע בערגשפּיצן, האָבן זיך געוויגט גרינע תּבואה-פעלדער, דורכגעהאַקט דאָ און דאָרט פון גלייך-געשניטענע, פריש-באַזייטע שטיקער ערד אין פאַרבן פון טונקלברוין ביז בלאַס-געל.

פון דערווייטנס האָבן זיך געטראָגן גרוילעכע רויכוואָלקנס—

עס זענען געווען ישובים פון נייע קאָלאָניסטן.

צווישן די בענטסטע פון די ישובים האָט מען געקאָנט אויסטיילן איין רעגולערע און סימעטרישע מאָזאיאיק פון הילצערנע הייזלעך, וואָס האָבן געבילדעט אַ קליין שטעטל, אין בייסטן סטיל אויסגעפּלאַנעוועט, מיט הויכע וואַסער-רעזערוואַרן און רושטאָוואַניעס פון לופטמאָטאָרן.

אַ קליינער, שמאָל-ליניקער באַן-צוג האָט דורכגעשניטן אין דער קרום דעם גרויסן שטח פון דעם פלאַכלאַנד.

דער צוג האָט זיך אָפּגעשטעלט פאַר אַ סטאַציע — אַ קליין הייזעלע מיט אַ רויטן דאַך. דאַן האָט ער זיך ווייטער געגליטשט און אין עטלעכע מינוטן אַרום האָט זיך דער פייף פון זיין אָפּפאָרן דערטראָגן צו זייערע אויערן.

הגר האָט זיך אָפּגערופן:

לאָמיר זיך דאָ אָפּשטעלן נאָך אַ ווײַלע, גוט?

זיי זענען ביידע אַרויס פון אויטאָ און האָבן זיך אַוועקגעזעצט אויפן ראַנד פון בערגל.

אונטן, אין טאָל, האָט דער וווּנדערלעכער פּאַלעסטינישער פרילינג אויסגעשפּרייט פאַר זייערע אויגן אַ דיוואַן, געוועבט פון בלויע פעלדבלימלעך, סאַמעט-רויטע אַנעמאָניעס, אלפישע פיאָלקעס און העל-פאַרביקע מאַרגאַריטקעס.

הגר האָט געפרעגט:

—ווי רופט זיך דער טאָל?

—דאָס איז דער עמק יזרעאל.

הגר האָט צונויפגעצויגן די ברעמען.

דער נאָמען איז איר נישט פרעמד: ער דערמאָנט איר אַן אַלטע צייטן, ווען זי איז געווען אַ קליין מיידעלע און האָט מיט אַזאַ פאַרגעניגן געשלונגען די שיינע מעשיות פון תנ"ך.

כוכבא, וועלכער האָט מיט אַ שטאַרקער שפּאַנונג נאָכגעפאָלגט יעדן שאָטן, וואָס האָט זיך דורכגעגליטשט אויף איר שיינעם פּנים, איז איר געקומען צו הילף.

ער האָט גערעדט גאַנץ שטיל.

—יזרעאל. איר דערמאָנט זיך דעם נאָמען? א י ז ב ל ווערט אַרויסגעוואָרפן דורכן פענסטער פון פּאַלאַץ... יהו הייסט מיט די די פיס פון זיינע פערד צעטרעטן דעם קערפּער פון דער קע־ניגין...

—מיר דאַכט זיך, אַז איך הייב מיך אָן צו דערמאָנען, — האָט הגר זיך אָפּגערופן. — דערמאָנט מיר, איך בעט אייך, גאָך עטלעכע נעמען. וואָס איז עס פאַר אַ שטאָט דאָרט, לינקס?

זי האָט געוויזן אויף אַ גרופּע גרויע הייזער, בלייך־ראָזע דעכער און שוואַרצע הויכע ציפּריסן—די גרופּע האָט זיך אַרויס־געשניטן פון צווישן די בערג.

—דאָס איז נ צ ר ת,—האָט כּוכבא געענטפערט.

ער האָט זיך מיט היץ פונאַנדערגערעדט וועגן יענעם, מיט וועלכן די וועלטגעשיכטע האָט פאַרבונדן דעם נאָמען פון דער שטאָט. אָבער פּלוצלונג איז ער אַנטשוויגן געוואָרן. ער האָט באַ־מערקט, אַז הגרס בליק האָט פאַרלאָזן די שטאָט פון די שוואַר־צע ציפּריסן און האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף אַן אָפּגעזונדערטן באַרג, וואָס האָט דערמאָנט אַ גרויסע, גרויע פּיראַמידע.

—דאָס איז דער באַרג ת ב ו ר,—האָט כּוכבא איר אויפגע־קלערט,—דאָרט ווייטער איז עין־דור. איר דערמאָנט זיך די גע־שיכטע? דער קעניג שאול האָט פאַר דער שלאַכט, אין וועלכער ער איז אומגעקומען, געשיקט נאָך דער וואָרזאָגערין פון ע י ן־ד ו ר.

—און דאָס דערפל דאָרט צו דרום?

— דאָס איז ש ו נ ם, דאָס לאַנד פון אַ ב י ש ג, — דאָס אָרעמע מיידל, וואָס דהאָט געוואַרעמט די עלטער פון הייליקן מלך.

זי האָט נאָכגעזאָגט:

—אבישג, אבישג—יאָ, איך דערמאָן מיך.

הגר איז וואָס ווייטער געוואָרן אַלץ מער גערירט און וואָס ווייטער האָט איר שטים אַלץ מער געציטערט. זי האָט געשטעלט

די פראַגן מיט דעם געפיל פון אַ קינד, וואָס איז אַריינגעפאַלן אינם אַלטן, שוין לאַנג, לאַנג נישט געזעענעם הויז פון די על־טערן, און געפינט אַלע טייערע און באַקאַנטע זאַכן אויף דעם אייגענעם פּלאַץ.

— און די בערג דאָ אַנטקעגן, וועלכע פאַרשטעלן דעם האָריזאָנט?

—דאָס זענען די בערג ג ל ב ו ע...

כוכבא האָט זיך שטאַרק דערשראָקן.

—וואָס איז אייך? וואָס איז מיט אייך געשען?

ער האָט באַמערקט הגרס אויגן — זיי זענען געווען פאַר־גאָסן.

טיף גערירט האָט כוכבא זיך צוגעהערט, ווי הגר מורמלט שטיל, אַזוי ווי פון שלאָף:

—„אָ, די בערג פון גלבוע, זאָל מער נישט פאַלן אויף אייך נישט קיין טוי און נישט קיין רעגן...״

דאָס ד״האָט פון דער טענצערין אַרויסגעזונגען אַ פסוק פון תנ״ך — דודס קלאָגליד איבער דעם אומגעקומענעם קעניג שאול.

כוכבא האָט זיך נישט געקאָנט מער באַהערשן. ער איז אַריינגעפאַלן אין אַ גוואַלדיקער אַנטציקונג.

—אָ, איך האָב געוווּסט, אַז אַט די אַלטע ערד וועט רעדן צו אייער האַרץ. איך האָב געוווּסט, אַז איר וועט אַט די ערד דערפילן און אַז זי וועט אייך צווינגען, כאָטש קעגן אייער ווילן, צו גיין מיט אונדז.

עס קאָן נישט קיין גרעסערע נישט געשיקטקייט, ווי אַן ענטוזיאַזם און אַן אויסגעשריי פון אַ זיגער, וואָס רייסן זיך אַרויס צופרי.

כוכבא האָט עס געמאַכט נישט געשיקט.

הגר האָט אין דערזעלבער מינוט צוריק באַקומען איר גע־וויינלעכע אינערלעכע רויקייט.

זי האָט געענטפערט טרוקן:

— יאָ, אָבער — לאָמיר נישט פאַרגעסן, אַז עס איז שוין באַלד דריי, און אַז איך מוז צוריקפאָרן קיין חיפה.

אין קאַפעהויז איז הגר געקומען מיט אַ שטאַרקער פאַרשפעטיקונג.

זי האָט נאָך געמוזט פריער אַריינשפרינגען צו זיך אהיים און זיך איבערטון, אָנפודערן און אָנשמינקעווען.

ווען די חברה האָט זי דערזען אַריינקומנדיק, איז געוואָרן אַ טומל.

סטעפאַנידעס, טרומבעטא און די אַנדערע האָבן זיך אין שפּאַס געבייזערט:

—זי האָט פאַרשפעטיקט! זי מוז באַשטראָפט ווערן! פונוואַנען קומט עס אונדזער שענהייט אַזוי שפּעט?

— פון אַ שפּאַציר הינטער דער שטאָט,—האָט הגר געענטפערט. — איך בעט אייך: מאַכט נישט אַזעלכע געוואַלדן. דער קאָפּ פּלאַצט מיר. דער מיגרען מאַכט מיר דעם טויט.

טרומבעטא איז געוואָרן שלעכט געשטימט און האָט זיך אָפּגערופן:

—מ׳קאָן נישט זאָגן, אַז די פרישע לופט האָבן אויף איר גוט געווירקט...

די לעצטע וואָך פון הגרס פאַרברענגען אין חיפה איז אַריבער אָן באַזונדערע געשעענישן.

שבת האָט דיוויזיאַ זי אָפּגערופן אָן אַ זייט.

—איך שרייב היינט אין אָוונט צו סאַמפּיעטרין,—האָט ער געזאָגט.

—הם! שרייבט אים צו אַ גריס פון מיר.

—עס גייט מיר וועגן קריגן עמעצן אויף אייער אָרט. נאַטירלעך, אויב איר וועט אונדז נישט פאַרשאַפן דאָס פאַרגעניגן, צו בלייבן דאָ ווייטער. אַלע האָבן אייך דאָ אַזוי ליב. באמת,

איר האָט דאָך דאָ אַזאַ גרויסן ערפאָלג.

—איך דאַנק אייך זייער, אָבער איך מוז פאָרן.

—אויב איר פאָרט אוועק דערפאַר, ווייל איר דערוואַרט אין עגיפטן בעסערע באַדינגונגען, וואָלטן מיר דאָ אויך געקאָנט ווי ס'איז דורכקומען. איך וויל אייך האָבן ווייטער. איך וועל אייך גערן דערלייגן נאָך אַ האַלבן פונט אַ טאָג.

—איר זענט זייער העפלעך, אָבער דאָס איז אַנטגילטיק באַשלאָסן. איך פאָר אוועק.

הגרס לעצטן אַרויסטריט האָבן די שטענדיקע געסט פון קאַפעהויז געפייערט מיט אַ גרויסן „טרונק". עס זענען אויסגעטרונקען געוואָרן פערציק פלאַשן שאַמפּאַניער. פאַר היפּה—אַ רעקאָרד!

דער קליינער סטעפאַנידעס איז געווען גערירט.

—אַלע פערערער זענען אויפן פלאַץ.

טרומבעטאַ האָט אים, לאַכנדיק, פאַריכט:

—ניין, נישט אַלע, עס פעלט איינער: די מאַלפּע אין די שוואַרצע ברילן.

דער עמיגראַציע-אַגענט האָט זיך אָפּגערופן:

—כּוכבא וועט דאָ זיין דעם זעקסטן. ער וועט דאָ אָפּנעמען די נייע חלוצים, וואָס קומען אָן מיט דער נעקסטער שיף.

סטעפאַנידעס איז שוין געווען בגלופין.

—הער, דזשעסיקאַ, דו וועסט איבער אים גאָר קיין איין פּרער נישט פאַרגינען? דו וועסט דאָך שוין מער נישט אָנקוקן דיין געליבטן... הער, דו פאָרסט קיין עגיפּטן מיט דער באַן, צי מיטן וואַסער? מיר ווילן אַלע דיך צופירן צו דער באַן אָדער צום פּאָרט.

הגר האָט געענטפערט רויק.

— איך באַפרײַ אײַך פון דעם. איך האָב קײנמאָל נישט ליב געהאַט אַזאַ כאַליאַסטרע באַגלייטערס.

דעם זעקסטן אַפּריל, פיר טעג נאָכדעם, ווי הגר האָט פאַר־לאָזן דאָס קאַפּעהויז, האָבן די שטענדיקע געסט פון ה׳ די־ווידזיאָ געזען אַרום עלף בײַנאַכט כוכבאַן, אַרײַנקומענדיק אין לאָקאַל.

ער האָט זיך געהייסן דערלאַנגען אַ קופּל ביר, איז אונ־טערגעזעסן אַרום אַ שעה צייט און איז אַוועק — נאָכמער איי־נגעבויגן.

אַ געלעכטער האָט אים באַגלייט ביז דער טיר.

טרומבעטאַ האָט זיך אָפּגערופן:

—ס׳איז מיר אַ רחמנות אויף אים. דער שלים־מזל האָט געמיינט, אַז ער וועט זי נאָך דאָ געפינען. זי האָט אים אַפילו קיין קאַרטל נישט אָנגעשריבן וועגן איר אָפּפאָרן. אַ ווויל מיידל געווען די דזשעסיקאַ.

אויף צומאָרגנס בײַטאָג, איז כוכבאַ געשטאַנען פאַרן פּאַווי־ליאָן פון עמיגראַציע־אַמט און האָט אויסגערופן די נעמען פון די ביי־אָנגעקומענע.

פּלוצלונג האָבן זיינע הענט אָנגעהייבן ציטערן. עס האָט אויסגעזען, אַז אָט־אָט לאָזט ער אַראָפּ פון האַנט די ליסטע, פון וועלכער ער האָט אַרויסגעלייענט די נעמען.

ער האָט דערזען הגרן.

זי איז געשטאַנען, אַזוי ווי דעמאָלט, ביי די טירן פון פּאַ־וויליאָן. געטראָגן האָט זי אויף זיך אַ רייזעמאַנטל און אין האַנט האָט זי געהאַלטן אַ קליין האַנטבייטל.

—איר—דאָ...

ער האָט קוים אַרויסגעשטאַמלט די ווערטער:

—איך בין געווען זיכער, אַז איר זענט אַוועקגעפאָרן.

זי האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ.

—איך בין געבליבן.

און. זעענדיק, אַז כּוכבֿא שטייט פֿאַר איר, אַן איבעראַשטפר, אַ פֿאַרגליוועטער פון פאַרווונדערונג, און נעמט נישט אַראָפּ פון איר די אויגן,—האָט זי צוגעגעבן:

—איך גלויב, אַז איר וועט געפינען פֿאַר מיר עפּעס אַן אָרט אין „באר יעקב” אָדער אַנדערש־וווּ.

V

דער משא-אויטאָמאָביל האָט זיך גערירט פון אָרט ארום האַלב איינס בייטאָג. באַלד נאָך די ערשטע הונדערט מעטער האָט ער אָבער זיך אָפּגעשטעלט: דער מאָטאָר איז עפּעס קאַליע גע-וואָרן.

די רעפּעראַציע איז געווען אַ גרעסערע. דער שאָפער האָט געמוזט ברענגען צו הילף אַ מעכאַניקער. ערשט אין צוויי שעה ארום האָט מען געקאָנט פאָרן ווייטער.

די ניי-אָנגעקומענע אַכט נפשות האָבן געשטאַמט פון בעסאַראַביע. פאַראָרעמטע, דערשלאָגענע, האָבן זיי אויסגעזען אַזוי איבערגעשראָקן — ווי זיי וואָלטן נאָר וואָס אַנטלאָפן פון אַ פּאָ-גראָם.

כוכבא, אינגאַנצן אַ צעטומלטער פון דעם, וואָס הגר האָט זיך פלוצלונג באַוויזן, איז ביסלעכווייז געקומען צו זיך און ער האָט איר פאָרגעלייגט אַ פּלאַץ אינם צווייטן אויטאָמאָביל, וועלכן ער האָט גלייך געהייסן צופירן.

הגר האָט זיך קאַטעגאָריש אָפּגעזאָגט.

פון איצט אָן וויל זי אין אַלעמען זיין גלייך מיט אַלע איבעריקע חלוצים פון „באר-יעקב.“ זי וויל נישט פאַר זיך אַפילו דעם מינדסטן אויסנאַם. אַזוי האָט זי באַשלאָסן און אַזוי זאָל עס זיין.

זי האָט די ווערטער בכיוון אַרויסגעזאָגט גאַנץ קאַלט. זאָל זיך כּוכבא נישט מאַכן קיין נאַיווע ־איינרעדענישן וועגן אירע סימפּאַטיעס צו אים און אַזוי ווייטער. די גאַנצע זאַך איז אירער אַ פּאַרזענלעכער באַשלוס, וואָס האָט מיט אים גאָרנישט צו טון.

כּוכבא ד־האָט די ווערטער נישט שלעכט אויסגעטייטשט. פֿאַרקערט, הגר איז ביי אים אין די אויגן נאָכמער אויסגעוואַקסן.

וועגן אַ פּלאַץ פֿאַר הגרן האָט ער קיין איין מינוט זיך נישט פֿאַרטראַכט. ווען אין „באר־יעקב” זאָל זיין נישט מער, ווי איין פֿרייער פּלאַץ—און עס זענען, צום באַדויערן, פֿאַראַן אַ סך מער—וואָלט דער פּלאַץ אויך, פֿאַרשטייט זיך, געווען באַשטימט פֿאַר הגרן.

כּוכבא האָט זיך איינגעאָרדנט אין אויטאָמאָביל ביי די טירלעך. הגר האָט זיך אוועקגעזעצט אַנטקעגן, לעבן אַ שוואָך, געל מיידעלע — אַ מיידעלע אין שמאַטעס און אַ וווּנדערלעכע שיינהייט.

הגר האָט אָנגעהייבן רעדן צו איר אויף רומעניש. דאָס מיידעלע, קענטיק, פֿון אָרעמקייט שוואַך אַנטוויקלט, איז שוין אַלט געווען זעכצן יאָר. די עלטערן האָט זי פֿאַרלוירן בעת אַ שלאַכט צווישן רומענישע זעלנער און זעלנער פֿון דער רויטער אַרמיי. ווי אַ קיילעכדיקע, אינגאַנצן עלנטע יתומה, האָט מען זי אַרויסגעשיקט קיין פּאַלעסטינע. זינט מ'האָט זי אַריינגעטראָגן אין דער ליסטע פֿון פּאַלעסטינע־אַמט, האָט זי געקריגן עסן צו זעט. חוצדעם, האָט מען איר צוגעזאָגט, אַז ווען זי וועט קומען אויפֿן אָרט, וועט זי באַקומען אַ ניי קליידל.

—איז עס טאַקע אמת, מאַדאַם?

—רוף מיך נישט מאַדאַם. רוף מיך מיטן נאָמען. איך הייס הגר. און דו ווי הייסט?

— גיטעלע וואָרמס. ווען וועל איך קריגן אַ ניי קליידל?

הגר האָט זיך פֿאַרטראַכט: זעכציעריקע אָרעמע מיידלעך האָבן שטענדיק און אומעטום דיזעלבע זאָרגן...

—יאָ, וועסט באַקומען אַ ניי קליידל.

אין משך פון דעם גאַנצן שמועס זענען כּוכבאס בליקן געווען כּסדר אָנגעשטעלט אין זייער זייט. הגר האָט געפילט די האַרציקייט, וואָס טראָגט זיך פון די נישט-געזעענע אויגן. איר האָט אָנגענומען אַ ווארעם רחמנות-געפיל צום קינד און זי ד'האָט צוגעגעבן:

—וועסט זיין זייער גליקלעך, וועסט זען!

די קליינע האָט לייכט אָפּגעאָטעמט און גענומען זיך אַרומקוקן אויף דער סביבה.

דער אויטאָ איז איצט פאַרבייגעפאָרן די ערטער, אויף וועלכע זי האָט זיך אָפּגעשטעלט מיט כּוכבאן, ווען זיי זענען דאָ געפאָרן מיט צען טעג צוריק. זי האָט דערקענט דאָס בערגל, וואָס זיי זענען ביידע אויף זיין ראַנד געזעסן.

ד'הגר האָט אָבער אומישנע געמאַכט אַ מינע פון אַ גלייכגילטיקער. זי האָט געמוזט זיין פאָרזיכטיק, כּדי איר באַגלייטער זאָל זיך נישט ווידער מאַכן קיין אומזיסטע איינרעדענישן. איבעריקנס, האָט זי געוואָלט ווייזן אי אים, אי זיך אַליין, אַז דער באַשלוס איז אירער אַן אייגענער און קיינער האָט איר דערצו נישט געצוווּנגען.

דאָס דורכפאָרן בייםּ עמק-ישראל האָט געדויערט אַ גוטע שעה. אויפן וועג האָבן זיי באַגעגנט מערערע קאָלאָניסטן, וועלכע זענען געפאָרן מיט זייערע פורן צו דער אַרבעט, אָדער זיי האָבן זיך אומגעקערט פון פעלד.

זיי האָבן אָנגעקוקט די נייע עמיגראַנטן מיט אַ פריינטלעכער נייגיריקייט. זייערע בליקן האָבן געזאָגט:

ט'מאַכט נישט אויס. עס איז דאָ אין לאַנד גענוג אַרבעט פאַר אַלע.

די קאָלאָניסטן האָבן געזען אין די ניי-אָנגעקומענע נישט קיין קאָנקורענטן, נאָר מיטהעלפער.

אין עפולה, אַ דערפל אין מיטן עמק, ווו די באַן פון דמשק האַקט איבער דעם ירושלימער וועג, האָט כּוכבא אָפּגעשטעלט דעם אויטאָמאָביל.

ער האָט מער נישט געקאָנט דערשטיקן אין זיך זיין שמחה. ער האָט אַריינגעפירט די עמיגראַנטן אין דער קליינער, פון צווייגן צונויפגעשטעלטער דאָרפישער אכסניהלע, מיט אַ ווייס-בלוי פענדל איבער דאַך, און האָט זיי מכבד געווען מיט אַ האַלב טוץ גלעשלעך ביר.

די אויסגעהונגערטע און דורשטיקע עמיגראַנטן האָבן שטאַרק געלויבט דאָס ביר מיט די סאַרדינקעס, וואָס כוכבא האָט נאָך צוגעגעבן.

איצט, ווען דער מאָטאָר האָט געשוויגן, האָט אַ גרויסע שטילקייט אַרומגענומען דעם גאַנצן ענגלאַזן שטח. די שטילקייט איז איבערגעריסן געוואָרן נאָר פון די לייכטע ווינטלעך, וואָס האָבן געפּיעשטשעט און געוויגט די ווייט אַרום פאַרזייטע בליענדיקע קאָרן-און ווייצפעלדער.

אַ געפיל פון אַ וווּנדערלעכער פאַרגליווערטקייט, אַזוי ווי אַ רעגיליעזער עקסטאַז, האָט אַרומגענומען הגרן.

די לאַנדשאַפט, וואָס האָט זיך פאַר איר אויסגעשפּרייט, די נייע, אומבאַקאַנטע געפילן, — אַלץ האָט איר פאַרזיכערט, אַז דאָס גליק איז נישט בלויז אַ וואָרט, אַז עס איז אַ זאַך, וואָס קאָן דערגרייכט ווערן, און אַז די יידישע נשמה קאָן דאָס גליק געפינען דאָ, צווישן די פעלדער, וואָס זענען פאַרזייט געוואָרן דורך די אייגענע ברידער, — דאָ, אונטער דעם אייגענעם ווינטל, וואָס האָט אַמאָל געגלעט די שטערנס פון רחל און לאה, בת-שבע און יהודית...

הגר האָט צו טיף געגלויבט אין גורל, צו קאָנען כאָטש איין מינוט באַדויערן איר פאַרגאַנגענהייט. זי האָט נאָר געטראַכט וועגן דעם, ווי אַנדערש עס וואָלט אויסגעזען איר לעבן, ווען די השגחה פון אַלמעכטיקן וואָלט מיט צוועלף יאָר צוריק זי צוזאַמענגעפירט נישט מיט דער פרוי לאַזאַרעסקאָ, נאָר מיט יצחק כוכבא.

די אומגעוויינלעכע ענדערונג, וואָס איז פאָרגעקומען אין איר לעבן, האָט איר לגמרי נישט פאַרוווּנדערט. געוווּנדערט האָט איר נאָר דאָס, וואָס זי איז אַזוי שפּעט אָרויף אויף דעם

וועג פון איר אייגנטלעכן גורל.

כוכבא האָט געגעבן אַ צייכן צום אָפּפאָרן. אַלע האָבן צוריק פאַרנומען זייערע פּלעצער. אין דער מינוט איז אָנגעקומען אַ קליינער קאַראַוואַן מיט בעדואינער.

הויכע, מיט קורצע, שיער נישט גראַנאַטענע בערד און שוואַרצע אויגן; מאַיעסטעטיש אין זייערע טראַדיציאָנעלע, כאָטש צעריסענע בגדים, — האָבן די קינדער פון מדבר געקוקט מיט אַן אָפענער שנאה אויף דער קליינער גרופּע אָרעמע יידן, וואָס שטויסן און שטורכן זיך איינע די אַנדערע ביים אַריינזעצן זיך אין אויטאָמאָביל.

די פרויען האָבן גאַליק געשמייכלט, ווייזנדיק זייערע, מיט אינדיגאָ געפאַרבטע ליפּן. איינע פון זיי האָט אַפילו דעמאָנסטראַטיוו אויסגעשפּיגן.

די אַלטגעזעסענע יידן פון לאַנד וואָלטן זיכער רעאַגירט אויף אַזאַ מין באַליידיקונג. כוכבא האָט אָבער דאָס נישט באַמערקט, און די איבעריקע האָבן נאָך נישט געהאַט אין זיך אַזוי פיל זעלבסטווירדע, צו פּראָטעסטירן קעגן די באַליידיקער.

הגרן האָט פאַרקוועטשט דאָס האַרץ. אָט די ווילדע אויך!..

זי האָט געדענקט: נישט איינמאָל האָט עס געטראָפן. זי איז געזעסן אין אַ פריילעכער קאָמפּאַניע. אַלע זענען פּאַרערער. אַלע זענען לוסטיק און טראַכטן נאָר וועגן ווילן זיך, וועגן געניסן און פאַרברענגען. מיטאַמאָל פאַלט איר איין, זי ווערט באַהערשט פון אַ מין רעזיגנירטן שטאָלץ, און זי כאַפּט זיך אַרויס:

זי איז אַ יידיש מיידל!

און אַלע בלייבן זיצן, אַזוי ווי אַ קאַלטער ווינט וואָלט זיי אַדורך איבערן לייב.

קריסטן אָדער מאַכמעדאַנער, רוסן, ענגלענדער, טערקן, פראַנצויזן, איטאַליענער, — ווער עס זאָל נישט האָבן געזעסן ביים טיש, — דער עפעקט איז שטענדיק געווען דער אייגענער: אַלע זענען אַנטשוויגן געוואָרן. און דאָס שווייגן איז געווען אַזוי פּיינלעך — מיט אַ מינוט צוריק זענען דאָך דיזעלביקע מענטשן געווען אַזוי לוסטיק-לעבעדיק, אַזוי פערווײלט, אַזוי צעהיצט...

דער אויטאָמאָביל האָט זיך דערנענט צו די מזרח-ראַנדן פֿונעם גלילשן פֿלאַכלאַנד.

אויפֿן סאַמעט פֿון בלאַס-בלויען הימל האָבן אָנגעהייבן פֿינקלען שטערן. אין אַ ווײַלע אַרום איז אַרויס איבערן באַרג גלבוע אויך די לבנה,—די לבנה, וואָס האָט אַמאָל באַלויכטן דעם שפּיץ פֿון יעקבס לייטער צום הימל.

די וועגלייט האָבן געדרעמלט,

די קליינע גיטעלע איז אײַנגעשלאָפֿן, מיטן קאָפּ אָנגעשפּאַרט אין הגרס אָרעמס.

הגר האָט געעפֿנט איר האַנטבײַטל און כּוכבא, וועלכער האָט פֿון איר קיין אויג נישט אַראָפּגענומען, איז געבליבן זיצן אַ פֿאַרגליווערטער.

קליינע, בלישטשעדיקע מעטאַלענע חפֿצים זענען איינער נאָכן אַנדערן אַרויסגעוואָרפֿן געוואָרן אין דער נאַכט אַרויס, אויפֿלייכטנדיק אין זייער קיילעכדיקן שפּרונג...

הגר האָט אָפּגעוואָרפֿן פֿון זיך איר שמינקע, אירע פּודערשאַכטעלעך, אירע שטיפֿטן און איר רוזש...

די לאַנדשאַפֿט האָט זיך אינגאַנצן געענדערט.

דער אויטאָ האָט זיך גערוקט דורך אַ שמאָלן פּאַס צווישן רידזיקע פֿעלזנשפּאַלטן, אָדער ער איז אַדורך איבער בריקן, אַריבערגעוואָרפֿענע איבער שטיל-רוישנדיקע וואַסערשטראָמלעך.

פֿייערלעך פֿון דערפֿער, אָדער איינצלנע הײַזער זענען געוואָרן אַלץ זעלטענער. זײַט אַ האַלבע שעה האָט מען זיי מער נישט באַגעגנט.

גיטעלע האָט זיך אויפֿגעכאַפּט, און מיט אומרויִקע ווילדע בליקן זיך אַרומגעקוקט אין דער וויסטעניש.

גאַנץ שטיל האָט זי אויסגעפֿרעגט הגרן, ווו מען איז דאָ.

הגר האָט זי באַרויִקט, ווי זי האָט געקאָנט. וואָס מ'וועט טון אין „באר-יעקב?" מ'וועט דאַרפֿן אַרבעטן.

— יאָ, אָבער וואָס אַרבעטן ?

הגר האָט איר נישט געקאָנט געבוי קלאָר מאַכן, וואָס פאַר אַן אַרבעט דאָס וועט זיין. זי האָט עס אַליין נישט גע־ווּסט. זי האָט אפילו נאָך גאָרנישט געטראַכט וועגן דעם.

איר רויקייט איז געקומען פון דעם, וואָס זי האָט זיך אָפּ־געטרייסלט פון אַלץ, וואָס זי איז געוואָרן גלייכגילטיק צו אַלץ. זי חלומט. איר חלום איז דאָס שענסטע, דאָס וויכטיקסטע. צי האָבן די אבות אַמאָל, אַמאָל, בלאָנדזשענדיק אין מדבר, גע־זאָרגט וועגן דעם, וואָס זיי וועלן טון, ווען זיי וועלן אַריינקו־מען אין דעם צוגעזאָגטן לאַנד ? זיי האָבן גאָרנישט געטראַכט. זיי האָבן זיך פאַרלאָזן אויף גאָטס בארואָט.

גיטעלע האָט פלוצלונג אַ צי געטון דהגרן פאַרן אַרבל.

— קוק נאָר.

אַ פופציק מעטער ווייט פון זיי האָט אינמיטן וועג זיך געשאָקלט אַ פייערל.

דער אויטאָמאָביל האָט געגעבן אַ סיגנאַל, האָט אָנגעהייבן גיין לאַנגזאַמער און ענדלעך זיך אָפּגעשטעלט פאַר די סילועטן פון צוויי מענטשן. איינער פון זיי האָט געהאַלטן אין דער האַנט אַ לאמטערן.

דער מענטש מיטן לאַמטערן האָט אויסגערופן :

— כוכבא !

כוכבא האָט געענטפערט:

— דאָס בין איך.

דיזעלביקע שטים האָט ווייטער געפרעגט:

— וויפל ?

— פיר. דריי מענער און איין פרוי.

— ווייניק. מיר האָבן גערעכנט, ווייניקסטנס, אויף אַכט נייע. דו ווייסט דאָך, אַז אַכט וואָלטן אויך נישט געווען צו־פיל.

— איך ווייס, איך ווייס. אָבער אַז איך וועל אייך געבן

אכס, וועט פאר „באר-יעקב" גאַרנישט בלייבן. דאָרט פעלן אויך הענט צו דער אַרבעט.

דער מענטש מיטן לאַמטערן האָט געקוועטשט מיט די פּלייצעס.

— פּאַרפאַלן. מ'וועט זיך מוזן ווי עס איז אַן עצה געבן. וואָלט כאָטש געווען צווישן זיי איין ערדאַרבייטער, אַ פּאַכמאַן!

— נישטאָ, דו ווייסט דאָך. קיין חשק פעלט זיי נישט. זיי וועלן אַרבעטן ערלעך, געוויסנהאַפט.

— גוט. זע נאָר, אַז זיי זאָלן קומען ווייטער, וואָס מער.

— מיר וועלן שוין זען. דאָ האָסטו די פּאַפּירן.

דער מענטש האָט אויפגעהייבן זיין לאַמטערן. ביים געלן ליכט האָבן הגר און די קליינע גיטעלע געזען, ווי ער בלעטערט דורך די פּאַסטאַרטן.

כוכבא האָט אויסגערופן:

— אברהם סמאָלסקי.

קיינער האָט זיך נישט אָפּגערופן. סמאָלסקי האָט געדרימלט אויפן וואָגן אַנטקעגן הגרן. כוכבא האָט געמוזט אַריינקריכן איבערוועניק און אים אַ צי טון פאַרן אַרבל.

— אויפשטיין. מיר זענען שוין אָנגעקומען אויפן אָרט.

דער פאַרשלאָפענער האָט זיך געריבן די אויגן.

— וווהין?!

— אין דער קאָלאָניע.

סמאָלסקי האָט מער גאָרנישט געפרעגט. ער האָט גענומען זיין פּעקל, און שטורכנדיק די אַרומיקע, וואָס זענען געבליבן, איז ער אַרויס פון אויטאָ.

הגר האָט דערשפּירט, ווי גיטעלעס הענטל האָט פעסט צוגעדריקט איר האַנט.

— צי וועט מען זיי נישט צעשיידן?

— סטעפאַן אַראָנסאָן!

אַראָנסאָן איז שוין נישט געשלאָפן. ער האָט זיך באַלד אָנגערופן.

— ער האָט נאָר איין האַנט, — האָט זיך אָפּגערופן דער מענטש מיטן לאַמטערן.

כּוכבא האָט אים דערקלערט:

— די צווייטע האָט ער פאַרלוירן אין אַ געשלעג מיט קאָזאַקן.

אַראָנסאָן אַליין האָט זיך אויך אָפּגערופן:

— דאָס שטערט מיר נישט אין מיין אַרבעט. איך בין אַ בוכהאַלטער.

— מיין טייערער, בוכהאַלטערס האָבן מיר שוין גענוג. אָבער נישט געזאָרגט. מיר וועלן שוין געפינען פאַר דיר עפּעס אַ מלאכה.

— שׂרה ראָש!

אַן עלטערע פרוי האָט זיך אָפּגערופן. מ'האט איר געהאָלפן אַרויסגיין.

— ברוך גאָלד!

געענדיקט מיט דער קאָלאָניע.

די איבריקע פינף זעלנער שוין געווען באַשטימט פאַר „באר-יעקב".

איצט האָט הגר געדריקט דאָס הענטל פון דער קליינער: זיי בלייבן צוזאַמען.

דער מענטש מיטן לאַמטערן האָט זיך געזעגנט.

— צום ווידערזען, כּוכבא.

— צום ווידערזען. פאַרגעסט נישט ביזן פופצעטן אַפּריל צוצוגרייטן די באַריכטן. פאַרן צוואַנציקסטן מוז איך זיי איבערשיקן קיין ירושלים.

— זיי וועלן זיין אין אָרדענונג. מיר וועלן בעטן אַ בייע דרעשמאַשין. שוין אַכט חדשים, אַז מ'האָט זי אונדז צוגעזאָגט. ווער עס לאָטש אַרויסקומען צום בייעם שניט?

— איך וועל אַלץ טון, אַז עס זאָל זיין.

דער אויטאָ איז אַוועק ווייטער. איצט איז דאָרט געווען גאַנץ פריי.

כוכבא האָט זיך אַוועקגעזעצט אַנטקעגן הגרן.

ער האָט זיך דערלויבט איצט צו פרעגן.

— צי זענט איר נישט זייער מיד?

— ניין. האָבן מיר נאָך לאַנג צו פאָרן?

— אין אַ שעה אַרום העכסטנס וועלן מיר זיין אויפן אָרט.

זיי האָבן צווישן זיך מער נישט גערעדט.

די קליינע גיטעלע און די אַנדערע דריי עמיגראַנטן זענען ווידער איינגעשלאָפן. פון אַלע זייטן האָט זיך געהערט אַ ווייבענדיק געהויל: שאַקאַלן האָבן געוואָיעט.

הגר האָט די קולות שוין געהערט אַמאָל אויפן לבנון — זי האָט דעמאָלט געמאַכט אַ שפּאַציר אין אַן אויטאָ מיט אַ צעהוליעטער חברה פון ביירוט, וואָס דער שאַמפּאַניער האָט זיי פאַרטריבן דעם שלאָף פון די אויגן.

דער פּאַס צווישן די פעלזנוועגנט איז געוואָרן שמעלער און באַלד דהאָט ער זיך ווידער אויסגעשפּרייט אין דער ברייט.

די לבנה, וואָס האָט געוואַנדערט דורך אַ וואָלקן-געוועב פון „רייזי-קאָליר, האָט אַלעמאָל אָפּגעדעקט דעם נאַקעטן קאָפּ פון אַ באַרג. שוין לאַנג האָט מען נישט באַגעגנט קיין שפּיץ פון אַ בוים.

הגר האָט, נישט ווילנדיק, זיך דערמאָנט גרינבערגס ווערטער: „שיין איז דאָס לאַנד פון די אבות—הוילע שטיינער". איז עס נישט געווען איבערגעטריבן? איבעריקנס—ס'איז אַלצאיינס. צי האָט משה נישט אַרויסגעבראַכט קוועלנדיק וואַסער פון אַ נאַקעטן פעלזן?

פּלוצלונג האָט זיך דער אויטאָ אַ וואָרף געטון אינדערלופטן—ער איז אַרויפגעלאָפן אויף אַ באַרג שטיינער, וואָס איז געלעגן אָנגעוואָרפן אויפן מיטן וועג. דער שאָפער איז אַראָפּ פון זיין אָרט און געמורמעלט עפּעס, אַ בייזער, אונטער דער נאָז.

— וואָס איז געשען?—האָט כּוכבא געפרעגט.

— ווי אַלעמאָל: שטיינער. שטענדיק ליגן זיי דאָרט, וווּ מען דאַרף זיי נישט.

— זאָל איך אייך העלפן?

— אַ דאַנק. איך וועל מיר שוין אַליין אַן עצה געבן. איך האָב נאָר מורא, צי איז מיר אַמאָל דער מאָטאָר נישט קאַליע געוואָרן.

דאָס ברענגען דעם אויטאָ אין אָרדענונג האָט געדויערט איבער אַ שעה.

הגר האָט געכאַפּט אַ דרעמל און האָט זיך אויפגעכאַפּט ערשט, ווען דער אויטאָ האָט אָנגעהייבן זיך צו רירן.

אינגיכן האָבן זיי דערזען אין דער פינסטערניש אַ אינדזל מיט פייערלעך.

כּוכבא האָט זיך צוגעבויגן צו הגרן און שטיל געשעפּטשעט:

— עס איז שכם. באַלד וועלן מיר זיין אויפן אָרט.

צוויי טונקעלע מאַסיוון, ווי ריזיקע שאָטנס, האָבן זיך אַרויסגעשניטן אויפן האָריזאָנט, איינער צו מזרח און דער צווייטער צו מערב פונם וועג, אויף וועלכן זיי זענען געפאָרן.

כּוכבא האָט איר אָנגעוויזן:

— אָט דער, רעכטס, איז דער באַרג עיבל און דער, אַנטקעגן, איז דער באַרג גריזים.

ביי די ערשטע הייזלעך פונם איינגעשלאָפענעם שטעטל האָט זיך דער אויטאָ ווידער אָפּגעשטעלט.

— סטאָפּ!

דער באַפעל איז אַרויסגעזאָגט געוואָרן אויף ענגליש.

אינם ליכט פון אַ לאַמטערן האָבן זיי דערזען, ווי פון דער פינסטערניש רוקט זיך אַרויס אַ ריזיקער ענגלישער זעלנער אין אַ האַקי-מונדיר.

ער איז געשטאַנען צעשפּרייט אין דער ברייט פון וועג, האַלטנדיק אין האַנט אַ ביקס, גרייט צום שיסן.

עס איז געווען אַן ענגלישער אונטער-אָפיציר, הינטער אים האָבן זיך געשטאַנט אינדערפינסטער נאָך עטלעכע זעלנער פון חאַף-פּאָסטן.

כּוכבא איז אַראָפּ פון וואָגן און האָט עפּעס גערעדט מיט די ענגלענדער.

הגר, וועלכע האָט געקענט שוואַך ענגליש, האָט אויפגע-כאַפּט פון דעם שמועס נאָר עטלעכע פראַזן.

— דער סערזשאַנט האָט אויפגעהייבן זיין ביקס אינדער-הייך: אַ סימן, אַז דער וועג איז פריי. די זעלנער פון הינטן האָבן געמאַכט פריי דעם וועג.

דער אויטאָ איז געפאָרן ווייטער.

— וואָס איז עס געווען? — האָט הגר געפרעגט.

כּוכבא האָט נישט גערן געענטפערט:

— אַ נאַרישקייט.

— עפּעס האָט דאָך דאָ יאָ געמוזט געשען!

— אַ קלייניקייט. באַנדיטן האָבן געוואָלט באַפאַלן דעם אוי-טאָ, וואָס איז געגאַנגען פאַר אונדז. דאָס האָבן זיי אַוועק-געלייגט אויפן וועג דעם הויפן שטיינער, וועלכן מיר האָבן באַ-געגנט. אַזעלכע צופאַלן טרעפן אָפט נישט בלויז דאָ, אין די פאָרשטעט פון פּאַריז אָדער לאָנדאָן איז אויך נישט בעסער. איר זעט פונדעסטוועגן: די פּאָליציי וואַכט. אין דער הינזיכט זענען די ענגלענדער אויסגעצייכנט.

הגר האָט גאָרנישט געהאַט, וואָס צו זאָגן. זי האָט גע-פרווט דורכרייסן מיטן בליק די אַרומיקע פינסטערניש און זען כאָטש עפּעס פון דער שטאָט, דורך וועלכער זיי זענען נאָר-וואָס דורכגעפאָרן. די נאַכט איז געווען אַ פינסטערע און אַ שוואַרצע. די הייזער זענען געווען אָנגעוואָרפן איינס אויף ס'אַנדערע — עס איז געווען איין הויפן פון אַ בלאָס-בלויען קאָליר.

פון אונטער דער בריק האָט זיך געהערט דאָס גערויש פון זיך-לויפנדיקן וואַסערשטראָם. דאָס וואַסער איז דאָ געווען גרויס, שטאַרק.

אינגיכן האָבן זיי זיך געפונען צווישן די פעלדער.

כּוֹכבא האָט אָנגעררירט הגרס האַנט.

—„באר־יעקב.״

ער ד׳האָט אַרויסגעזאָגט די ווערטער הויך, כּמעט מיט נצחון.

אין אויטאָ האָט זיך אָנגעהייבן רודערן.

כּוֹכבא האָט ווידער דערקלערט :

—מיינע טייערע, מיר זענען אויפן אָרט:

די פאַרשלאָפענע פּאַסאַזשירן האָבן זיך געכאַפּט אויסרייבן די אויגן, אָדער זיי האָבן די אויגן ברייט פאַנאַנדערגעעפנט — אפשר וועלן זיי זען קלאָר, ווו זיי זענען.

די קליינע גיטעלע האָט אָנגעכאַפּט הגרס אָרעם.

—מ׳זעט גאָרנישט. ווו זענען מיר ?

כּוֹכבא האָט זיי אויפגעקלערט :

—מיר האָבן זיך פאַרשפּעטיקט. עס איז שוין באַלד צען,— איז שוין אומעטום אויסגעלאָשן דאָס פייער. איר דאַרפט וויסן, אַז דאָ גייט מען פרי שלאָפן. פאַרן טאָג איז דאָ געגנוג אַרבעט, דעריבער זאָגן מיר אין אונדזער חברה, זיי זאָלן נישט אָפּוואַרטן קיינעם. אגב, זענען די וווינונגען ווייט פונדאַנען אַנ׳ערך אַ האַלבן קילאָמעטער. איר וועט זען די אייגענע הייזלעך אַרום אַכט אין אָוונט, נאָך דער אַרבעט, ווען אַלע זיצן אין די ליכטיקע צימערן און טוען עפּעס פאַר זיך אָדער לייענען,—דעמאָלט זעט אויס אונדזער קאָלאָניע, באַזונדערס טאַקע פון דער זייט פון וועג, ווי אַן אמתע שטאָט. מיט זעקס חדשים צוריק, ווען אונדז האָט באַזוכט דער הויכקאָמיסאַר סער הערבערט סעמויעל, איז אָט דער גאַנצער וועג געווען שיין באַלויכטן מיט אַ טאָפּעלער שורה קאָלירטע עלעקטרישע לעמפּלעך. איר דאַרפט וויסן, אַז מיר האָבן דאָ עלעקטריע. אין געוויינלעכע טעג קאָן מען אָבער די לעמפּלעך נישט איבערלאָזן אַזוי אויף הפקר, ווייל די היגע בעדואינער וואָלטן זיי פּשוט צעבראָכן.

דער וואָגן איז אַראָפּ פון טראַקט און האָט זיך פאַרקירעוועט אויף לינקס. איצט האָט ער זיך לייכט געגליטשט איבער דעם גלאַטן וועג.

עס האָט אַ פּינקל געטון איין פּייערל, דאַן אַ צווייטס און אַ דריטס.

דער אויטאָ האָט זיך אָפּגעשטעלט.

—מיר גייען אַראָפּ!—האָט כּוכבא אויסגערופן.

דאָס הייפל ניי-אָנגעקומענע האָט זיך אָפּגעשטעלט פאַר אַ פעסטן צוים פון אייזערנע שטאַכעטן, אַרומגעוויקלט מיט אַ נעץ פון שטעכעדיקן דראָט.

אויף יענער זייט פון די שטאַכעטן האָט אַ הונט בייז געבילט.

עס האָבן זיך דערהערט שווערע מענטשלעכע טריט. איינער האָט געעפנט דאָס טויער.

כּוכבא האָט דער ערשטער זיך אָפּגערופן:

—גוט-באָוונט, שמואל! אָט זענען אונדזערע חברה. איז גאָרנישט געשען פון אייערנעכטן אָן?

—גאָרנישט. מיר האָבן אייך אָפּגעוואַרט אַ סך פריער.

— עס איז עפּעס קאַליע געוואָרן אויפן וועג. אַלע שלאָפן שוין, יאָ?

—אַלע, אויסער פריילן הענריקא.

— אַ ווילע פרוי. אָבער איך וועל איר דערפאַר אויסרעדן.

דורך דער טיפער פינסטערניש פון דער נאַכט האָט הגר אויפגעכאַפּט מיטן אויג דעם אַלגעמיינעם צונויפשטעל פון די הייזער — גרויסע, פּירקאַנטיקע. די הייזער האָבן דערמאָנט פון איין זייט קאַזאַרמעס און פון דער צווייטער — דאָרפישע ווילעס.

פיר אַזעלכע בנינים, יעדער אַן ערך פופציק מעטער לאַנג, האָבן איינגעשלאָסן אַ פירקאַנטיקן פּלאַץ, באַזעצט מיט קליינע ביימלעך.

אינמיטן העם פּלאַץ האָט אַרויסגעשטאַרצט אינדערהויך דער שפּיץ פון אַ הויכן ווינטמאַטאָר, און עס האָט זיך געהערט, ווי דאָס ראָד אויבן פּייפט און סקריפּעט אונטערן ווינט. אין דעם ערשטן בנין האָבן נאָך געברענט צוויי עלעקטרישע לאָמפּן. אויפן

װאַרענדע איז אויסגעוואַקסן אַ סילועט פון אַ מענטשן.

כוכבא האָט אויסגערופן מיט אַ שמחה:

—פרײַלן הענריקא, מיר זענען דאָ!

ער האָט איר פאָרגעשטעלט די אָנגעקומענע.

—איר האָט אוודאי נאָך נישט געגעסן קיין אָונטערוויט, — האָט זי זיך אָפּגערופן. — איך האָב פאַר אײַך עפּעס צוגעגרייט. קומט אַרײַן אין עסצימער.

— אַ דאַנק אײַך, איר האָט בעסער שוין געדאַרפט שלאָפן, פרײַלן הענריקא.

זי האָט זיך פאַרענטפערט:

—איך בין אויך הונגעריק.

זי האָט גערעדט מיט אַ מאָדנעם קול—אַ פלאַכע, מעטאַלענע שטים, מאָמענטנווייז זייער האַרט און אַן אַנדערשמאָל גלאַט, זיס,—אַזוי ווי כוכבא.

זי האָט זיי אַלע זעקס אַוועקגעזעצט ביי איין טיש. דאָס עסן איז געווען באַשיידן, אָבער גענוג און זעטיק: סמעטענע, פּרוכטן, פּאָר אַנדערע—ווורשט.

פרײַלן הענריקא האָט נאָכגעקוקט, צי אַלע האָבן געגעסן. הגר האָט די גאַנצע צייט אָבסערווירט דידאָזיקע מאָדנע געשטאַלט. ווי אַלט קאָן זי זיין? טיף-שוואַרצע האָר און יונג פאַרקעמט,—גלאַט, מיט אַ שרינט—און דאָך האָט מען איר נישט געקאָנט געבן ווייניקער, ווי אַ יאָר פופציק.

איר פּנים איז געווען געל. אירע שמאָל-דינע ליפּן ד־האָבן זיך קוים אָנגעזען אויפן געזיכט מיט זייער בלאַסער רויטקייט. די גרויע, טיף אַרײַנגעזעצטע אויגן, האָבן לעבעדיק געבלישטשעט. איר פּראָפיל איז געווען שאַרף אין דער ליניע און שטרענג אין אויסדרוק, און אָנגעטון איז זי געווען אינגאַנצן שוואַרץ, — ווי אַ קלויסטער-פרוי. ביים קאָלנער, אַנשטאָט אַ בראָשקע, האָט זי געטראָגן אַ מגן-דוד.

באַטראַכטנדיק זי, האָט זיך ד־הגר געכאַפּט, אַז זי אַליין ווערט אויך כסדר באַטראַכט פון די שטאָלענע אויגן.

די ביי-אָנגעקומענע האָבן געשמאַק געגעסן.

כּוכבא האָט דאָס צוגעזען מיט אַ קינדערשער שמחה.

— איר מוזט וויסן, מײַנע טײַערע, אַז דאָס, וואָס איר זעט דאָ אַלץ אויפן טיש, וועט איר מוזן אַליין מיט אײַערע אײגענע הענט שאַפן. אין דרײַ יאָר אַרום מוזט איר דערגיין צו דער לאַגע, צו וועלכער עס זענען דערגאַנגען אונדזערע חברים פון „ראשון לציון."

„פריילן הענריקא האָט געזען, ווי כּוכבא גיסט אָן דער קליינער גיטעלען אַ צווייט גלעזל ווײַן, און זי האָט באַמערקט:

— מ׳דאַרף איר נישט געבן צופיל ווײַן. זי וועט באַלד אײַנשלאָפן. פונוואַנען ביזטו?

— פון בעסאַראַביע.

— קיין פראַנצויזן זענען צווישן אײַך נישטאָ, נאַטירלעך.

כּוכבא האָט געוואָלט שטאַרקער מאַכן דאָס אָנזען פון זײַן פּראָטעזשירטער דאַמע.

— ניין. אָבער פריילן מאָזעס רעדט אויסגעצייכנט פראַנצויזיש.

פריילן הענריקא האָט אָנגעשטעלט אויף הגרן איר שאַרפן שפּיזיקן בליק.

— צי האָט איר געוווינט אין פראַנקרייך?

— ניין. נאָר איך האָב געקענט אַ סך פראַנצויזן.

דאָס צימער איז פול געוואָרן מיט אַן אומרויקער שטילקייט.

פריילן הענריקא האָט נישט געשטעלט קיין ווייטערדיקע פראַגן וועגן דעם, ווי אַזוי הגר האָט עס געהאַט די מעגלעכקייט זיך צו באַקענען מיט אַ סך פראַנצויזן...

ענדלעך האָט זי געזאָגט:

— מיר וועלן נאָך האָבן צייט גענוג צו רעדן וועגן דעם אַלעם, אויב מיר וועלן צוזאַמען פאַרברענגען דאָס איבעריקע לעבן.

דאָס איבעריקע לעבן!

הגרן איז אַדורך אַ שוידער איבערן לייב. ווי אײַנפאַך זי

האָט עס אַרויסגעזאָגט די שרעקלעכע ווערטער!

פריילן הענריקא האָט, אַפּנים, דערשפּירט דעם איינדרוק, וואָס זי האָט געמאַכט אויף הגרן — זי האָט צוגעגעבן מיט אַ ליבן שמייכל, וואָס האָט הגרן פּשוט פאַרכישופט:

— איך פיל, אַז מיר וועלן זיין גוטע פריינט.

די מענער זענען געגאַנגען שלאָפן.

איין כוכבא איז געבליבן מיט די דריי פרויען.

— איר מעגט שוין אויך גיין שלאָפן, — האָט זיך אָפּגערופן פריילן הענריקא.

זיי זענען אַריבערגעגאַנגען איבערן הויף.

אויף דער שוועל פון הויז, רעכטס, האָט זיך כוכבא מיט זיי געזעגנט.

— אַ גוטע נאַכט.

און, געבנדיק די האַנט הגרן, האָט ער צוגעגעבן:

— ביז מאָרגן.

הגר האָט קיינמאָל נישט געגלויבט, אַז אַ מאַנספּילשע האַנט קאָן אַזוי ציטערן.

דער געצעלט, אין וועלכן זיי האָבן זיך געפונען, איז געווען איבערגעטיילט אין דער לענג מיט אַ לאַנגן קאָרידאָר, וואָס האָט געהאַט צו צען טירן איןביידע זייטן. די טירן האָבן אַריינגעפירט אין קליינע דריי-מעטערדיקע צימערלעך.

— איר וועט מיר אַנטשולדיקן, וואָס איך גיב אייך אין דער ערשטער נאַכט אָט די קליינע וואַר אַ מיט-שלאָפערין. איך ד־האָב נישט געוווסט, אַז איר וועט זיין צוויי. שלאָפט גוט. אין דער פרי זאָלט איר זיך נישט דערשרעקן פאַרן גלאָק. איבערן מאָרגנדיקן טאָג דאַרפט איך זיך אויסרוען.

פריילן הענריקא האָט זיי געלאָזן אַליין.

אין דעם העל-באַלויכטענעם צימערל האָבן זיך הגר און גיטעלע אַוועקגעזעצט, יעדע אויף איר בעטל, און האָבן זיך איינע

די אַנדערע אָנגעקוקט. ביידע האָבן געשמייכלט פאַרשעמט — זיי האָבן אַליין נישט געוווּסט, פאַרוואָס.

— מיר לייגן זיך שלאָגן, — האָט הגר געזאָגט.

— מיר לייגן זיך שלאָפן, — האָט גיטעלע באַכגעזאָגט.

אָבער קיינע פון זיי האָט זיך נישט גערירט פון אָרט.

עס זענען אַריבער עטלעכע מינוט. ענדלעך האָט זיך הגר אָפּגערופן גאַנץ שטיל:

— אַ ליכטיקע נאַכט. מ׳קאָן דאָס ליכט אויסלעשן.

גיטעלע האָט אויף גיך מסכּים געווען:

— יאָ, יאָ.

ביידע האָבן געהאַט דעמזעלבן געדאַנק: איינע האָט זיך געשעמט מיט אירע שנאַטעס, די צווייטע — מיט אירע זיידענע וועש.

אויסגעצויגן אַליין איז איר אייזערנעם בעטל, האָט הגר געטראַכט וועגן די פאַרבאָרגענע וועגן פון מענטשלעכן גורל. עס איז פאַראַן אַ מין באַהאַלטן געזעץ, וואָס הייסט דיזעלבע געשעענישן זיך איבערחזרן צוויי מאָל אין איין לעבן. זי האָט זיך דערמאָנט יענעם טאָג, ווען זי האָט זיך געשעמט אויסצוטון אין צימער פון לינא דע־מאַרווי...

דעמאָלט האָט זיך אָנגעהייבן אַ נייע תקופה אין איר לעבן. היינט האָט זיך די תקופה געענדיקט...

גיטעלע איז איינגעשלאָפן.

דאָס ראָד פון מאָטאָר האָט, אונטערן שטאַרקן ווינט, שרעקלעך געקרעכצט.

VI

„באר־יעקב" איז איינע פון די אָנגעזעענסטע קאָלאָניעס אין לאַנד.

איז עס דערפאַר, וואָס די קאָלאָניע איז גרעסער, רייכער, פּרוכטבאַרער פון די איבעריקע קאָלאָניעס?

ניין. „באר־יעקב" איז אויסגעוואַקסן אַ דאַנק דער אַרבעט פון צוויי מענטשן: יצחק כּוכבא און העגריקא ווייל.

כּוכבא האָט פאַרייניקט אין זיך אַ מיסטישן ענטוזיאַזם פאַר דעם אויפבוי פון יידישן לאַנד מיט אַ טיפער מענטשן-קענטעניש און אַ באַזונדער קענטעניש פון די ספּעציפישע אָרטיקע באַדינ-גונגען.

אַן אומדערמידלעכער פּראָפּאַגאַנדיסט, איז ער גלייכצייטיק געווען דער אָמבעסטן אינפאָרמירטער ראַטגעבער פון דער נייער רעגירונג. דער ענגלישער הויכקאָמיסאַר, סער סעמיועל, האָט באמת שטאַרק געהאַלטן פון אים און ער וואָלט אים גערן גע־וואָלט זען צווישן זיינע באַאַמטע מיטאַרבעטער אין ירושלים.

כּוכבא האָט זיך אָבער איינגעקשנט. פונקט ווי ער האָט אין יאָר 1906 אָפּגעוואָרפן אַלע בקשות פון באַראָן וועגן אומ-קערן זיך קיין פּאַריז, אַזוי האָט ער אין יאָר 1920 זיך אָפּגע-זאָגט פון די פריינטלעכע און פאַר אים זייער שמייכלענדיקע פּראָפּאָזיציעס, מיט וועלכע עס האָט זיך צו אים געווענדט דער נציב־העליון. אָנעמען אַ הויכן פּאָסטן—כּוכבא האָט געהאַלטן, אַז

דאָס וואָלט געווען אַ פּאַראַט קעגן זיך אַליין. אין דער יונגער יידישער מלוכה זענען שוין אַזוי אויך פּאַראַן צופּיל יי-דישע בעלנים אויף צו ווערן באַאַמטע. פונוואַנען וועלן עס זיך נעמען אין דעם לאַנד פון די אָבות די צוגעזאָגטע סגאָ־עס תבואה, ווען די קינדער, וואָס קערן זיך אום אין דעם לאַנד, וועלן זיך אָפּזאָגן פון זייער ערשטער פליכט—פון דער פיזישער אַרבעט אין פעלד ?

כוכבא האָט אין זיין פאַנאַטישער צוגעבונדנקייט צו דער פעלדאַרבייט נישט געוואָלט איינגיין אויף קיין שום פשרות. אַרויס-גערופן איינער פון די ערשטע דורכן סער הערבערט קיין ירושלים, האָט ער באַשלאָסן צייטווייליק צו פאַרלאָזן זיין אַלטע ראָט-שילד-קאָלאָניע „ראשון לציון," ווו ער האָט זעקס יאָר געאַרבעט, ווי אַ פשוטער טאָגאַרבעטער. זיין באַשלוס איז געווען, נישט צו פאַרבלייבן לאַנג אין דער הויפּטשטאָט.

שפּעטער, ווען דער אַדמיניסטראַציע-אַפּאַראַט האָט אָנגע-הייבן אַרבעטן נאָרמאַל, האָט כוכבא כסדר געפאָדערט, אַז מ'זאָל אים לאָזן שאַפן אין יהודה אַ נייעם ישוב פון קאָלאָניסטן, און ווען מען האָט אים געגעבן אויסצוקלייבן אַ פרייען שטח ערד, האָט ער אויסגעקליבן דעם פּלאַץ, אויף וועלכן עס געפינט זיך איצט די קאָלאָניע „באר-יעקב." די נאָענטע שכנות מיט ש כ ם, איינס פון די גרעסערע שטעטלעך אין ארץ-ישראל, האָט דער קאָלאָניע קיין גרויסע נוצן נישט געבראַכט. מ'האָט געוואָלט אַנט-וויקלען דאָ אַ רייכערע ווייןּ-קולטור, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער באָדן איז פאַר אַזאַ קולטור נישט גינסטיק. די אַרומיקע באַפעלקערונג האָט אויך נישט איבעריק פריינטלעך אויפגענומען די ניי-אָנגעקומענע קאָלאָניסטן. אויסער עטלעכע ש ו מ ר ו נ י ם אין רויטע טורבאַנעס, האָבן דאָרט געוווינט אַרום פאַרביסענע קריסטן, וועלכע זענען שטענדיק גרייט געווען שטילערהייט צו העלפן די פאַרביטערסטע שונאים פון יידישן ישוב — די בעדו-אינער.

דידאָזיקע בעדואינער פון אַרום שכם זענען נאָך געווען מער פאַרביסן קעגן ישוב, איידער זייערע ברידער פון אַרום

חברון, און יאָר-יערלעך, ערב דעם יום-טוב פון הייליקן נעבי-מוסי, פלעגן זיי גיין גאַנצע זיבעציק קילאָמעטער קיין ירושלים, כדי אין דעם יום-טוב צו פּראָטעסטירן קעגן די „יידישע פּאַרכאַפּער פון לאַנד."

די קאָלאָניע האָט נישט געהאַט קיין איין טאָג מנוחה. היינט האָט מען באַמערקט, אַז עס פעלן עטלעכע יונגע וויין-ביימלעך, אויף צומאָרגנס זענען פאַרשוווּנדן געוואָרן אַ פינף, זעקס שטיק שאָף. אַן אַנדערשמאָל האָט מען געפונען צעשעדיקט די מכשירים צו דער פעלדאַרבעט. צוויי קאָלאָניסטן, וועלכע זענען געגאַנגען ביינאַכט אַהיים פון דער שטאָט, זענען באַפאַלן געוואָרן. מ'האָט געמוזט אָנקומען צו דער ענגלישער מאַכט פון שכם. די קאָלאָניסטן זענען פון דער איבטערוועניק געווען נישט שטאַרק צעפרידן. די רעפּרעסיעס פון די ענגלענדער האָבן נאָכמער אויפגערייצט די בעדואינער און זיי נאָך שטאַרקער פאַרביטערט.

איין פאַקט איז געווען גינסטיק פאַר דער קאָלאָניע: זי איז געלעגן נאָענט צו דעם גרעסטן טראַקט פון פּאַלעסטינע, — דער טראַקט, וואָס פאַרבינדט חיפה מיט ירושלים און שניידט דורך יהודה, שומרון און גליל.

פון אַלע הויכע אַמטן, וועלכע זענען מצד דער רעגירונג פאַרגעלייגט געוואָרן כוכבאן, האָט ער ענדלעך איבערגענומען אויף זיך איין פונקציע: ער איז געוואָרן דער גענעראַל-אויפזעער איבער אַלע לאַנדוווירטשאַפטלעכע אַנשטאַלטן פון צפון-ראַיאָן, ד. ה. פון דעם ראַיאָן, וואָס איז באַדינט געוואָרן פון חיפהער פּאָרט. צו דער פונקציע איז באַלד צוגעקומען אַ צווייטע, וואָס איז געווען מיט איר ענג פאַרבונדן — כוכבא האָט געמוזט אַראָפּנעמען

פון פאָרט די נײ־אָנגעקומענע עמיגראַנטן און זײ פאַנאַנדערטײלן צװישן די פאַרשידענע קאָלאָניעס.

דידאָזיקע פולמאַכטן אין די הענט פון אַדמיניסטראַטאָר פון „באר־יעקב” האָבן געקאָנט די קאָלאָניע אַװעקשטעלן אין אַ פרײװילעגירטער לאַגע. כּוכבא האָט אָבער נישט געקאָנט אַריבערטראָגן קײן שום מין פּראָטעקציע, און אַזױערנאָך איז אַרױסגעקומען לסוף, אַז „באר־יעקב” האָט פון דעם אַלעם נאָך געליטן. כּוכבא האָט געאַרבעט פשוט איבער די כּוחות: ער איז געװען אין חיפה בײ יעדער שיף, װאָס האָט געבראַכט נײע עמיגראַנטן, איז געלאָפן קײן ירושלים אויף יעדער נײטיקער באַראַטונג, איז אַרומגעפאָרן בּסדר פון צפת קײן עפולה, פון דזשענין קײן טבריה, און בײ די אַלע אַרבעטן, צװישן די אײביקע טענות און פּרעטענזיעס פון אַלע זײטן, האָט ער אײן מינוט נישט אױפגעהערט אַלײן צו גלױבן און נישט אױפגעהערט צו מאַכן גלױבן אַנדערע, אַז דער אַנטגילטער נצחון מוז קומען.

אויב ער האָט דערבײ נאָך געקאָנט פאַרװאַלטן מיט דער קאָלאָניע „באר־יעקב”, איז עס געװען נאָר דערפאַר, װאָס ער האָט געהאַט לעבן זיך אַ פּערזאָן, װעלכע האָט אים שטענדיק געקאָנט פאַרטרעטן.

עס איז געװען אין יאָר 1898, אין דער צײט פון דעם שטורמישן קאַמף, װאָס איז געפירט געװאָרן אין פראַנקרײך פאַר דער רעװיזיע פון דרײפוס־פּראָצעס. אויף אײנער פון די דעמאָלטיקע שטורמישע זיצונגען פון פראַנצױזישן פאַרלאַמענט איז אַרױסגעטרעטן אַ דעפּוטאַט און האָט איבערגעלײענט פאַר דער קאַמער אַן אַרטיקל, װאָס איז געװען אָפּגעדרוקט דעם אײגענעם טאָג אין „אָראָר,” דער אָרגאַן פון װאָגאַן און קלעמאַנסאָ.

דאָס אַרטיקל האָט געהײסן „אַן אָפענער בריװ צום ה׳ פּרעמ־

יער" און איז געווען אונטערגעשריבן מיטן פסעוודאָנים „דאָצענטין."

אין דעם בריוו, וואָס איז, לויט דער פאָרם, געווען געשריבן גאַנץ מילד, האָט די שרייבערין געפאָדערט פון פרעמיער נישט מער און נישט ווייניקער, ווי דאָס, אַז ער זאָל הייסן דערשיסן עטלעכע גענעראַלן און נאָך אַנדערע באַטייליקטע אין דער דרייפוס-געשיכטע.

דער פאַרלאַמענט איז אויפגעקאָכט געוואָרן. פון אַלע זייטן זענען דעפּוטאַטן באַפאַלן דעם מיניסטער מיט אינטערפּעלאַציעס, און דער מיניסטער האָט צוגעזאָגט, אַז אויב אים וועט געלינגען אויסצוגעפינען דעם נאָמען פון דער שרייבערין פון אַרטיקל, וועט ער זי צוציִען צו פאַראַנטוואָרטלעכקייט.

דער מיניסטער האָט געהאַלטן וואָרט.

אויף צומאָרגנס, אַרום עלף אינדערפרי, האָט זיך צום שעף פון מיטלשול-דעפּאַרטאַמענט געמאָלדן אַ יונגע דאַמע. זי איז געווען הויך, נאַכלעסיק געקליידט און אַ ביסל נישט דרייסט אין דער האַלטונג, אָבער מיט שיינע רעגלמעסיקע געזיכטס-שטריכן.

זי איז געווען די אויטאָרין פון דעם שרייענדיקן אַרטיקל׳ זי האָט געלייענט אין די צייטונגען דעם באַריכט פון דער נעכטיקער פאַרלאַמענט-זיצונג און זי איז געקומען אַליין זיך איבערגעבן אין די הענט פון דער גערעכטיקייט.

דעם אייגענעם אָוונט האָט דער מיניסטער אונטערגעשריבן אַ פאַראָרדנונג, לויט וועלכער פריילן ה ע נ ר י ק א וו יי ל, פּראָפעסאָר פון פילאָזאָפיע אין ליצײ אויפן נאָמען פון זשול פעדרי, איז אויף איר גאַנצן לעבן פאַרבאָטן געוואָרן צו זיין אַ לערערין.

פון אַלע זייטן האָבן זיך אַ שיט געטון צו איר בריוו מיט אויסדריקן פון אָנערקענונג. פון די ערשטע צוויי בריוו, וואָס זי האָט דערהאַלטן, איז זי גערירט געוואָרן ביז טרערן: איינער איז געווען פון עמיל זאָלא און דער צווייטער פון מאַטיע דרייפוס.

פון אַנאַטאָל פראַנס איז אָנגעקומען אַזאַ בריוו מיט עטלעכע טעג שפּעטער.

פון דעמאָלט אָן האָט זיך אָנגעהייבן פאַר דער יונגער פּי־לאָזאָפין אַ תקופה פון קאַמף, וואָס איר ערשטער טייל האָט זיך געענדיקט מיט אַכט יאָר שפּעטער, אין דעם טאָג, ווען דער מאַ־יאָר דרייפוס איז אויפן אינוואַלידנפּלאַץ פייערלעך דעקאָרירט גע־וואָרן מיט אַ קרייץ פון עבּלעגיאָן.

פריילן ווייל האָט זיך צוגעקוקט צו דער פייערונג, און ווען זי האָט דערזען די רויטע לענטע, וואָס ווערט צוגעקנעפּלט צום שוואַרצן מונדיר פון דעם געוועזענעם פאַרשיקטן אויף דער טייוול־אינדזל, האָט זיך איר אַרויסגעריסן אַ געשריי פון האַרצן און זי איז געפאַלן אַ געחלשטע.

די פרייד איז געווען איבער אירע כּוחות.

אַ מאָדנע פרוי !...

די יאָרן האָבן זי אינגאַנצן נישט געענדערט.

די שעה פון גערעכטיקייט האָט געשלאָגן אויך פאַר איר: זי האָט צוריק באַקומען איר אַלטן פּאָסטן אין ליציי. זי איז אויך געוואָרן אַ מיטגליד פון העכסטן בילדונגסראַט. אונטער דער צייט האָט זי אויך באַקומען דעם דאָקטאָר־טיטל אויפן גרונט פון אַ דיסערטאַציע, וואָס איז געוואָרן אין יענער צייט זייער באַ־רימט: „וועגן דער עסטעטיק אין דער טעאָריע פון קאַרל מאַרקס״. דער פּאָרזיצער פון פּראָפעסאָרן־קאָלעגיום האָט זיך מיט איר צעקושט און אויסגערופן, אַז עס איז געבוירן געוואָרן אַ נייע שפּינאָזאַ. אין אַ קורצער צייט אַרום האָט מען איר אַפילו פאָר־געלייגט אַ קאַטעדרע אין דער אוניווערזיטעט, אָבער זי האָט זיך דערפון אָפּגעזאָגט—זי מוז אַרבעטן פאַר איר מיסיע.

זי האָט ווייטער געוווינט אין איר קליין צימערל. אַלע, וועלכע האָבן זיך שפּעטער געמאַלט אַ נאָמען, סיי אין דער וויסנ-שאַפט, סיי אין דער פּאָליטיק, זענען געווען אַמאָל אירע געסט, וויפל פון די יונגעליייט, וועלכע פלעגן אַמאָל עסן מיטאָג ביי איר באַשיידענעם טיש, האָבן זי שפּעטער באַגעגנט—דרעפּטשענ-דיק אַליין אין די פּאַריזער בלאָטעס — אין טייערע אויטאָמאָ-בילן.

דער אויטאָ פלעגט זיך געוויינטלעך אָפּשטעלן—עס פּאַסט דאָך נישט.

זי פלעגט אין אַזעלכע פאַלן זיך פילן זייער נישט דרייסט, און דער גרויסער מאַן פון אויטאָ, באַהאַלטנדיק זיין לאַנגווייליי-קייט, פלעגט אָנהייבן רעדן וועגן דער נישטיקייט פון אַלע ער-דישע גליקן.

— איר, טייערע, האָט זיך אויסגעקליבן אַ בעסערן וועג. איר זענט געבליבן געטריי זיך אַליין און קודם כל אַ פריייער מענטש.

און דאַן פלעגט מען זיך פאַנאַנדערגיין.

זי, מיט אַ געפיל פון פאַרביטערונג, איז געגאַנגען ווייטער איר וועג, און דער יונגער מיניסטער האָט זיך ברייט אַוועקגע-זעצט אויף די קישעלעך, האָט געקוועטשט מיט די פּלייצעס — אַ רחמנות אויף איר!—און פאַרויכערט אַ ציגאַר.

עס האָט אויסגעבראָכן די וועלט-מלחמה.

אין אָנהייב האָט זי שטאַרק געגלויבט אין דער ציוויליזאַ-טאָרישער מיסיע פון די דייטשן. שפּעטער האָט זי זיך אין זיי אַנטוישט, און זי האָט דערפון שטאַרק געליטן. אין אַמעריקע האָט זי געהאַלטן אַ ריי פאַרלעזונגען לטובת דער קאָאַליציע. איר געדאַנקענגאַנג האָט געהאַט נישט קיין קליינע השפעה אויפן פּרעזידענט ווילסאָן, ווען זי איז פאָרגעשטעלט געוואָרן דורך די הערן יעקב שיף און ראַבינער סטיפען וויז.

פריילן וויל איז אַזויערנאָך אריינגעצויגן געוואָרן אין פאַרשידענע געהיימע אונטערהאַנדלונגען און געהיימע טראַק-טאַטן.

אָפט פלעגט זי זאָגן אין שפּאַס:

— ווילסאָנס פערצן פונקטן האָב איך שוין לאַנג געקענט פון „זוהר...”

איר ערנסטע ראָליע אין די יאָרן פון דער מלחמה איז געוואָרן נאָך ערנסטער אין דער צייט, ווען עס זענען אויסגעאַרבעט געוואָרן די בעדינגונגען פון שלום. דאָס איז געווען, פאַרשטייט זיך, אַ ראָליע, אַ באַהאַלטענע, וואָס האָט נישט געהאַט קיין שום געמיינזאַמעס מיט דער טעטיקייט פון יענע רעגירונגס־פּאַזיצן, וועלכע פלעגן אין די פייערלעכע טעג זיך טראָגן אין זייערע עקיפּאַזשן צווישן צוויי רייען גאַלאָפּירנדיקע קיראַסירן.

עס וואָלט געווען אַן אומרעכט צו זאָגן, אַז פריילן ווייל האָט אין דער שטעלונג, וואָס זי האָט פאַרנומען, פאַרטראָטן די אינטערעסן פון איר פאָטערלאַנד. זי האָט מיטן גאַנצן האַרצן ליב געהאַט פראַנקרייך. נאָר זי האָט זיך אויסגעאַרבעט אַן אייגנאַרטיקע מיינונג וועגן די פאָדערונגען, וואָס פראַנקרייך דאַרף אַרויסשטעלן. דידאָזיקע מיינונג איז שפּעטער אויך אַרויסגעזאָגט געוואָרן פון די עכטסטע און סאַמע אָנגעזעענסטע פראַנצויזן. איר הויפּטגעדאַנק אין דער פראַגע איז געווען, אַז עס וואָלט געווען די העסלעכסטע צביעות, צו וועלן ציען מאַטעריעלע נוצן פון דער מלחמה, וואָס די גאַנצע צייט האָט מען נישט אויפגעהערט צו טענהן, אַז זי ווערט געפירט בלויז אין נאָמען פון אמת און יושר. נישט צוליב וועלכע עס איז געמיינע האַנדלס־הנחות האָבן דאָך אַ מיליאָן מיט זיבנהונדערט טויזנט העלדן פאַרגאָסן זייער בלוט—דאָס בלוט, וואָס איז אַזוי ריין, ווי דאָס בלוט פון די מ כ ב י י ע ר.

די פון סאַן־רעמאָ באַשטעטיקטע באַלפור־דעקלאַראַציע וועגן דער יידישער נאַציאָנאַלער היים אין פּאַלעסטינע איז פאַר פריילן

ווייל נישט געווען קיין איבעראַשונג. זי האָט פון דעם געוווּסט און אַליין אַרום דעם נישט ווייניק געאַרבעט. אָבער איר שמחה איז געווען אַן אומבאַגרענעצטע—עס איז געווען די פרייד, וואָס טרייבט אַרויס דעם מענטשן פון שטוב און הייסט אים לויפן איבער די גאַסן און קושן יעדן פאַרבייגייער.

אויף צומאָרגנס האָט זי אין איינער פון די גרעסטע פּאַריזער צייטונגען אָפּגעדרוקט אַ הייסע ווענדונג צו אירע ברידער־יידן אין פראַנקרייך.

אין דעם מליצהדיקן הימן האָט זי געמאָלדן, אַז זי פאַרלאָזט אייראָפּע און זי האָפט זיך צו זען מיט די יידישע ברידער צופוסנס פון באַרג מוריה...

„איבערמאָרגן,—האָט זי געשריבן אין דעם בריוו,—דאָנערשטיק, 7 מיט 40 אין אָוונט, פאָר איך אַרויס קיין ארץ־ישראל און איך בין זיכער, אַז איך וועל נישט זיין אַליין אויפן ליאָנער וואָקזאַל.״

זי איז באמת נישט געווען אַליין.

עס זענען געקומען אַ שפּאָר ביסל פריינט איר דריקן די האַנט. זיי האָבן אָבער פאַרגעסן צו קויפן בילעטן אויפן וועג... ווען זיי זענען אַרויס פון וואָקזאַל, האָבן זיי פריי אָפּגעאָטעמט. אַזוי אָטעמט מען אָפּ, ווען מען געזעגנט זיך מיט אַ מענטשן, וואָס מ׳האַלט אים זייער טייער, נאָר ער פאַרשאַפט אַ ביסל אָפּאָט.

העבריקא ווייל האָט געהאַט אַ שוואַכקייט צו „אָפענע בריוו״.

עטלעכע אַזעלכע בריוו פון פּאַלעסטינע זענען פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין אַ פּאַריזער צייטונג. פּריילן ווייל האָט אין די בריוו פּשוט אויפגעפאָדערט די ראָטשילדס, זיי זאָלן גלייך קומען קיין ארץ־ישראל און זיך פאַרייניקן מיט זייערע ברידער, וועלכע האָבן זיך שוין אומגעקערט אין דעם לאַנד פון די אָבות.

דער טאָן פון די בריוו האָט געמאַכט אַ־אין פּאַריז אַ קאָמישן איינדרוק: עטלעכע וואָכן האָט מען פון די בריוו חוזק געמאַכט.

דער עפעקט פון דריטן בריוו איז געווען נאָך שטאַרקער. אַזוי ווי יוסף טרומפּעלדאָר האָט מיט הונדערט חלוצים פאַרטיידיקט „תל-חי״ קעגן דרייטויזנט בעדואינער, — האָט זי אויפגעפאָדערט דעם פּולקאָווניק אַלפרעד דרייפוס, ער זאָל קומען קיין ארץ־ישראל איבערנעמען די הויפּט-קאָמאַנדע איבער דער יידישער פאָלקסאַרמיי.

דאָס איז שוין געווען צופיל. דער עולם האָט שוין אינגאַנצן אויפגעהערט צו נעמען זי ערנסט.

פון דעמאָלט אָן האָט זיך מער קיין אָפענער בריוו פון פּריילן ווייל נישט באַוויזן.

פּריילן ווייל האָט זיך באַגעגנט מיט כוכבאַן אויף אַ פּריוואַטיק ביי הער הערבערט סעמיועל און די צוויי פאַרוואַנדטע גייסטער האָבן גלייך געשלאָסן צווישן זיך אַ בונד. זיי האָבן מיט אַ פרייד און אַ דערקוויקונג אויסגעגאָסן די הערצער איינער פאַרן צווייטן. און פון דידאַקטיק באַגייסטערטע שמועסן איז לסוף אויסגעוואַקסן דער רעגולאַמין, די אינערלעכע קאָנסטיטוציע פון „באר יעקב״.

כוכבא פאַרנומען מיט זיינע אַרבעטן פון דער אַדמיניסטראַציע, האָט זיך אין דער דזיגניכט אינגאַנצן פאַרלאָזן אויף פריילן ווייל. פאַרשטייט זיך, אַז דער רעגולאַמין פון דער קאָלאָניע האָט זיך געשטיצט אינגאַנצן אויף די לאָזונגען פון ריינסטן קאָמוניזם. די סאָציאַלאָגן שטעקן מיט זייערע פלענער כמעט שטענדיק אין די הימלען. פּריילן ווייל האָט דעריבער האַסטיק אויסגענוצט די געלעגנהייט, וואָס האָט זיך איר דאָ געמאַכט, און

נישט קוקנדיק אויף דער השגחה פון דער זייער ערדישער ענגלישער מאַנדאַט־מאַכט, איז אנטשטאַנען אַ הימלישער רעגולאַמין, אין וועלכן זי האָט אַריינגעלייגט איר גאַנצע ליבע.

אָנגעהייבן האָט זי איר טעטיקייט אין דער קאָלאָניע מיט די שווערסטע אַרבעטן. אָפט האָט מען דעם פּראָפעסאָר פון פּילאָזאָפיע געקאָנט זען אין דער ברענענדיקער היץ, ווי זי שטייט און האַקט שטיינער ביים וועג. באַלד האָט זי אָבער געכאַפּט אַ שטאַרקן פיבער און איז אָפּגעלעגן זעקס וואָכן שווער קראַנק.

דאַן ערשט האָט זי געפּאָלגט כוכבאן און איבערגענומען אויף זיך אויפזיכט איבער דער היימישער ווירטשאַפט און אַיבער דעם מאָראַלישן צושטאַנד פון דער קאָלאָניע.

פריילן הענריקא האָט געצירעוועט שקאַרפּעטן אין ווירטשאַפטסצימער.

מען האָט אָנגעקלאַפּט אין טיר. עס איז אַריינגעקומען הגר.

הענריקא האָט זיך די ערשטע אָפּגערופן:

—דו ביזט שוין אויפגעשטאַנען, מיין קינד. עס איז נאָך פאַר אַכט. איך האָב אייך דאָך געזאָגט נעכטן, אַז איר קאָנט שלאָפן לענגער און אויסרוען.

הגר האָט געענטפערט, אַז זי איז נישט געוווינט צו שלאָפן שפּעט. דערצו וואָלט זי וואָס פריער געוואָלט זיך נעמען צו עפּעס אַן אַרבעט.

—מיר וועלן אָנהייבן פון דעם,—האָט פריילן הענריקא גע־

זאָגט,—וואָס איך וועל דיר פירן ווייזן אונדזער קאָלאָניע. שפּעטער וועט זיך שוין מאַכן עפּעס אַן אַרבעט. דאָ זענען קיין ספּעציעלע אַרבעטן נישטאָ. יעדער פון אונדז מוז, ווען מען דאַרף, טון אַלץ, וואָס איז נייטיק. וואָס מאַכט די קליינע, וועלכע איז געשלאָפן מיט דיר אין איין צימער?

—זי שלאָפט נאָך, גנעדיקע...

—זאָל זי שלאָפן. און רוף מיך נישט, כ'בעט דיך, „גנעדיקע"... מיר גייען.

דער טאָג האָט זיך פאַרגעזען אַ שיינער. אין מערב האָט אַ בלוילעכער נעפּל צוגעדעקט די שפּיצן פון עיבל און גריזים. איבער דעם ווייסן פּאַס פונם ירושלימער טראַקט איז געלאָפן גאַ־לאָפּ אַ קליינער אויטאָ, אויפהייבנדיק וואָלקנס שטויב.

—קודם־כּל די פּלאַנטאַציעס,—האָט זיך אָנגערופן הענריקאַ.

גלייך הינטער דער פאַרצוימונג פון שטעכעדיקע דראָטן האָבן זיך געצויגן פעלדער.

הגר האָט געזוכט מיטן בליק די נאָר וואָס צוגעזאָגטע פּלאַנטאַציעס. הענריקאַ האָט דעם בליק באַמערקט, און זי האָט אָנגעהייבן גיך צו רעדן, כּדי צו פאַרווישן דעם ערשטן נישט גינסטיקן איינדרוק.

—דו ווייסט דאָך אוודאי. מיר האָבן באַשטימט צו פּלאַנצן אין „באר יעקב" ווייַנגערטנער. די ערד האָט אויסגעזען גינסטיק פאַר אַזעלכע פּלאַנצונגען — זי איז געזונט און לייכט. חוצדעם, פאַרמאָגט אונדזער אַדמיניסטראַטאָר שוין אַ גרויסע פּראַקטיק אויף דעם געביט,—ער האָט געאַרבעט דערביי זעקס יאָר מיט אונדזע־רע ברידער אין „ראשון לציון". דער איינציקער חסרון פון וויינ־גערטנער איז דאָס, וואָס זיי גיבן נישט באַלד קיין פּירות. ערשט נאָך דריי יאָר טויגן די ווייַנטרויבן צום פּרעסן. דו ביזט געקומען אין דער ריכטיקער צייט. אין דעם יאָר דערוואַרטן מיר די ער־שטע טרויבנזאַמלונג, וואָס זאָגט צו צו זיין זייער רייך. די פאַר־גאַנגענע יאָרן זענען געווען, ווי דו זעסט, די סאַמע ערגסטע. מיר האָבן אָבער אויך די שווערע צייט נישט אַזוי שלעכט דורכ־געלעבט—דאָס קענען דיר באַשטעטיקן אונדזערע חברים. שטעל דיר

פאַר, וואָסערע שפּע עס וועט זיך אָנהייבן פאַר דער קאָלאָניע, ווען די פּלאַנטאַציעס וועלן ווערן אינגאַנצן רייף. מיר האָבן שוין איצט קאָנטראַקטן אויף די ערשטע טויזנט העקטאָליטער. איך קאָן מיך ווייניק אויף חשבונות. דער חבר ווינשטיין, וועלכער פירט די בוכהאַלטעריע, וועט עס דיר גענויער דערקלערן.

זיי זענען אַריין אין אַ בייט, צווישן פּלאַנצונגען, אַרומגע-מויערט מיט שטיינער. אַלץ האָט געמאַכט דעם איינדרוק פון פלייסיקער אַרבעט, און אַן אויג איז דאָ פאַראַן, וואָס זאָרגט פאַר ציכטיקייט און אָרדענונג. אָבער אַזויפיל שטיינער! גאָט אין הימל —

— כוכבא וואָלט עס דיר אַמבעסטן דערקלערט. ער איז אָבער היינט איבערפרי אַרויסגערופן געוואָרן צום ענגלישן גו-בערנאַטאָר קיין שכם. אַ ביסל וועל איך דיר אַליין אויפקלערן. עס זענען פאַראַן עטלעכע אופנים, ווי אַזוי צו פלאַנצן וויינגערט-נער. מיר האָבן אין ערשטן יאָר אויסגעפּרוּווט אַלע מעטאָדעס, כדי צו זען, וועלכע עס וועט זיך אַמבעסטן איינגעבן.

הענריקא האָט דערקלערט הגרן די פאַרשידענע אופנים פון דער טרויבן-פּלאַנטאַציע און איר געוויזן אויפן אָרט, ווי דאָס זעט אויס.

—דאָס אַלץ, ווי דו זעסט, זאָגט אַ סך צו אויף דער צו-קונפט. נאָר די ערד, מיין טייערע, קערט אום צוריק מיט אַזוי-פיל פּראָצענט מער דעם קאַפּיטאַל, וואָס ווערט איר אָנפאַר-טרויט.

גייענדיק אַזוי ווייטער, האָבן זיי באַגעגנט קאָלאָניסטן ביי דער אַרבעט. הענריקא האָט זיי פאָרגעשטעלט די ניי-חברטע.

הגר האָט געפרעגט:

—וויפל זענען מיר אין „באר-יעקב?"

— אַכציק נפשות, דערונטער דרייסיק מענער, נאַטירלעך, קוואַליפיצירטע טרויבנפלאַנצער. פרויען זענען פאַראַן זיבנאונ-צוואַנציק. זיי פאַרנעמען זיך מיט דער ווירטשאַפט: קאָכן, נייען, וואַשן און אַזוי ווייטער. די איבעריקע מענער זייען גרינס, גיבן

אכטונג אויף די מאשינעס, ארבעטן אלס שלאָסערס. מוליארעס, עלעקטראָטעכניקער — קיינער גייט דאָ נישט ארום ליידיק. דאָ איז דאָס ביורא פון חבר ווײַנשטיין. לאָמיר ארײַנגיין צו אים. ער וועט דיר ווײַזן די ביכער.

הגר האָט אָנגעהייבן נישט דרייסט:

—כ'האָב געוואָלט פרייער — —

—וועגן וואָס האַנדלט זיך?

—גיטעלע, די קליינע, וואָס איז געקומען נעכטן מיט מיר צוזאמען...

—וואָס איז איר?

—זי האָט נישט אויף זיך, וואָס אָנצוטון...

—אָך, איך האָב אינגאנצן פארגעסן דאָס אָרעמע קינד.

זי האָט איר צוגעפירט צו א קליינעם מאגאזין: אויף די פאָליצעס זענען געלעגן שטיקער שטאָף און לייוונט. אויף אן אנדער פאָליצע זענען געשטאַנען שיך.

—מ'וואָלט געדארפט איר א מאָס נעמען.

—איך וועל עס שוין מאכן.

הגר האָט פאנאנדערגעוויקלט א שטיקל טונקל - גרויען שטאָף.

דאָס אַלטע פרײַלן האָט געקוקט אויף איר פארוווּנ- דערט.

—וועסט קאָנען אויפנייען א קלייד?

הגר האָט טרוקן געענטפערט:

—איך בין געווען אמאָל א שניידערין.

אין צוויי שעה ארום האָט גיטעלע געהאַט א ניי קליידל.

ביי טאָג, ווען מען האָט זיך געזעצט צום טיש, איז הגר אויך ארײַנגעקומען אין אן ענלעך קליידל, וואָס זי האָט שוין געהאַט זיך אַליין אויפגענייט.

ביידע האָבן איצט אויסגעזען, ווי צוויי ייִנגערע שוועסטער פון פרײַלן ווייל.

כוכבא האָט פארשפעטיקט צום פרישטיק. ווען ער איז

געקומען און האָט באַמערקט הגרן, האָט זיין פּנים אויפגעשיינט פון שמחה.

ער האָט זי באַגריסט מיט אַ שמייכל.

די יונגע פרוי האָט אים כמעט נישט געענטפערט.

אָפּקערנדיק דעם קאָפּ, האָט זי דערזען אויף זיך אָנגע־שטעלט די אויגן פון פריילן הענריקא. דער בליק פון די אויגן איז געווען אַ זיסער, אַ ליבלעכער.

נאָכן עסן האָט זיך הגר פאַרנומען מיט נייען העמדער: צוויי האָט זי אויפגעגנייט פאַר גיטעלען און צוויי פאַר זיך.

אַרום זעקס פאַרנאַכט, ווען הגר האָט זיך גענומען צו אַ נייער אַרבעט, האָט איר פריילן הענריקא אָפּגעשטעלט:

גענוג געאַרבעט היינט. ביזט ווערט אַ מעדאַל. קום מיט מיר.

זיי זענען אַריין אין אַ דערבייאיקן צימער, וואָס האָט גע־דינט פאַר אַ סאַלאָן. אויף די ווענט זענען געהאָנגען די פּאָר־טרעטן פון ד״ר הערצל, סער הערבערט סעמיועל, ד״ר וויצמאַן, עטלעכע ראָטשילדס.

פריילן הענריקא האָט געעפנט די ביבליאָטעק.

—קלויב דיר אויס עפּעס אַ בוך.

הגר איז דורכגעגאַנגען מיטן בליק די רוקנס פון די בי־כער: גרעץ, היינע, לאַסאַל, ד׳יזראעלי...

— איך זע, אַז די גייסטיקע אוצרות פון אונדזער פאָלק מאַכן אויף דיר אַן איינדרוק. זיי זענען אַ סך מער ווערט, איי־דער מען מיינט.

הגר האָט פאַרשטאַנען, אַז כוכבא האָט געמוזט עפּעס דער־ציילן וועגן דעם, ווי זי איז געווען געוואָרן, פאַרנדיק מיט אים, פון די זכרונות פון די יידישע אַלטע, ליכטיקע צייטן.

דאָס איז איר געווען נישט אָנגענעם.

זי האָט גענומען דאָס ערשטע בעסטע בוך, וואָס איז איר אַריינגעפאַלן אין האַנט. אַ דיק בוך: „די עסטעטיק אין דער טעאָריע פון קאַרל מאַרקס...״

הגר האָט איבערגעלייענט אויפן רוקן דעם נאָמען פון אויטאָר:

—„הענריקא ווייל.״ איז עס אייערע אַ קרובה?

דאָס אַלטע פריילן האָט זיך אָפּגערופן נישט דרייסט:

—דאָס בין איך.

— איר? איר?

הגר איז געווען דערשטוינט און אַנטציקט.

—איר? צי קאָן איך נעמען דאָס בוך?

הענריקא האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ—אַ פאַרשעמטע.

—ווען עס איז, מיין קינד, שפּעטער, גוט? דערווייל נעם עפּעס אַנדערש.

און זי האָט איר געגעבן אין האַנט אַן אַנדער בוך.

—דאָס זענען דיכטער, אונדזערע דיכטער. הייב אָן עפּעס פון זיי. זיי זענען לייכטער. מיין בוך וואָלט דיר אויסגעזען צו־שווער, עס וואָלט דיר געווען לאַנגווייליק... שפּעטער אַ ביסל...

VII

— ווי איך זע, האָסטו געפירט אַ לעבעדיקן שמועס מיטן חבר וואַלשטיין.

—יאָ. דער שמועס מיט אים האָט מיך שטאַרק פאַראינטערעסירט.

—איך פאַרשטיי: וואַלשטיין איז זייער אַן אינטעליגענטער מענטש, האָט שטודירט אין פאַריז און אין היידלבערג. חוץ-דעם, אָריענטירט ער זיך גוט אין מענטשן. ער האָט אייך דערציילט, אַז ער איז געווען אַמאָל שעף פון קערענסקיס קאַנצעלאַריע?

— ער האָט מיר עפּעס גערעדט וועגן דעם, נאָר ער האָט מיר נישט דערציילט, פאַרוואָס ער האָט געמוזט אַוועק פון רוסלאַנד.

—אויף וויפל מיר שיינט, איז ער אַוועק פון דאָרט, ווייל ער איז געווען אַ מענשעוויק און ער האָט נישט געקאָנט פאַרבלייבן מיט די באָלשעוויקעס. וואלשטיין איז אַוועק פון רוסלאַנד אין דעם אייגענעם טאָג, וואָס קערענסקי. אין ארץ-ישראל האָט ער געאַרבעט מיט אַ געוואַלדיקער באַגייסטערונג. אַ געוויסע צייט האָט ער געשפּילט זייער אַן אָנגעזעענע ראָל אינם הויפּטקאָמיטעט אין ירושלים. דאָס איז געווען נאָך איידער ער האָט—איך ווייס נישט, פאַרוואָס—פאַרלאָזן זיין פּאָסטן ביים הויכקאָמיסאַר

סעמיועל. פון דעמאָלט אָן איז ער מיט אונדז און דינט אונדז אויסגעצייכנט.

הגר האָט באַמערקט:

—מיר שיינט פונדעסטוועגן, אַז ער האָט אַ צו גרויסע פאַרשטעלונג וועגן זיך.

פריילן ווייל האָט געשמייכלט.

— מיין טייערע, אויב עס איז שווער צו זיין אַ חכם, איז נאָך אַ סך שווערער צו מאַכן אַן אָנשטעל, אַז מ׳ווייסט עס נישט...

עס זענען נאָך נישט אַריבער קיין גאַנצע זעקס חדשים זייט הגר׳ס אָנקומען אין „באר-יעקב."

אין די שמועסן צווישן איר און פריילן ווייל איז קיינמאָל נישט געפאַלן קיין איין וואָרט וועגן הגר׳ס פאַרגאַנגענהייט, קיין איין אָנצוהערעניש אויף דעם חשבון.

פריילן ווייל האָט אָבער נישט געקאָנט נישט באַמערקן, אַז גאַנץ אָפט, אַזוי ווי אונטער דער ווירקונג פון אַ באַהאַלטענעם געדאַנקען-קנויל, בלייבט זיצן די יונגע פרוי, אַן אומעטיקע, און איר בליק ווערט פאַרוואָלקנט נישט זיכער.

דאָס אַלטע פריילן האָט זיך אָנגעשטויסן, וועגן וואָס דאָ גייט: זי האָט אַ קוש געטון הגרן אין שטערן און האָט זיך שטילערהייט אַוועקגערוקט.

נאָך לאַנגע באַמיִעניש האָט הגר ענדלעך באַקומען צום לייענען דאָס בוך פון פריילן ווייל.

קיין סך האָט זי דאָ נישט פאַרשטאַנען, אָבער די עטלעכע פראַגן, וואָס זי האָט געשטעלט פריילן הענריקא נאָכן איבערלייענען דאָס בוך, האָבן דער לעצטער באַוויזן, אַז די געוועזענע טענצערין פאַרמאָגט אַ געזונטן פאַרשטאַנד און שאַרפן בליק.

הגר האָט זיך אינגאַנצן נישט אינטערעסירט מיט די אייביקע דיסקוסיעס וועגן די און יענע ביכער. רעדנדיק אַמאָל מיט

פריילן העניקאַ וועגן די ביבלישע צייטן, האָט הגר זיך באַוווּנדערס אַנטציקט מיט דער רייכער פראַכט און גלאַנץ פון די ביבלישע הויפן און ביבלישע פרויען.

העניקא האָט עס נישט געקאָנט פאַרשטיין. ווי קומט עס צו הגרן, וואָס דער גורל האָט דאָך שוין באַשטימט, אַז זי זאָל פאַרברענגען איר איבעריק לעבן אין דעם אָרעמען קליידל פון אַ קאָלאָניסטקע, — ווי קומט עס, וואָס זי פאַרחלומט זיך אַזוי אָפט וועגן די אַמאָליקע הויפישע יידישע העלדינס, אין גאָלד געפּוצט, מיט טייערע איידלשטיינער באַהאָנגען, וועגן אַ בת-שבע, אַ מלכּה שבא, אַ בערעניקאַ?...

אין איר אַלטעגלעכן לעבן האָט הגר אָבער נישט געגעבן קיין שום גרונט צו האָבן וועלכע עס איז טענות צו איר. פון דער ערשטער מינוט אָן האָט זי זיך איינגעלעבט אין דער נייער, פאַר איר איינגאַנצן פרעמדער סביבה. נאָך די ערשטע צוויי חדשים האָט מען הגרן שוין פאָרגעלייגט איבערצונעמען דעם פּאָסטן פון אַ הויפּט-באַלעבאָסטע, נאָכדעם, ווי די פריערדיקע באַלעבאָסטע, דאָרע אַבראַמאָוויטש, די פרוי פון עלעקטראָטעכניקער מיכאל, האָט זיך פון דעם פּאָסטן אָפּגעזאָגט.

הגר האָט זיך צוגעבונדן צו אירע נייע פליכטן, פון וועלכע ס'איז באמת געווען אָפּהענגיק דער וווילשטאַנד פון דער קאָלאָניע, און האָט דערביי אַרויסגעוויזן אַזעלכע מעלות, וואָס מען האָט זיי פון איר נישט געקאָנט דערוואַרטן.

איר גאַנץ ביזאַהעריק לעבן איז געווען איין פּאַס פון פאַרשווענדערישקייט און זאָרגלאָזיקייט.

דאָס איז זי געווען פאַר זיך. איצט, ווען עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן אַנדערע, האָט זי מיטאַמאָל אַרויסגעוויזן אַ פיינעם זין פאַר שפּאָרזאַמקייט און אָרדענונג.

הגר האָט פאַרשטאַנען אויסצונוצן די קאָנקורענץ צווישן די, וועלכע פלעגן דאָרט ביזאַהער צושטעלן די נייטיקע אַרטיקלען צו טייערע פרייזן, און האָט אַזויערנאָך דורכגעפירט אין דער ווירטשאַפט אַ באַדייטנדיקע עקאָנאָמיע. די חברים זענען, נאַטירלעך, געווען דערפון זייער צופרידן, בפרט, אַז דאָס עסן

גופא איז נאָך איצט געוואָרן בעסער.

די פאַרבעסערונג פון דער ווירטשאַפט האָט זיך אָנגעהייבן שפּירן אין קלײניקײטן. די מענער האָבן באַמערקט, אַז זיי באַקומען מער טאַבאַק און שנאַפּס. די פרויען זענען דאַנקבאַר געווען פאַר די בעסערע קלײדער און דינערע וועש. שבת, ווען אַלץ איז אונטער הגרס אויג אײנגעאָרדנט געוואָרן מיט אַ באַזונדער פײערלעכקײט, זענען אויף די טישן אין עסצימער געשטאַנען בלומען. אויף שבת האָט יעדער קאָלאָניסט געמוזט באַקומען פון דער וועשערײ רײנע וועש. אַלע בנינים זענען אויך אויסגעווייסט און אויסגערײניקט געוואָרן. יעדעס בעטל איז פאַרזאָרגט געוואָרן מיט אַ נעץ קעגן די קאָמאַרעס, אין יעדן צימער איז געוואָרן אַ שפּיגל. די אַלע קלײניקײטן זענען דורכגעפירט געוואָרן כמעט נישט באַמערקט.

אײנער האָט געפרעגט דעם צווייטן: ווען אַרבעט זי? ווען האָט זי דאָס אַלץ געמאַכט? און אַלע זענען געווען צופרידן פון דער סאָלידער און זיסער באַלעבאָסטעלע, וואָס איז אַזוי מילד און פאַרמאָגט אַזאַ פײן רויק גלײכגעוויכט.

הגרס אַרבעטסצימער איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן אמתן סאַלאָן, ווו יעדער האָט מיט פאַרגעניגן געוואָלט אונטערזיצן און אַ ביסל פּלוידערן. הגר האָט פרײנטלעך אויפגענומען די געסט און גערן אויסגעהערט זייערע מעשיות. צו אירע אויערן דהאָט זיך דערטראָגן אַן עכאָ פון פאַרשידענע פעלקער און לענדער. הײנט האָט מיכאַל אַבראַמאָוויטש דערצײלט, ווי אַזוי רעננקאַמפּס אַרמיי איז אַרײַן אין מזרח-פרייסן. מאָרגן האָט וויקטאָר קאָן פון אַמעריקע געשילדערט דאָס לעבן פון יידישן געטאָ אין ניו-יאָרק. רפאל אַסקאָנסקי, וועלכער האָט געאַרבעט אין אונגאַרן צוזאַמען מיט בעלאַ קון און טיבאָר סאַמועלי, — וועגן דעם האָט ער נישט גערן גערעדט, — האָט מיט אַנטציקונג געמאָלט די די שײנקײט פון די שניי-באַדעקטע אונגאַרישע סאָטנעוועלדער.

אַמאָל פלעגט זיך אויך וואָלשטײן צערעדן. ער פלעגט פאַרוואַרפן אויף הינטן דעם בלאָנדן קאָפּ און דערמאָנען זיך, פאַר-

ביינייענדיק, ווי ער האָט אַמאָל דעם גענעראַל ברוסילאָוו גע־הייסן וואַרטן אַ גאַנצע שעה אין קאָרידאָר.

אינדערפרי און אין אָוונט פלעגט אויך פריילן ווייל וועבן פאַר הגרן אירע ערנערונגען.

—איך האָב יענעם טאָג געפרישטיקט אין רעסטאָראַן דעהוב מיט געאָרג בראַנדעס און פערדינאַנד ביסאָן. מיר זענען אַלע געווען אין אַן אויסגעצייכנטער שטימונג...

אָבער אַמבעסטן און אַמווייניקסטן אָנגעשטרענגט האָט זיך הגר געשפּירט מיט גיטעלען. דאָס מיידל האָט זיך געענדערט— מ׳האָט זי פשוט נישט דערקענט. אויף דער פרישער לופט האָט זי זיך אַנטוויקלט און אָפּגעפרישט. איצט איז זי געווען אַ דערוואַקסן, פון דער זון אָפּגעברענט מיידל. אין איר שלאַנק קליידל, לייכ־טער בלוזקע און קורצגעשוירענע האָר, האָט זי אויסגעזען, ווי אַ פּרעכטיק סקאַוט-מיידל.

זי איז געווען דער איינציקער מענטש, מיט וועלכן די הגר, וואָס איז פון איר פשוט פאַרגעטערט געוואָרן,—האָט געקאָנט פריי פלוידערן.

איינמאָל האָט גיטעלע געפרעגט:

— דיר דאַכט זיך נישט, אַז דאָס ליבע פריילן העגריקא איז אַ ביסל משוגע?

הגר האָט זיך קוים איינגעהאַלטן, נישט אַרויסצולאַכן.

— זי איז צו גוט פאַר אונדז. מיר טאָרן זי נישט קריטי־קירן. מיר האָבן איר אין דער קאָלאָניע אַ סך צו פאַרדאַנ־קען.

—און דער וואַלשטיין, כלומרשט אַ בוכהאַלטער, און שטענ־דיק דרייט ער זיך דאָ אַרום און רעדט מיט דיר און מאַכט פיינע מינעס... ווייסטו, וואָס מען זאָגט אויף אים?

—וואָס אַזוינס?

—נו, כ׳מיין מיט דער דאָרע אַבראַמאָוויטש.

—ווערסטו אויפהערן, צי נישט?

—וואָס איז דער וווּנדער. מיכאל קוקט זיך אינגאַנצן נישט אום אויפן ווייב... וואַלשטיין געפעלט איר...

—דאָס איז אמת.

—דיר אויך. ניין?

—איך האָב נישט געזאָגט, אַז ער געפעלט מיר. איך האָב נאָר געזאָגט, אַז ער איז אַ שיינער. דאָס איז אמת.

—נו, איז ער אַ שיינער. וואָס קומט אַרויס דערפון? איך קאָן איינעם, וואָס איז נישט קיין שיינער און פונדעסטוועגן איז ער מיר טויזנט מאָל בעסער געפעלן, איידער וואַלשטיין.

הגר האָט געשוויגן.

—דו פרעגסט גאָרנישט, וועמען איך מיין?

—וועמען?

—כוכבאן.

הגר האָט זיך געמאַכט נישט הערנדיק.

—אַך, הגר,—האָט די קליינע זיך נישט געקאָנט מער באַהערשן, —דו ביזט אַזאַ גוטע פאַר אַלע... פאַרוואָס ביזטו נישט קיין גוטע פאַר כוכבאן?...

דער זומער און דער הערבסט זענען אַריבער איבער די דערפלעך אַרום שכם, ווי איין גרויסע כוואַליע פון אַ שרפה. די פעלדן, די פלאַנצונגען, אַפילו די פאַרשטויבטע עופות און היימישע חיות—אַלץ האָט באַקומען יענעם אומעטיקן, גרויען קאָליר— דעם קאָליר פון לאַנד יהודה.

דער ווייטער וועג, וואָס האָט זיך געצויגן צו מזרח, האָט זיך צוזאַמענגעגאָסן מיט דער פאַרב פון די אַרומיקע פעלדער און איז אויך, אַזוי ווי זיי, באַדעקט געוואָרן מיט אַ קאַלכיקן שטויב. ביי די כמעט אויסגעטריקנטע ברונעמס האָבן זיך דערשלאָגענע גרופקעס וואַנדערער אָפּט אַרומגעקריגט איבער אַ שלוק וואַסער, וואָס האָט דערמאָנט אָן אַ בלאָטע.

אין די ווייַנגערטנער האָבן די צווייַגלעך, נאַקעטע, אָן טרויבן, — זיך איינגעדרייט אויפן ליימיקן באָדן, אַזוי ווי שלאַנגען אין קראַמפּן פון טויט.

די ווייַנגערטנער האָבן אָבער דערפילט ערלעך זייער חוב: זיי האָבן אומגעקערט הונדערטפאַכיק דאָס, וואָס די מענטשן האָבן אין זיי אַרייַנגעלייגט אין משך פון די דריי יאָר שווערע עקשנות-

דיקע ארבעט. כּוכבאס לאנדווירטשאפטלעכע קענטעניש, וואָס ער האָט זיך דערוואָרבן אין „ראשון לציון" און די מסירת־נפשדיקע ארבעט פון זיינע ברידער, האָבן פשוט באוויזן ווונדער. „באר יעקב", אויסגעמאטערט און דאָך פול מיט האָפענונג, האָט אנגע־זאמלט אַ מאסע העקטאָליטערס וויין אין אירע שיינע צעמענטענע רעזערוואַרן, אויף וועלכע זי האָט, אגב, אויסגעגעבן אירע לעצ־טע גראָשנס.

עס איז אָבער ווייניק צו פּראָדוצירן. מען מוז אויך האָבן קונים, וועמען די פּראָדוקציע צו פארקויפן.

און קיין קונים זענען נישט געווען.

די קאָלאָניסטן האָבן זיך איבערצייגט, אז זיי שטייען פאר אזעלכע שוועריקייטן, וואָס מען קאָן זיי נישט בייקומען נישט מיט ארבעט, נישט מיטן גוטן ווילן און אויך נישט מיט שפּאָר־זאמקייט.

אין פּאלעסטינע האָט געהערשט אן אלגעמיינער קריזיס, וואָס האָט זיך אויך שטארק געלאָזט שפּירן אפילו אין אזעלכע אלטע און גוט אָרגאניזירטע קאָלאָניעס, ווי „ראשון לציון" און „זכרון יעקב".

אין משך פון דריי חדשים זענען די איינוווינער פון „באר יעקב" אַרומגעגאַנגען פאַרזאָרגטע, דערשלאָגענע.

פּלוצלונג האָט זיך דער הימל אויסגעלייטערט: אַ העלפט פון אויפגעזאַמלטן וויין האָבן זיי פאַרקויפט פאַר אַ גוטן פּרייז דעם פראַנצויזישן מיליטער אין סיריע. זיי האָבן אַליין אזאַ פּרייז נישט דערוואַרט, און די צאָלונג האָט געדאַרפט פאָרקומען באַלד נאָכן צושטעלן דעם וויין.

די קאָלאָניסטן האָבן פריי אָפּגעעטעמט. אַלע האָבן זיך גע־פרייט. איין פריילן ווייל איז געווען נישט אינגאַנצן זיכער מיט זיך: פון איין זייט האָט איר געפרייט, וואָס די קאָלאָניע איז גע־ראַטעוועט געוואָרן פון אומגליק, און פון דער צווייטער זייט איז זי געווען נישט אינגאַנצן צופרידן: די ישועה האָט געמוזט קומען פון פראַנצויזישן מיליטאַריזם...

די אויסגעמאַטערטע נערוון פון די קאָלאָניסטן האָבן געפאָדערט רו, אָפּשפּאַנונג. אויף אַ פאַרזאַמלונג איז איינשטימיק באַשלאָסן געוואָרן, אַז דער גליקלעכער אויסגאַנג פון דער שווערער לאַגע מוז, ווי געהעריק, געפייערט ווערן. דער טאָג פון דער פייערונג און איר פּראָגראַם זענען באַלד באַשטימט געוואָרן.

עס זענען פאָרגעקומען צוויי באַנקעטן, וועלכע זענען, אַ דאַנק הגרס אַרבעט, אַדורך גלענצפול.

אין אָוונט האָט געדאַרפט פאָרקומען אַ טעאַטער-פאָרשטעלונג. די מענערראָלן האָבן איבערגענומען וואַלשטיין, וועלכער איז גלייכצייטיק אויך געווען דער רעזשיסער פון דער פאָרשטעלונג, און פּאַולאַ מיאָרי, אַ יונגער פּראָפעסאָר פון באָלאָניאַ. די הויפּטראָל פון דער פאַרליבטער פרוי האָט וואַלשטיין פאָרגעלייגט הגרן. הגר האָט זיך אָפּגעזאָגט און איז דערביי שטאַרק רויט געוואָרן. אַלע, אויסער אַ צוויי-דריי מער באַקאַנטע מיט דער געשיכטע פון איר לעבן, האָבן זיך שטאַרק געחידושט. די ראָל איז ענדלעך איבערגעגעבן געוואָרן דאָרע אַבראַמאָוויטש, וועלכע האָט זי, אַגב, נישט שלעכט געשפּילט.

דאָס טעאַטער איז איינגעאָרדנט געוואָרן אונטערן פרייען הימל, צווישן דעם אַריינפאָר-טויער און דעם ערשטן באַראַק.

די נאַכט איז געווען אַ רויקע און אַ שטילע. ביי די ערשטע דיאַלאָגן אויף דער סצענע האָט מען געהערט דאָס נאָנטע וואָיען פון די שאַקאַלען. הינטער די שטאַכעטן מיט די שטעכעדיקע דראָטן האָבן זיך אויפן פינסטערן מאָן פון דער נאַכט געבלייכט אין עלעקטרישן ליכט עפּעס פרעמדע געשטאַלטן.

דאָס זענען געווען בעדואינער פון די אַרומיקע דערפלעך, וועלכע האָבן פאַרלאָזן זייערע געצעלטן און זענען געקומען אָנקוקן דעם מאָדנעם שבת, וועלכן עס האָבן אויסגעטראַכט זייערע משונהדיקע שכנים פון „באר-יעקב.“

די קאָלאָניסטן האָבן אויפגענומען די אַרטיסטן מיט אָוואַציעס.

איין כוכבא איז נישט געקומען צו דער פאַרשטעלונג. שוין ביים מיטאָג האָט ער זיך גאַנץ שטיל, אַז קיינער זאָל עס נישט באַמערקן, אַרויסגערוקט פון עסצימער.

פריילן ווייל, וואָס איר אויג האָט עס באַלד אויפגעכאַפּט, איז צרויס נאָך אים. אין אַ מינוט אַרום איז זי צוריק אַריינגעקומען און באַרויקט פלומרשט דעם עולם: כוכבא פילט זיך מיד און ער בעט איבער די פאַרזאַמלטע. ער מוז גיין זיך אָפּרוען.

אַלע האָבן געהאַט עגמת-נפש פון דעם אינצידענט. פאַר קיינעם איז קיין סוד נישט געווען, אַז כוכבא איז ערנסט קראַנק. די געשיכטע האָט זיך שוין געצויגן אַ פיר חדשים. די נאָרמאַלע אַרבעטן, וואָס כוכבא האָט געהאַט אויף זיך צו דערלעדיקן, זענען געווען פשוט אַ חוזק אין פאַרגלייך מיט דער מי און מאַטערניש, וואָס ער האָט אויסגעטראָגן אויף זיך בעת דער זאַמלונג פון די טרויבן. פינף וואָכן צייט האָט כוכבא כמעט קיין אויג נישט צוגעמאַכט: בייטאָג האָט ער געאַרבעט אין די ווייַנגערטנער און ביינאַכט אין די קעלערס און לאַבאָראַטאָריעס.

דאַן זענען אָנגעקומען די שווערע צייטן פון קרידיס. אַלץ זאָל אונטערגיין? די גאַנצע אַרבעט און האָפענונג פון יאָרן זאָל גיין לאיבוד?

אין דער גאַנצער קאָלאָניע האָט איין כוכבא געהאַט דעם מוט אין די פעסטקייט נישט אויסצוזאָגן קיינעם, ווי שווער און סכנהדיק עס איז די לאַגע.

איצט, ווען די וואָלקנס זענען זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען, איז ער, נאָך דעם פיבער פון קאַמף, אַריינגעפאַלן אין אַגעדריקטער שטימונג.

עס האָט געמאַכט דעם איינדרוק, אַז ער וויל זיך פון דער שטימונג גאָרנישט באַפרייען.

איצט, ווען זיין געוויסן איז געווען באַרויקט, האָט ער זיך איינגאַנצן איבערגעגעבן זיין שטילן צער.

זיין גייסט און זיין קערפער האָבן זיך איינגעהילט אין פארבאָרגענע געהיימע ליידן.

נאָך דער פאָרשטעלונג האָט מען געגעבן דעם עולם צו־קערגעבעקס. און דאַן איז מען פאַנאַנדערגעגאַנגען יעדער אין זיין צימער.

הגר האָט פונקט געענדיקט לייענען דאָס בילל, וואָס זי האָט געהאַלטן, ווען עמיצער האָט אָנגעקלאַפּט אין טיר.

עס איז אַריינגעקומען פריילן הענריקא.

—איך שטער דיר נישט?

הגר האָט איר אָנגעוויזן אַ שטול.

די פרויען האָבן זיך קעגנזייטיק אָנגעקוקט.

—איך בין נאָר וואָס געווען ביי פּוכבאַן,—האָט פריילן ווייל ענדלעך זיך אָפּגערופן.

—ווי פילט ער זיך?

— אידע יאָקיי פאַרזיכערט, אַז ער וועט מער ווי נאָך אַ חודש נישט גענציען.

די דיקע רויטע אידע יאָקיי, אַ געוועזענע סטודענטין פון אוניווערזיטעט אין מאָנפעליע, איז געווען דער דאָקטאָר פון דער קאָלאָניע.

הגר איז אַ ביסל בלייך געוואָרן.

—אידע יאָקיי קאָן דאָך אַ טעות האָבן.

פריילן ווייל האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ.

— דו ווייסט דאָך אַזוי ווי איך, אַז אין דעם פאַל האָט זי נישט קיין טעות.

הגר האָט זיך אָנגעשטרענגט נישט אַראָפּצולאָזן די אויגן.

—פאַרוואָס גלויבט איר, אַז איך ווייס וועגן דעם?

—דו ווילסט דורכאויס, איך זאָל עס דיר זאָגן?

הגר האָט געשוויגן.

—מיר ווייסן ביידע גאַנץ גוט, אפשר בעסער, איידער אידע,

אויף וואָס עס קרענקט כוכבא און וואָס עס פירט אים אין קבר...

— מיר איזווירקלעך שווער צו פאַרשטיין, ווען וואָס איר רעדט.

דאָס געזיכט פון פריילן ווייל האָט באַקומען אַ האַרטן אויסדרוק.

—צי פאַרשטייסטו נישט, אַז ער האָט דיך ליב?

הגר איז געווען הכנעהדיק און נאָכגיביק, ווען מען האָט גערעדט מיט איר ווייך. זי איז אָבער שטענדיק געווען גרייט צום קאַמף, ווען מען האָט זיך געווענדט צו איר שאַרף און האַרט.

זי האָט געקוקט פריילן העגריקא גלייך אין די אויגן.

—איז וואָס?

—וואָס הייסט— — ?

—איך פרעג: איז וואָס? וואָס קאָן איך דערצו העלפן?

—וואָס דו קאָנסט — ? דו קאָנסט מאַכן אַ סוף צו זיינע ליידן...

הגר האָט שטיל אַרויסגערעדט:

—איר גלויבט, אַז — — — ?

און זי האָט זיך ביטער פאַנאַנדערגעלאַכט.

דער נאַיוועך געדאַנקענגאַנג פון דער אַלטער פריילן איז געשטאַנען פאַר איר גאַנץ אָפן. זי האָט עס קלאָר פאַרשטאַנען: אַ פרוי מיט אַזאַ פאַרגאַנגענהייט וועט דאָך זיך נישט לאָזן אַזוי-פיל בעטן...

פריילן ווייל האָט דערהאַלטן אויף איר געזיכט דעם האַרטן אויסדרוק און זי האָט געענדיקט דעם זאַץ:

—יאָ, אויב דו וועסט איינשטימען צו ווערן זיין ווייב, בין איך זיכער, אַז דו וועסט אים דערמיט אָפּראַטעווען.

— איך זאָל מיט אים חתונה האָבן? איך זאָל ווערן דאָס ווייב פון יצחק כוכבא?

—מיט וואָס איז עס אַזוי ווילד?

—און אויב איך וועל נישט איינשטימען?

—דו האָסט נישט קיין רעכט נישט איינצושטימען.

—איך וואָלט וועלן וויסן: פאַרוואָס? פאַרוואָס האָב איך קיין רעכט נישט? צי בין איך נישט אַ פרייער מענטש?

פריילן הענריקא האָט גערעדט שאַרף:

—ניין, ביזט נישט קיין פרייער מענטש. ביזט פריי אויף אַזויפיל, אויף וויפל דו טוסט גוטס. דיין פרייהייט אָבער ענדיקט זיך דאָרט, ווו עס שטייט אין קאַן דאָס גליק פון דיינע ברידער. הער מיך אויס. עס איז שוין באמת צייט אויפצוהערן דאָסדאָזיקע שפּיל פון צווייזייטיקייט. פרעג זיך אַליין: צו וואָס ביזטו געקומען אין „באר-יעקב"? אויב דו האָסט געוואָלט דאָ ביי אונדז אָפּרוען, אויב דיין געדאַנק איז געוועזן צו זיצן דאָ און זיך צוקוקן רויק, ווי עס פאַרגייט אַ טאָג נאָך אַ טאָג, דאַן זאָג עס מיר אָפן, און איך וועל מער צו דיר נישט קומען מיט קיין טענות. אָבער דאַן וועל איך דיר אויך בעטן, דו זאָלסט מיך צורו לאָזן מיט דיין ביבלישער התפּעלות. אסתר, יהודית און די אַלע אַנדערע האָבן זיך מקריב געווען לטובת זייערע ברידער. איינע האָט זיך איבערגעגעבן אַ באַרבאַר, די צווייטע אַן עקלדיקן אויסוואורף. וואָס וויל מען דאָ פון דיר? מ'בעט דיך, דו זאָלסט אומקערן דאָס לעבן אַן אָרעמען מענטשן, וואָס דער כּלל האָט אים אַזויפיל צו פאַרדאַנקען,—אַ מענטש, וואָס שטאַרבט פון ליבע און אַכטונג צו דיר. איין וואָרט דיינס זיכערט דיר אויף אייביק די דאַנקבאַרקייט און די ברכה פון אונדז אַלעמען, פון דער גאַנצער קאָלאָניע. וועסטו אָפּזאָגן—וועסטו איינע זיין פאַראַנטוואָרטלעך פאַר אונדזער אַלעמענס חורבן. אין די זעקס הדשים האָסטו דיך געקאָנט גענוג איבערצייגן אין דעם, אַז קיינער קאָן כּוכבאָן נישט פאַרטרעטן. שטאַרבט ער אָפּ—בלייבן מיר אַלע, ווי אַ סטאַדע אָן אַ פּאַסטוך, ווי אַ נישט צונויפגעבונדענער סנאָפּ. צי פאַרשטייסטו מיך נישט? צי איז פאַר דיר נישט גענוג קלאָר די מאָראַלישע פליכט, וואָס דיקטירט דיר איינצושטימען אויף דעם פאַרשלאָג?

הגר האָט שטיל געמורמלט:

—יצחק פולבא!

זי האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ.

פאַר אירע אויגן איז געשטאַנען די קאָמישע פיגור פון דעם עלנטן הויקערל.

— און אויב איך וועל איינשטימען אויף אייער פאָר־שלאַג ?

—וועט ער לעבן—איך שווער עס דיר, און מיר אַלע וועלן דיך פאַרגעטערן.

פריילן ווייל האָט אָנגעכאַפּט הגרס האַנט.

הגר האָט איר האנט אַרויסגעצויגן.

—אויב איך וועל איינשטימען, וויל איך נישט, אַז עמעצער זאָל זען אין דעם עפּעס אַ געצוווּנגענעם אַקט פון מיין זייט. זאָל מען גלויבן, אַז איך האָב עס געטון פון מיין אייגענעם פרייען ווילן. איך דאַרף נישט קיינעמס דאַנקבאַרקייט און זיינע—אַוודאי נישט.

אויף הגרס געזיכט האָט זיך באַוויזן אַ שמערצלעכער שמייכל.

—פאַרפאַלן. איך האָב געמיינט, אַז עס האָבן זיך שוין גע־ענדיקט פאַר מיר דידאָזיקע מיני קרבנות.

פריילן ווייל האָט אויסגעשריען פון שמחה. דאָס גליק האָט איר געשטיקט אין האַלדז.

—הגר, דו גייסט איין דערויף ?

—יאָ. איך גיי איין דערויף.

VIII

אין צוויי וואָכן אַרום איז פאָרגעקומען די חתונה פון הגר מאָזעס און יצחק כּוכבא.

געפייערט געוואָרן איז די חתונה אין יום-טובדיקן זאַל, וואָס איז בולייב דעם באַזונדערס פייערלעך דעקאָרירט געוואָרן מיט פּאַלמען און מירטנצווייגן.

כּוכבא און פריילן ווייל,ביידע איבערצייגטע אַטעאיסטן, האָבן בפירוש געבעטן דורכצופירן די חתונה אָן רעליגיעזע צערעמאָניעס און אָן דעם אַלטן רב פון שכם, וועלכער פלעגט ביי יעדער געלעגנהייט אַרויסטרעטן קעגן דער אפיקורסות פון די קאָלאָניסטן.

דער גרעסטער טייל פון די קאָלאָניסטן איז אָבער געווען פאַר אַ כּשרער יידישער חתונה כּדת משה וישראל, און דאָן האָט הגר אויך פאַרלאַנגט, אַז די חתונה זאָל זיין אַ רעליגיעזע.

די קאָלאָניסטן, אויסגעפוצט יום-טובדיק, האָבן אָנגעפילט דעם זאַל. זייער שוואַרצע קליידונג האָט זיך שאַרף אויסגעטיילט אויפן פאָן פון דער ווייסער דראַפּעריע און די גרינע פּאַלמעס. אַ ווינט האָט געוואָיעט, האָט זיך אַריינגעריסן אין די אָפענע טירן און געפרוווט אויסלעשן די ליכט מיט די בלאַסע פלעמלעך.

שפעטער האָט ער אָנגעהויבן רייסן די ווענט, די באַלקנס, וואָס האָבן שרעקלעך געקרעכצט. קרום-שפּיציקע ליניעס פון בלענדנ־דיקע בליצן האָבן דורכגעשניטן די אָנגעלאָפענע וואָלקנס אי־בערן באַרג גריזים.

דאָס וועטער איז געווען שלעכט, אָבער אויף די פּנימער פון די קאָלאָניסטן האָט געשיינט די שמחה.

כּוכבא אַליין, דער מענטש, וועמען מען האָט מיט אַ חודש צוריק געהאַלטן פאַר אַ קאַנדידאַט אויף יענער וועלט, האָט זיך איצט געענדערט איגגאַנצן נישט צו דערקענען.

ער האָט געשטראַלט אינגאַנצן. זיינע אויגן, פול מיט גליק און מיט הכּנעהדיקער אַכטונג, זענען די גאַנצע צייט געווען גע־ווענדט אין דער זייט פון הגרן, וואָס איז געווען טויט-בלאַס.

די רעדע פון פריילן ווייל איז געווען עפּעס אַזוינס, וואָס איז ביזאַהער נישט געווען באַקאַנט אין דער געשיכטע פון דער רייד-קונסט. דאָס איז געווען אַ געזאַנג לכּבוד דעם פרייען געדאַנק, צוזאַמענגעשטעלט פון די פאַרשידנסטע עלעמענטן. דער תּלמוד, שפּינאָזאַס עטיק, מאַרקס „קאַפּיטאַל”—אַלץ איז דאָ געווען. אין געהייבענע ווערטער האָט דאָס אַלטע פריילן געשילדערט די פאַר־גאַנגענהייט פון דעם יונגן פּאָר, נישט דערמאַנענדיק דערביי די צייט, וועלכע הגר האָט פאַרבראַכט אויסער דער קאָלאָניע. פריילן ווייל האָט שטאַרק געלויבט די פאַרדינסטן פון דער יונגער פרוי פאַרן כּלל, און איר הייסער ליריזם האָט גערירט די פאַרזאַמל־טע ביז די טיפענישן פון דער נשמה.

צום סוף פון איר רעדע האָט פריילן העגריקאַ אָנגעזאָגט די קאָלאָניסטן אַ פריילעכע בשורה: די אינטענדאַנטור פון פראַנ־צויזישן מיליטער אין סיריע האָט צוגעשיקט אַ טשעק אויף צוויי־טויזנט פונט פאַרן צוגעשטעלטן וויין.

נאָך דער רעדע איז פאָרגעקומען אַ זייער געלונגענער באַנקעט, בעת וועלכן דער רב פון שכם האָט שטאַרק געמוסרט דעם עולם.

אַרום דריי פאַרטאָג האָט דער באַנקעט זיך געהאַלטן ביים

ענדיקן. אויף הגרס אַ צייכן איז כוכבא אויפגעשטאַנען פון אָרט און האָט געזאָגט עטלעכע ווערטער צו די פאַרזאַמלטע:

— חברים, מיין פרוי און איך אַליין דאַנקען אייך פון טיפן האַרצן. גלויבט מיר, אַז די האַרציקע פריינטשאַפט, וואָס איר האָט אונדז אַרויסגעוויזן, איז נישט געפאַלן אויף אומדאַנקבאַרע מענטשן. אַלץ, וואָס עס וועט גאָר זיין אין מיין כוח... אין מיינע כוחות...

כוכבא איז געווען טיף גערירט און האָט נישט געקאָנט ענדיקן דעם זאַץ, אָבער די שטורמישע אַפּלאָדיסמענטן פון די פאַרזאַמלטע האָבן אים געהאָלפן זיך אַרויספּלאָנטערן פון דער לאַגע.

די אַפּלאָדיסמענטן האָבן אָנגעהאַלטן ביז דעם מאָמענט, ווען דאָס יונגע פּאָר האָט פאַרלאָזן דעם זאַל.

פריילין העגריקא האָט באַגלייט הגרן צו איר צימער, ווו דאָס יונגע ווייבל האָט זיך געמוזט איבערטון אין רייזעקליידער. די צערטלעכקייטן, וואָס האָבן זיך אָנגעזאַמלט אין דעם אַלטן פריילן פאַר איר משונהדיקער פּופּציקיעריקער עקזיסטענץ, האָבן זיך איצט אַרויסגעריסן.

פריילין העגריקא האָט געכליפּעט.

—מיין טייער קינד, איך ווייס נישט, ווי דיך אָפּצודאַנקען. האָסטו געזען די פרייד אויף אַלעמענס פּנימער? איך וועל פילן די פרייד ערשט דעמאָלט, אַז דו פילסט דיך אויך גליקלעך.

הגר האָט איר געגעבן אַ שבועה.

צי האָט זי זיך ווירקלעך געפילט גליקלעך?

הגר האָט אפשר געהערט צו יענע פיינפילנדיקע נאַטורן, וואָס זיי איז לייכטער פאַלש צו שווערן, איידער צו שטערן די רו אין האַרצן פון זייערע נאָענטע מענטשן.

דער אויטאָמאָביל האָט געוואַרט פאַרן טויער.

כוכבא און הגר האָבן זיך צעקושט מיט פריילן העגריקאַ.

זי האָט זיי נאָכגערופן:

— צום ווידערזען, צום ווידערזען! איר זאָלט טראַכטן וועגן מיר, ווען איר וועט שפּאַצירן אויפֿן הר-ציון.

מיט אַ האָר פֿריער, ווען כּוכבֿא האָט זיך אָנגענומען מיט מוט און געפֿרעגט זײַן כּלה, וואָס פֿאַר אַ חתונה-מתּנה וואָלט איר פֿאַרשאַפֿט אַממערסטן פֿאַרגעניגן, האָט הגר געענטפֿערט:

— איך וואָלט געוואָלט זען ירושלים.

כּוכבֿא האָט אָן שום וואַקלעניש אָנגענומען דעם פֿאָרשלאָג. ער האָט אָבער געדענקט וועגן זײַנע פֿליכטן אויך דעמאָלט, ווען עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן פֿאַרשאַפֿן הגרן פֿאַרגעניגן. ער האָט דעריבער באַשלאָסן צו פֿאַרבינדן די רײַזע מיט אַן אינספּעקציע-רײַזע איבערן אויבערשטן גליל, וואָס האָט געזאָלט געדויערן אַ פֿינף-זעקס טעג.

ווען דאָס יונגע פּאָר איז צוגעקומען צו די כוואַליעדיקע וואַסערן פֿון דער גלילשער יעזשערע, האָט זיך די זון שוין אַראָפּגעלאָזן צום אָפּרוען אויפֿן פֿאַרוואָלקנטן הימל.

די ערשטע נעפּלען האָבן שוין אײַנגעהילט די טונקעלע בערג פֿון עבֿר הירדן און עס האָט אויסגעזען, אַז זיי פֿאַרשטעלן דעם וועג צום מזרח. פֿון דאָרט זענען עס אַמאָל אָנגעקומען די עמלקישע מחנות, וועלכע זענען אָנגעפֿאַלן אויף די כּנענישע פּאַסטוכער.

אַ מאָדנע זאַך:

הײַנט נאָך, נאָך דרײַסיק יאָרהונדערטער, האָט זיך די

לאַגע להלוטין נישט געענדערט. די היינטיקע יידן אין ארץ־ישראל, אַזוי ווי זייערע אַמאָליקע זיידעס, לעבן נאָך אויך אין איין שרעק פֿאַר די אייגענע אָנפֿאַלער.

איצט טאַקע, אין דער ערשטער קאָלאָניע, וואָס דאָס יונגע פּאָר האָט באַזוכט, האָבן זיך די קאָלאָניסטן באַקלאָגט אויף די בעדואינער — זיי האָבן אַוועקגערויבט פֿון דער קאָלאָניע עטלעכע שטיק שאָף.

צוויי טאָג האָט דאָס פּאָרפֿאָלק פֿאַרבראַכט אין דער ליכטיקער און דאָך מיט אַן אומעט דורכגעדרונגענער לאַנדשאַפֿט. די ערשטע נאַכט האָט זיי געטראָפֿן אין אַ קליין דערפֿל: די איינוווינער זענען געווען אַזוי אָרעם, אַז זיי האָבן נישט געקאָנט איינאָרדנען פֿאַר די געסט קיין באַזונדער געלעגער. דאָס יונגע פּאָר האָט געמוזט שלאָפֿן צוזאַמען מיטן גאַנצן עולם. די פּאָר ביידן אַזוי שרעקלעכע חופּה־נאַכט ד'האָט געמוזט אָפּגעלייגט ווערן.

אויף צומאָרגנס האָבן שוין רייכערע קאָלאָניסטן פֿון אַן אַנדער דערפֿל אָפּגעגעבן דעם יונגן פּאָר אַ ווייס ציכטיק צימערל.

ווען זיי זענען פֿאַרבליבן אַליין, האָבן זיי זיך שלעכט געפֿילט. קיין ענלעכע לאַגע אין דער פֿאַרגאַנגענהייט פֿון איר לעבן איז פֿאַר הגרן נישט געווען אַזוי פּיינלעך: אין דעם אָוונט האָט זי זיך גאַנץ גענוי אָפּגעגעבן אַ רעכענונג דערפֿון, אַז זי איז אַמאָל געווען אַ נאַכטמיידל.

נאָכמער צעטומעלט און פֿאַרלוירן איז אָבער געווען כוכבא.

דאָס אָרעמע הויקערל האָט אויסגעצייכנט געפֿילט, אַז יעדער דרייסטערער זשעסט פֿון זיין זייט קאָן שלעכט אויסגעטייטשט ווערן: מיט אַזאַ פֿרוי דאַרף מען זיך נישט צערעמאָניען... זיין צופֿיל דעליקאַט קאָן, ווידער, פֿון דער צווייטער זייט פֿירן צו דערזעלביקער באַליידיקונג.

אויף צומאָרגנס, נאָך דערדאָזיקער משונהדיקער חופה־נאַכט, האָבן זיי זיך אומגעקערט אויף נאַכטלעגער צוריק אין דעם נעכטיקן דערפל. שפּעטער האָבן זיי זיך אַראָפּגעלאָזן צום טאָל פון ירדן. דער נישט געזעענער טייך האָט שטיל געאָטעמט צווישן די גרינלעכע ווענט פון זייגע ברעגעס.

ווען דער אויטאָ האָט פאַרלאָזן דעם טאָל, האָט זיך די לאַנדשאַפט אַרום אינגאַנצן געענדערט. קיין שפּור פון אַ געוויקס, קיין טראָפּן וואַסער! דער קליינער אויטאָ איז געלאָפן לענגאויס פון אַ ווייטן קריידוועג, בעת דאָרט, ביים שפּיץ פון הימל, האָט אַן אַרמיי פון קופּער־רויטע וואָלקנס זיך געיאָגט מיט אַן אימפּעט ערגעץ ווייט־ווייט. אין מערב־זייט האָט אַ נישט געזעענע זון פאַרגאָסן די טויטע געגנט מיט עפּעס אַ ווונדערלעכן, אַזוי ווי פאַרשאָלטענעם ליכט.

כוכבא האָט געוואָלט צוקומען גיכער צו אַ ישוב, איידער עס זעצט זיך די נאַכט, און ער האָט געיאָגט דעם שאָפער:

—שנעלער, שנעלער!

דער שאָפער האָט אַלץ געטון, כדי צו אַנטלויפן פון דער נאַכט, וואָס איז צוגעפאַלן.

ער האָט אָבער נישט באַוויזן פון איר צו אַנטלויפן. די פינסטערניש האָט שוין פאַרכאַפּט די ראַנדען פון הימל, בעת אַ לאַנגע און גלייכע ליניע פון פייערלעך האָט אָנגעזאָגט, אַז עס דערנענטערט זיך ירושלים,

דאָס יונגע פּאָר האָט זיך אָפּגעשטעלט אין האָטעל „אַלענ-ביי”. דער גרויסער עסזאַלאָן איז געווען פול מיט טוריסטן און ענגלישע אָפיצירן.

הגרס בליק איז שוין געווען אָפּגעווייגט פון דעם גרויס-שטעטישן גלאַנץ. זי איז דורכגעלאָפן מיטן אויג דעם גאַנצן עולם און איר בליק האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף די עלעגאַנטע סילועטן פון צוויי יונגע מיליטערלייט, וועלכע האָבן אויך פון זייער זייט קיין אויג נישט אָראָפּגענומען פון דעם שיינעם יידישן ווייבעלע.

צי האָט זי זיך אַמאָל ערגעץ באַגעגנט מיט זיי אין סאַ-לאָניקי אָדער אין אַלעקסאַנדריע?

וואָס קען עס איר אָנגיין. צי קען דען נישט יצחק כוכבא איר פאַרגאַנגענהייט?

נאָכן מיטאָג האָט דער מאַן פאַרגעלייגט דעם יונגן ווייבל, צו מאַכן אַ קורצן שפּאַציר.

הגר האָט זיך אָפּגערופן:

—איך וואָלט וועלן זען דעם כותל-מערבי.

כוכבא האָט אָנגעקוואָלן. אַ גליקלעכער שמייכל האָט זיך צעשפּילט אויף זיינע ליפּן.

זיי זענען געגאַנגען איבער די הינטערגעסלעך פון דער אַלטשטאָט.

הגר האָט דערשפּירט עפּעס אַ מאָדנע אומרויקייט.

האָט זי מורא געהאַט?

צום ערשטן מאָל האָט זי, נישט ווילנדיק, זיך צוגעטוליעט צום אָרעם פון איר מאַן.

זייער וועג האָט געפירט דורך שמאָלע געוועלבטע געס-לעך, מיט טרעפּ אויסגעהאַקטע אין פעלזנשטיינער. אַמאָל לינקס און אַמאָל רעכטס פון די געסלעך האָט זיך פאַר זיי געעפנט עפּעס אַ מאָדנער, שרעקלעך-פינסטערער הלל.

ערגעץ-ווו אין שאָטן, סך-הכּל עטלעכע מעטער חייט, האָבן זיך געהערט די טריט-קלעפּ פון א נישט געזעענעם דורכגייער.

הגר האָט נישט געגלויבט אירע אייגענע חושים.

זי האָט שטיל געשעפּטשעט:

—ירושלים, ירושלים!

צי האָט דאָס געקאָנט זיין ירושלים? אַ באַנאַלער האָטעל, אייערשפּייזן, אַ קאָטלעט מיט גרינע אַרבעס, אַ וויינקאַרטע, קעל-נער אין פראַקן — ווער ווייס — אפשר אויך אַ קאַבאַרעט מיט טענצעריגס?..

איר פּוס האָט זיך אָן עפּעס פאַרטשעפּעט, אָבער דער מאַן האָט זי אונטערגעהאַלטן—ער האָט נישט דרייסט אַ דריק געטאָן איר האַנט.

די געוועלבטע געסלעך זענען מיטאַמאָל פאַרשוווּנדן גע-וואָרן. אויפן טונקל-בלויען הימל האָבן זיך אויסגעשיילט ווייסע וואָלקנס און עטלעכע פינקלדיקע שטערן.

כּוכבא האָט אָנגעהייבן גיין לאַנגזאַמער.

—אָט איז די וואַנט,—האָט ער שטיל אַרויסגערעדט.

הגר איז געבליבן שטיין, ווי אַ פאַרגליווערטע: עפּעס אַ פינסטערניש האָט איר פאַרשטעלט דעם וועג.

אָנגענומען הגרן פאַרן אָרעם, האָט כּוכבא זי אַרויסגעפירט פאָראויס צו אַ ריזיקער, נישט געזעענער וואַנט, און ביידע זענען מיט אויסגעשפּרייטע הענט צוגעפאַלן צו די אין פינסטערניש איינ-געזונקענע שטיינער.

זיי זענען אַזוי געבליבן שטיין אָן באַוועגונג.

עס זענען אַריבער פינף, אפשר צען מינוט. עטלעכע מאָל איז אַ פלעדערמויז אַריבערגעפלויגן איבער זייערע קעפּ.

וואָס האָבן די ביידע יונגע מענטשן געפילט אין דער פיי-ערלעכער, געהיימניספולער שטילקייט?

הגר האָט אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אָן אַקסל און געוויינט. האָט זי געוויינט איבער דעם אַמאָליקן אונטערגאַנג פון דער יידי-שער מלוכה, איבער די געפאַלענע כּוהנים, איבער די פאַרטרי-בענע מלכים, אָדער זענען עס געווען טרערן, וואָס זי האָט פאַר-

גאָסן איבער איר אייגענעם גורל ?

כוכבא ד׳האָט זיך ענדלעך דערוועגט זי אָנצורירן פאַרן אָרעם.

זי האָט אינגאַנצן אויפגעשוידערט.

—לאָמיר אַוועקגיין פונדאַנען, — האָט זי געשעפּטשעט, — מיר איז קאַלט.

צוריקוועגס איז הגר געלאָפן אַזוי האַסטיק, אַז איר מאַן האָט זי קוים געקאָנט אָניאָגן.

דערזעענדיק די ערשטע פייערן פון איירעפּעישן קוואַרטל, האָט די יונגע פרוי הויך אָפּגעאָטעמט און אָנגעהייבן צו גיין לאַנגזאַמער.

זי האָט זיך דערפרייט :

—אָט איז אונדזער האָטעל! זייער גוט. דאָס איז באמת געווען איבער מיינע כוחות !

פּרעכטיקע זאַלן, אַן אַמעריקאַנער באַר, עלעקטריש ליכט— און דאָס אַלץ אַזוי נאָענט פון כותל מערבי.

כוכבא האָט געבעטן דעם שליסל פון זיין צימער. דער פאַרוואַלטער האָט אים דערלאַנגט דעם שליסל צוזאַמען מיט אַ דעפּעשע.

—נאָר וואָס האָט מען זי געבראַכט.

כוכבא האָט איבערגעלייענט די דעפּעשע און איז בלאַס געוואָרן.

הגר איז געבליבן שטיין שטאַרק פאַרחידושט.

—וואָס איז דאָרט געשען?

דער מאַן האָט איר שווייגנדיק דערלאַנגט דאָס פּאַפּיר. הגר האָט איבערגעלייענט:

„באַלד זיך אומקערן אַהיים. אַ זייער ערנסטער פּאַרפּאַל.

הענריקא ווייל."

הגר האָט צוריקגעגעבן דעם מאַן דאָס צעקנייטשטע פּאַ-
פּירל.

—מיר פאָרן, אַלזוי.

זי האָט עס געזאָגט גאַנץ שטיל.

כּוכבא האָט געקרעכצט.

—וואָס איז דאָרט געשען? וואָס קאָן עס זיין? אַ שריפה? בעדואינער?

אַ דערשלאָגענער, איז ער אַנידערגעפאַלן אויפן פּאָטעל.

ער האָט עטלעכע מאָל איבערגעלייענט די דעפּעשע און געפּרוווט אַריינדרינגען אינעם סוד פון דעם אומגליק. די ווערטער, די ציפערן, די שעה פון אַרויסשיקן די דעפּעשע—אַלץ האָט אים געטאַנצט פאַר די אויגן.

הגר האָט דערווייל געגעבן עטלעכע קורצע פאַראָרדענונגען דעם פאַרוואַלטער. דאַן איז זי צוריק אַריינגעקומען.

—איך האָב געקלונגען אין אַלע אויטאָ-גאַראַזשן. אומזיסט, קיינער וויל זיך ניט רירן פון שטאָט פאַר זיבן אינדערפרי. אַ-מעטום האָט מען מיר דערקלערט, אַז די וועגן אַרום שכם זענען געפערלעכע.

זי האָט באַמערקט, אַז יצחק קוקט אויף איר מיט איבער-געשראָקענע פאַרצווייפלטע אויגן, און זי האָט צוגעגעבן שטיל, מיט אַ זיסער שטים:

— אַמבעסטן וואָלט געווען אָפּצורוען. מאָרגן וועט אפשר אויסקומען צו אַרבעטן איבער די כּוחות.

אויף צומאָרגנס אינדערפרי, ווען דער אויטאָ איז צוגעפאָרן פאַרן האָטעל, האָט שוין כּוכבא אויסגעזען גאָר אַן אַנדער מענטש. הגרס באַרויקלעכע ווערטער, די שטראַלן פון דער פרימאָרגנדי-קער זון—דער צעשרויפטער, דערשלאָגענער כּוכבא האָט אָנגע-הייבן קוקן אויף דער וועלט מיט אָפּטימיסטישע אויגן.

ער האָט געטראַכט מיט אַ ליכטיק געמיט, אַז הגר איז טאָקע פולשטענדיק גערעכט: מ׳האָט געדאַרפט זיין משוגע, צו נעמען אַזוי ערנסט די ווילדע קאַפּריזן פון הענריקא ווייל.

עס איז פאַר דער צייט אויך אָנגעקומען אַן ענטפער אויף דער דעפּעשע, וואָס זיי האָבן אַרויסגעשיקט, און אין דעם ענטפער שטייט, אַז אין דער פאַרגאַנגענער נאַכט איז קיין זאַך נישט געשען.

צוליב דעם אַלעם, האָט זיך כוכבא איצט שוין נישט געאיילט אַזוי שטאַרק מיטן פאָרן צוריק. הגר האָט דאָך אַזוי שטאַרק געוואָלט זען ירושלים און אים האָט זיך נישט געוואָלט זי איבערלאָזן אונטער דעם שווערן איינדרוק פון כותל-מערבי.

ער האָט זיך געבעטן:

—אַ שעה, כאָטש נאָך איין שעה.

דער אויטאָ איז געלאָפן מיטן וועג צום הר-הזיתים. ווען נישט די מערערע, נישט פאַרבויטע פלעצער, וואָלט דער וועג געמאַכט דעם איינדרוק פון אַן אַלייע. פוןביידע זייטן האָבן זיך געצויגן ווילעס — אַזעלכע, ווי מען באַגעגנט אַרום קאַירע. מאָמענטנווייז זענען פאַרביי־געלאָפן זייער אויג לאַנגע ווייסע ווענט, איבער וועלכע עס האָבן געגרינט פאַרשטויבטע, אויסגעדרייטע צווייגן.

דער שאָפער האָט געשיקט אויסגעמיטן אַ פלוטאָן ענגלישע קאַוואַלעריע. אָנגעטון האַלב מיליטעריש, האָבן די זעלנער געפירט די פערד צום ברונעם. פון די פאַרשאַרטע אַרבל פון די מונדירן האָבן זיך אַרויסגעזען רויטע הענט מיט פעסטע מוסקולן. אַזעלכע זעלנער באַגעגנסטו אין דובלין און אין פּרעטאָריע, אין היידעראַבאַדא און אין סידניי— קינדער פון דער ענגלישער היגיענע, פון דעם ענגלישן וווילטיק און פון דער ענגלישער גלייכגילטיקייט צו אַלץ.

איינער פון די זעלנער האָט אַרויסגענומען די פייפקע פון מויל און האָט געמאַכט הגרן אַ קאָמפּלימענט, פון וועלכן כוכבא איז געוואָרן שרעקלעך בלייך.

הגר, אַריינגעטון שטאַרק מיטן אויג אין די דורכגייער,

האָט געמאַכט אַ מינע, אַז זי האָט גאָרנישט געהערט.
וואָס פאַר אַ גרויסער אונטערשייד איז געווען צווישן די־
דאָזיקע ענגלישע זעלנער און יענע יידישע פאַרבייגייער, וועל־
כע האָבן אַרויסגערופן אין הגרן עפּעס אַ מאָדנעם וועטיק־
לעכן געפיל, — אַ געפיל פון ליבע און גלייכצייטיק אויך מיט־
לייד.
געלעבט אַזוי לאַנג ווייט פון יידן, האָט הגר שוין לאַנג
געהאַט פאַרגעסן די טרויעריקע יידישע געשטאַלטן פון אירע קינ־
דעריאָרן. לעצטנס, לעבנדיק צוזאַמען מיט וועלטלעכע, אייראָ־
פּעיש-געקליידטע יידן, איז דער יונגער פרוי גאָרנישט איינגע־
פאַלן, אַז דאָרט ערגעץ אויף דער וועלט זענען פאַראַן נאָך
אַנדערע יידן—די אמתע יידן.
איצט האָט זי זיי מיטאַמאָל דערזען.
מ׳האָט געקאָנט אָט די יידן פאַרגעסן, אָבער אָפּזאָגן זיך
פון זיי—קיינמאָל נישט!
וועלכע פון זיי זענען געווען איבערגעטון: צי יענע פון
„באר-יעקב,” אָדער די דאָ, אין זייער מאָדנער קליידונג?
זיי האָבן גיך-גיך געדרעפּטשעט אין בלאָטע, צו דריי, צו
פיר אין אַ שורה, איינע אין לאַנגע, שוואַרצע קאַפּאָטעס, מיט
ברייטע קאַפּעליושן און לאַנגע פאות. אַנדערע איינגעהילט מיט
זייערע אויסגעדאַרטע קערפּערס אין פאַרשידנפאַרביקע סאַמעטענע
כאַלאַטן, אַלטע, אָפּגעקראָכענע — עס איז געווען אַן אָרגיע פון
בלאַס-בלויע, שמאַראַגדענע, בוראַק-רויטע און קאַנאַרעק-געלע קאָ־
לירן. און שטריימלעך האָבן זיי געטראָגן אויף זייערע גרויע קעפּ,
און געהאַלטן האָבן זיי אין זייערע ביינערדיקע דהענט זייערע
טלית-ותפילינס, אַזוי ווי זיי וואָלטן עס צוגעדריקט מיט ליבע צו
זייערע הערצער — עפּעס האָט זיך געפלאָנטערט הגרן פאַר די
אויגן, עפּעס האָט זי נישט פאַרשטאַנען. עפּעס איז דאָ געווען
אַזוינס, וואָס האָט גאָרנישט געשטימט מיט אירע אויסגעחלומטע
בילדער פון יענע אַלטע, ליכטיקע, ביבלישע צייטן. צי זענען עס
די יידן?
הגרן האָט געשטיקט אין האַלדז און זי האָט זיך פאַר־

שטעלט דאָס מויל מיט אַ טיכל. באַלד אָבער האָט אַ ווילדער שטאָלץ אויסגעגלייכט איר קערפּער.

דער וועג צוריק איז אַריבער אָן שום געשעעניש.

עס איז שוין געווען אַרום עלף, ווען זייער אויטאָ האָט זיך אָפּגעשטעלט פאַר די געצעלטן פון „באר־יעקב."

אַזוי ווי מען האָט זיי אָגגעזאָגט, אַז פריילן ווייל איז אינדערפרי אַוועקגעפאָרן קיין שכם, זענען זיי אַריין אין ביורא, כּדי דאָרט צו וואַרטן, ביז זי וועט צוריקקומען. כּוכבא האָט קיין שום איבעריקע פראַגן נישט געשטעלט — ער האָט נישט געוואָלט אַרויסרופן קיין מהומה צווישן די קאָלאָניסטן, וועלכע האָבן, אַפּנים, דערווייל פון קיין זאַך נישט געוווּסט.

באַלד איז אויך אָנגעקומען פריילן ווייל. זי איז געווען בלייך און צעטומלט.

כּוכבא האָט פאַרשטאַנען, אַז ער האָט זי אינדערפרי אומזיסט באַשולדיקט.

ער האָט געפרעגט:

—וואָס איז דאָ געשען?

פריילן הענריקאַ האָט צוגעדריקט די הענט צום האַרצן.

הגר איז אויפגעשטאַנען. זי האָט געוואָלט אַרויסגיין און זיי איבערלאָזן אַליין, אָבער פריילן ווייל האָט געמאַכט אַ באַוועגונג מיט דער האַנט, זי זאָל בלייבן.

— בלייב דאָ, מיין קינד, דו וועסט דאָ נישט זיין קיין איבעריקע.

כּוכבא האָט נאָכאַמאָל געפרעגט:

—וואָס איז דאָ געשען?

פריילן ווייל האָט געקרעכצט און פאַרבראָכן די הענט.

—מיינע טייערע, מיינע טייערע—וואַלשטיין...

—נו, וואָס?

—איז אַנטלאָפן מיט דאָרע אַבראַמאָוויטש.

—וואַלשטיין מיט דאָרע אַבראַמאָוויטש?

כּוכבא, אַ פּאַרגליווערטער, האָט מער קיין וואָרט נישט געקאָנט אַרויסרעדן.

הגר האָט געשוויגן. זי האָט געוואַרט אויף ווייטערדיקע פּרטים.

—פאַרוואָס? צוליב וואָס האָבן זיי עס געטון? וווהין זענען זיי אַנטלאָפן?

—איך ווייס גאָרנישט. די ענגלישע מאַכט אין שכם האָט מיר צוגעזאָגט גלייך צו געבן צו וויסן, ווי נאָר מען וועט זיי פאַרהאַלטן. צי זענען זיי געלאָפן קיין סיריע, צי האָבן זיי זיך גלייך געלאָזן צום פּאָרט? איך ווייס נישט, דאָס שרעקלעכסטע איז, וואָס וואַלשטיין האָט מיטגענומען מיט זיך דאָס גאַנצע געלט.—

כּוכבא איז געוואָרן בלאַס, ווי די וואַנט.

—געלט? וואָסערע געלט?

—פון דער קאַסע. ער האָט געהאַט דעם שליסל.

דער איינגעהויקערטער כּוכבא האָט זיך אויפגעריסן פון אָרט און מיט נישט זיכערע טריט האָט ער זיך געלאָזן צו דעם ווינקל, וווּ עס איז געשטאַנען די פייערקאַסע פון דער קאָלאָניע.

פריילן ווייל האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ און שטיל גערעדט:

— נישטאָ וואָס צו קוקן. עס איז איין פּרוטה נישט געבליבן...

—וויפל איז געווען אין קאַסע?

— אפשר דרייהונדערט פונט. ער האָט צוגענומען ביז אַ פּעניג.

כּוכבא האָט זיך אומגעקערט אויף זיין אָרט און, אַוועקפאַלנדיק כּמעט אויפן בענקל, האָט ער אַרויסגעקרעכצט:

—ווי אַזוי איז עס געשען?

אויף צומאָרגנס, נאָך אייער אַוועקפאָרן, איז וואַלשטיין אַוועק

קיין חיפה, צוזאַמען מיט דאָרע אַבראַמאָוויטש... געזאָגט האָט זי מיר פאַרביילויפנדיק, אַז זי האָט דאָרטן עפּעס איינצוקויפן. איך האָב נישט געזען אין דעם קיין שום אומגעוויינלעכס און האָב זיי אָפּגעוואַרט אין אָוונט. ערשט עס גייט אַוועק אַ טאָג און צוויי. איך בין געוואָרן אומרויק און האָב טעלעפאָנירט קיין חיפה. פון דאָרט האָט מען מיר געענטפערט, אַז מען האָט געזען דאָרען אויפן באַזאַר — זי האָט געקויפט אַ וואַליזע. וואַלשטיין, ווידער, איז באַלד, ווי ער איז געקומען, אריין אין דער אַנגלאָ-אָריענט-באַנק און האָט דאָרט אויסגעביטן דעם טשעק.

—דעם טשעק? וועלכן טשעק?

—דעם טשעק פון דער פּראָוויזישער אינטענדאַנטור אין סיריע.

—ער האָט אָפּגענומען דאָס געלט?

— נאַטירלעך! צוליב דעם איז ער דאָך געפאָרן קיין חיפה.

— און דאָס געלט? אויך די סומע האָט ער צוגענו-מען?

—נו, געוויס!

כוכבא האָט מיט אַ נערוועזער באַוועגונג זיך געריבן די שלייפן פון שטערן.

—הייסט עס, אַז עס איז נישט געבליבן קיין פּרוטה?

—גאָרנישט.

אַלע דריי זענען אַנטשוויגן געוואָרן.

שפּעטער ערשט האָט כוכבא געפרעגט מיט אַ ציטערדיקער שטים:

—האָט איר זיי געפרוווט אָנקלאָגן?

— איך האָב געמאָלדן דער פּאָליציי, אַז עס זענען פאַר-שוונדן געוואָרן צוויי קאַפּיטאַליסטן. וועגן געלט האָב איך גאָר-נישט דערמאָנט. אפשר איז עס אַזוי בעסער.

—ריכטיק, און דאָ ווייסן זיי וועגן דעם?

—ביז איצט ווייסט קיינער נישט, איין אַבראַמאָוויטש נאָר, וועלכן איך האָב געמוזט דערציילן די געשיכטע. ער האָט זיך

דערביי גוט געהאַלטן. וואָס איז שייך די איבעריקע, ווערט מען זיי קאָנען שפּעטער דערציילן...

כוכבא איז געווען אינגאַנצן צעשמעטערט פון פאַרצווייפלונג. זיין שטים האָט נאָך אַרץ געציטערט.

—אמת. מיט זיי וועלן מיר נישט פאַרשפּעטיקן. עס ווערט שטענדיק צייט זיין זיי אָנצוזאָגן, אַז זיי מוזן זיך פאַנאַנדערבייגן און זיך זוכן ערטער אין די אַנדערע קאָלאָניעס.

פריילן הענריקא האָט צוזאַמענגעבראָכן אירע בייגעדיקע הענט.

—אַזוי ווייט האַלט עס?...

—איר ווייסט דאָך די לאַגע, אַזוי גוט, ווי איך. „באר-יעקב" גייט אונטער!

— צי וואָלט מען נישט געקענט קריגן אַ ביסל געלט אין ירושלים?

כוכבא האָט נערוועז געשאָקלט מיטן קאָפּ.

—איך קען די לאַגע. עס איז גאָרנישט.

עס האָט אויסגעזען, אַזוי ווי אַ רעגן פון אַש וואָלט געגעפאַלן אויף דעם קליינעם צימער. פאַר די אויגן פון די דריי מענטשן איז געשטאַנען דער שאָטן פון חורבן, פון אומגליק.

יצחק כוכבא האָט גערעדט שטיל:

—פאַרן ערשטן פעברואַר קאָן מען נישט רעכענען אויף קיין שום הכנסה. און לעבן דאַרף מען. ניין. אַלץ איז פאַר אונדז געענדיקט.

הגר, וועלכער האָט די גאַנצע צייט געשוויגן, האָט זיך שטיל אָפּגערופן:

—אפשר וואָלטן מיר זיך געווענדט צום באַראָן?

IX

קיינער אין דער קאָלאָניע האָט זיך קיינמאָל נישט דערוווסט, וואָס עס איז אייגנטלעך געשען מיט די צוויי אַנטלאָפענע. די פּאָליציי האָט זיך די געשיכטע נישט גענומען שטאַרק צום האַרצן. מיכאל אַבראַמאָוויטש האָט זיך צו דער געשיכטע באַצויגן מיט אַ רויקער, פֿײַנער רעזיגנאַציע, און צווישן אים מיט כּוכבאן און דעם פּריילן ווייל איז אָפּגערעדט געוואָרן, אַז קיין שום אָנקלאַגע צו דער מאַכט זאָל נישט דערלאַנגט ווערן.

עס איז אפשר געווען בעסער אַזוי: דאָס געלט וועט די קאָלאָניע סיי ווי שוין צוריק נישט באַקומען, און דער עפנטלעכער סקאַנדאַל וואָלט נאָר געבראַכט אַ גרויסן, מאָראַלישן שאָדן.

אין משך פון אַ גאַנצער וואָך האָבן כּוכבא און פּריילן ווייל זיך געבראָכן די קעפּ, צו געפונען עפּעס אַן אויסגאַנג פון דער געשאַפענער לאַגע. זיי האָבן אָבער גאָרנישט געקאָנט צוטראַכטן. לכתחילה האָבן זיי פּשוט זיך אַליין געוואָלט אָפּנאַרן און זיך איינרעדן, אַז עס איז נאָך פאָרט נישט אַלץ פאַרלאָרן.

זיי האָבן גערעכנט, אַז וואַלשטיין וועט אַ ליאַדע טאָג זיך אומקערן, ווייל זיי האָבן אויפגעפּאַסט דאָס אַנטלויפן פון דעם פּאָרל בלויז, ווי אַ ווילדע ליבעס-אַוואַנטורע.

זיי האָבן אויך געגלויבט, אַז וואָלשטיין וועט נישט קאָנען איבערטראָגן די יסורים פון געוויסן און ער וועט אָפּשיקן, אויב נישט די גאַנצע סומע, איז כאָטש אַ העלפט, אַ טייל...

פון די אַלע האָפענונגען, האָט זיך אָבער גאָרנישט אויסגע־לאָזן, און דערווייל האָבן אָנגעהייבן אָנקומען אַלץ אָפטערע בריוו וואָס האָבן דערמאָנט דער פאַרוואַלטונג פון „באר־יעקב" וועגן לויפעדיקע צאָלונגען, וועגן וועקסלען, וואָס זייער טערמין דער־נענטערט זיך.

דער אומגליקלעכער כוכבא איז געלאָפן פון ירושלים קיין חיפה און וואָס ווייטער, איז אַלץ פעסטער געוואָרן אין אים דאָס באַוווסטזיין, אַז ער איז באַנקראָט, אַז די חובות פון דער קאָ־לאָניע וועלן נישט קענען געצאָלט ווערן.

נישט באַקומענדיק אין ערגעץ קיין שום שטיצע און אויך נישט קיין שום צוזאָג אויף הילף, האָט כוכבא ענדלעך אָנגעהייבן טראַכטן, אַז הגרס פאָרשלאַג איז דאָס איינציקע מיטל, וואָס קאָן נאָך ראַטעווען די קאָלאָניע.

כוכבאן איז אָבער די געשיכטע שטאַרק נישט געווען צום הארצן: ער האָט זיך נישט געקאָנט באַשליסן אויסצושפּילן די־דאָזיקע לעצטע קאָרט. כוכבא האָט אין די טעג אַ סך איבערגע־טראַכט וועגן דער פּרייַנטשאַפט, וואָס דער גוטער באַראָן האָט אים שטענדיק אַרויסגעוויזן. ווען דער באַראָן האָט אים געבעטן, ער זאָל זיך אומקערן קיין פּאַריז, ווו זיין אַרבעט וועט זיין נוצ־לעכער און פרוכטבאַרער, האָט ער זיך איינגעעקשנט און נישט געוואָלט פאָרן, פאַרזיכערנדיק, אַז זיין אָנוועזנהייט דאָ אין לאַנד איז אונבאַדינגט נייטיק, אַז אַ דאַנק זיין אַרבעט, וועט ענדלעך טריומפירן די יידישע אויפלעבונג אינם יידישן לאַנד. איצט וועט ער קומען אַ דערשלאָגענער, אַ דורכגעפאַלענער און בעטן הילף.

כוכבא האָט שרעקלעך געליטן. פאַר אים איז געווען פיינ־לעך דער געדאַנק, אַז ער וועט דאַרפן אויסהערן די ווער־טער:

„איך האָב דאָך אייך געזאָגט פריער"...

און די ווערטער וועט אים זאָגן דער באַראָן!

אין יענע שרעקלעכע טעג וואָלט כוכבא פּשוט זיך נישט דערהאַלטן אויף די פיס, ווען נישט דאָס, וואָס הגר איז געווען מיט אים און האָט אים כסדר געהאָלפן.

שוין זי אַליין, דאָס קוקן אויף איר, איז געווען אַ באַלזאַם פאַר זיינע ווונדן. ווען אַלע האָפענונגען זענען צעשווומען געוואָרן, האָט דער אָרעמער כוכבא דאָך געהאַט איין געפיל, וואָס האָט אים געטרייסט: ער האָט זיך אין זיין ווייב נישט אָפּגענאַרט.

זי האָט געהערט צו יענע נאַטורן, וואָס לייכטן אויף אין זייער גאַנצער שענקייט ערשט אין דער פינסטערניש פון אומגליק.

פריילן ווייל האָט זיך אין דעם שטורעם פון די לעצטע געשעענישן אינגאַנצן פאַרלאָרן: עס האָט זי געטראָגן ווי אַ טרוקן בלעטל. יעדע מינוט האָט זיך געענדערט איר שטימונג. דאָ האָט זי זיך צעשריען, אַז זי וועט כאַפּן די פעדער אין האַנט און וועט פאַרעפנטלעכן אין די ציי‍טונגען אַ שרעקלעכן בריוו, וואָס וועט, ווי מיט אַן אָנגעבּרענט אייזן, שטעמפּלען דעם עגאָאיזם און די בלינדקייט פון יידישן פאָלק. און אַנדערשמאָל ווייטער, אָראָפּפאַלנדיק ביי זיך, פלעגט זי גאַנצע טעג אָפּזיצן ביים אויוון און מורמלען עפּעס נישט פאַרשטענדלעכע ווערטער.

אָנשטאָט אונטערצוהאַלטן די שטימונג אין דער קאָלאָניע, איז פריילן ווייל געוואָרן ביסלעכווייז אַליין אַ שטערונג, און זי אַליין האָט מיטגעווירקט צום דערשלאָגן דאָס געמיט.

די באַפרייערין פון דער קאָלאָניע איז געוואָרן הגר.

צו וואָס דאָס קלאָגן און פאַרצווייפלען? ווער האָט זיך עס איינגערעדט, אַז „באר-יעקב" גייט אונטער, בעת אַלץ פונקציאָנירט אין דער בעסטער אָרדענונג?

פאַרקערט נאָך: עס האָט זיך באַקומען דער איינדרוק, אַז דער וווילשטאַנד פון דער קאָלאָניע וואַקסט מיט יעדן טאָג. די וועש איז געוואָרן בעסער, דאָס עסן רייכער און געשמאַקער, און יעדן טאָג זענען געשטאַנען אויף די טישן פון עסשטוב פרישע בלומען—עס זענען געווען טרויעריקע, אָבער שיינע אַנעמאָנעס,

וועלכע גיטעלע האָט, לויט הגרס פאַראָרדענונג, כסדר אָנגעריסן אויף די שפּועים פון באַרג גריזים.

מיט דער הילף פון די קלייניקייטן האָט הגר געזוכט צו באַהאַלטן פון די אויגן פון די קאַלאַניסטן די סכנה פון אונטער־גאַנג, וואָס האָט געשוועבט איבער זייערע קעפּ.

ווער קאָן עס צווייפלען אין דער צוקונפט פון „באר־יעקב, ווען דאָס שיינע רויקע געזיכט פון יצחק כּוכבאס ווייב גיט צו אַזויפיל מוט און האָפענונג?

די קאָלאָניסטן זענען געווען פון איר באַגייסטערט און נאָר איר איינציקער מאַן, וועלכער האָט זי איינפאַך פאַרגעטערט, האָט געוווּסט, ווער און וואָס עס איז געווען הגר מיט אַכט חדשים צוריק.

כּוכבא האָט געהאָפט אויפן גורל, אויף אַ נס, און האָט פון פון טאָג אויף טאָג אָפּגעלייגט דאָס אָנשרייבן דעם בריוו צום באַראָן.

עס איז אָבער אָנגעקומען אַ מאָמענט, וואָס האָט שוין די געשיכטע נישט געלאָזן מער אָפּלייגן: עס האָבן זיך אונ־טערגערוקט טערמינען. די וועקסלען האָבן געמוזט געצאָלט ווערן.

כּוכבא האָט זיך ענדלעך אָנטשלאָסן אָוועקצוזעצן ביים שרייבטיש. צוגעגרייט אים אַ בויגן פּאַפּיר, האָט הגר זיך אַוועק־געזעצט לעבן אים: טאָמער פאַרלירט ער די שטימונג, וועט זי אים מיט איר בליק צוגעבן מוט.

פריילן וויילל, דער איינציקער עדות פון דער סצענע, איז געזעסן אין אַ ווינקל, פאַרטיפט, ווי געוויינלעך, אין דער לעצ־טער צייט, אין אירע מחשבות. זי האָט לייכט און דרייסט גע־קאָנט שרייבן וועגן דער עסטעטיק פון אַ דייטשן סאָציאָלאָג. ווי שרייבט מען אָבער ערנסט און מיט זעלבסטווירדע אַ בריוו וועגן הילף?

הגר איז געזעסן אָן אַ זייט און האָט זיך נישט אַריינגע־מישט אין דער רעדאַקציע פון בריוו. זי האָט אים בלויז צוגע־וואָרפן עטלעכע עצות, אַגב, טאַקע גאַנץ ריכטיקע.

ענדלעך איז דער בריוו פארטיק געווארן. כוכבא האט גע־בעטן דעם באראן, ער זאל אויסבארגן דער קאלאניע הונדערט־טויזנט פראנק—א סומע, וואס וועט קלעקן ביז דער נייער טרויבן־זאמלונג.

די אומגליקלעכע אומשטענדן, וואס צווינגען דער קאלאניע זיך צו ווענדן צו אים וועגן דער הילף,—זענען באריר גווארן אין דעם בריוו נאר פארבייגייענדיק.

הגר און כוכבא האבן פערזענלעך אוועקגעפירט דעם בריוו קיין שכם, כדי אים צו באזארגן אויף דער פאסט.

דאס איז געווען דעם זיבעטן דעצעמבער און ביידע האבן אויסגערעכנט, אז דעם ענטפער קאן מען נישט דערווארטן פריער פארן פינפאונצוואנציקסטן.

אבער אט, דעם פערצעטן שוין, איז כוכבא אריינגעלאפן צו הגרן אין ביורא א פארסאפעטער, פאכנדיק, ווי א זיגער, מיט א דעפעשע אין האנט.

יער האט געשריען אויפן קול:

—א ישועה! מיר זענען געראטעוועט!

דהגר איז בלאס געווארן און האט זיך אויפגעריסן כון ארט.

—האסט באקומען געלט?

א געריטער, ציטערנדיק אינגאנצן, האט כוכבא דערלאנגט הגרן די דעפעשע.

זי האט געהאט איבער הונדערט ווערטער און איז געווען געהאלטן אין א פאטערלעכן טאן. דער באראן האט געגעבן צו וויסן, אז ער שטעלט באלד אין רשות פון דער קאלאניע פופ־ציקטויזנט פראנק — דאס געלט איז שוין איבערגעוויזן געווארן אין פאלעסטינישן באנק. פארן איינצאלן די צווייטע העלפט פון דער פארלאנגטער סומע וויל אבער דער באראן זיך פערזענלעך דורכרעדן מיט כוכבאן אין פאריז, ווו ער וויל זייער גערן אים זען פארן פופצעטן יאנואר. די רייזע־קאסטן דארפן ארויפגענומען ווערן פון די צוגעשיקטע פופציקטויזנט פראנק.

הגר האט אויפגעהייבן דעם קאפ.

—מען מוז שוין טעלעגראפירן אן ענטפער. ווען גייט אפ די נאענטסטע שיף?

—איך ווייס נישט, אבער מען קאן זיך עס לייכט דער־וויסן.

—לאמיר טעלעפאנירן קיין חיפה.

עס איז אריינגעקומען פריילן וויל.

ווען זי האט זיך דערוווסט, וואס דא איז געשען, האט זי אויך אויסגעדריקט איר שטורמישע שמחה. פון דער פארביטערונג, וועלכע זי האט זייט די לעצטע עטלעכע טעג געווארפן אין פנים די „מעכטיקע אינטערנאציאנאלע יידן", איז מיטאמאל אויסגעוואקסן א הימן פון ליבּ פאר דידאזיקע יידן.

איין הגר איז געבליבן רויק. זי איז אויך געבליבן דאס, וואס זי איז געווען אין די ביזאהעריקע שווערע טעג.

זי האט געפרעגט:

—וויפל דארף קאסטן די נסיעה אהין און צוריק?

— איך האב קיין אנונג נישט. איבעריקנס, האבן מיר נאך צייט דאס אויסצורעכענען. איך רעכן ביי א דריטטוויזנט פראנק און אפשר פירטויזנט.

—לאמיר רעכענען פינף! הייסט עס, אז פינפאונפערציק טויזנט בלייבן פאר דער קאלאניע.

הגר האט זיך אוועקגעזעצט ביים שרייבטיש און גענומען רעכענען.

ווען זי האט געענדיקט דעם חשבון, האט זי דער־קלערט:

—דאס וועט אונדז קלעקן ביזן ערשטן פעברואר. מיר מוזן אבער זיך פארזיכערן, אז ביז יענער צייט וועלן מיר שוין האבן די צווייטע פופציקטויזנט. איר גלויבט, אז מען קען אויף דעם געלט רעכענען?

פריילן וויל האט זיך אנגעצונדן:

— דו באליידיקסט דעם באראן. ווי קאן מען עס שטעלן די פראגע? דו קענסט נישט דעם מענטשן—דעם גוטן באשי־

צער פון ארץ־ישראל! איך לייג פאָר, אַז פון איצט אָן זאָל אונ־דזער יום־טובֿדיקער זאַל טראָגן דעם נאָמען עדמונד ראָטשילד.

די דאַנק־דעפּעשע איז גלייך אַרויסגעשיקט געוואָרן. דאַן האָט מען טעלעפאָנירט קיין חיפה און געבעטן רעזערווירן פאַר יצחק כּוכבֿא אַ קאַיוטע פונם דאַמפער, וואָס דאַרף אָפּגיין דעם צוויי־און־צוואַנציקסטן.

מען האָט אויסגערעכנט, אַז אַזוי־ערנאָך וועט דער פירער פון „באר־יעקבֿ" אָנקומען קיין פּאַריז נאָך פאַרן דרייסיקסטן דע־צעמבער.

געבליבן איז בלויז אָפּפאָרן נאָך אַ גאַנצע וואָך.

כּוכבֿא און הגר האָבן די צייט אויסגענוצט אויף איינצו־שטעלן די עקזאַלטירטע אויסגעשרייען פון פריילן ווייל. די לעצ־טע, ווידער, האָט אָן אַן אויפהער געשריבן די רעדע, וואָס כּוכ־בֿא האָט געדאַרפט, ווי זי האָט פאַרזיכערט, האַלטן ביים שטעלן זיך פאַרן באַראָן.

דאָס יונגע פּאָר האָט כּלומרשט אויסגעהערט די פלוידעריי און דערווייל זיך געמאַכט פּלענער וועגן דער צוקונפט.

קודם־כּל איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז כּוכבֿא מוז האָבן אַ פריייען קאָפּ ביים צוזאַמענפאָרן. ביידע האָבן דעריבער איצט שוין אויסגעאַרבעט אַ גענויעם באַריכט וועגן דער טעטיקייט פון דער קאָלאָניע, זינט זי איז געגרינדעט געוואָרן, ביז דעם מאָמענט פון וואַלשטיינס אַנטלויפן.

פאַרשטייט זיך, אַז נאָך זיין צוזאַמענפאָרן דאַרף הגר איבער־נעמען די גאַנצע באַלעבאַטישקייט.

הגר האָט אויף דעם איינגעשטימט. זי האָט אָבער דער־קלערט, אַז זי וועט נאָר דאַמאָלט קאָנען זיין פאַראַנטוואָרטלעך פאַר אַלץ, ווען ער וועט איר באַקענען מיט אַלע איינצלהייטן פון דער אַדמיניסטראַציע.

זי האָט אים דעריבער כּסדר פאַרשיט מיט פראַגן, ביז זי

האָט זיך פּאַקטיש אויספּירלעך באַקאַנט מיט אַלע פּרטים פון דעם אַדמיניסטראַטיוון אַפּאַראַט.

כּוכבא איז איצט געווען רויק פאַר דעם גורל פון די חברים פון דער קאָלאָניע. ער האָט אָבער געמאַכט נאָך אַ שריט ווייטער: ער האָט אויפגעקלערט הגרן אַלע סודות פון דער פּאַלעסטינישער אַדמיניסטראַציע בכלל. טאָמער מאַכט זיך עפּעס, זאָל זי אים קאָנען פאַרטרעטן אויך ביים ענגלישן הויכקאָמיסאַר סעמיועל. כּוכבא איז דערביי באַזונדערס אַנטציקט געוואָרן. אים האָט פּשוט איבעראַשט די לייכטקייט, מיט וועלכער הגר האָט אויפגעכאַפּט די אַלע פאַרוויקלטע ענינים און זיך אין זיי אָריענטירט.

אינגיכן אָבער האָט עפּעס אַ מאָדנער אומעט באַהערשט כּוכבאן: עפּעס איז ער אומרויק געווען וועגן דעם גורל פון זיין קאָלאָניע. געפּייניקט האָט אים אויך דער געדאַנק, אַז ער וועט זיך מוזן באַלד שיידן מיט זיין הגרן.

גייסטיק מיד, דערשלאָגן פון די ערינערונגען פון די איבערגעלעבטע שווערע טעג—האָט זיך כּוכבא קיין רו נישט געקאָנט געפינען. עס האָט אויסגעזען, אַז ער ווערט פון מינוט צו מינוט שוואַכער. נאָר די היץ פון דער אַרבעט האָט אים קינסטלעך אויפגעהאַלטן—הגר האָט עס גוט געזען. דער גלאַנץ פון זייַנע אויגן, פון זיין געזיכט, די מאָדנע וואַרעמע הענט — הגרס אויג האָט דאָס אַלץ אויפגעכאַפּט. זי האָט זיך געטרייסט דערמיט, אַז ביז דער רייזע איז שוין געבליבן גאַנץ ווייניק צייט: די לופט פון ים און די רייזע אויף דער שיף וועלן דעם קראַנקן מאַן באַרויקן און קרעפטיקן.

געווען איז עס מיטוואָך, דעם גיינצעטן דעצעמבער.

אָפּגעגעסן אָונטבּרויט, האָט כּוכבא, וועלכער האָט דעם גאַנצן טאָג פאַרבראַכט איבּער זיינע בּיכער מיט ציפערן — זיך ווידער געוואָלט נעמען צו דער אַרבּעט. ער איז אָבּער געווען אַזוי מיד און פאַרמאַטערט, אַז הגר האָט אים נישט געלאָזן מער אַרבּעטן. זי האָט אים געשיקט זיך לייגן אין בּעט, און אַליין האָט זי זיך אַוועקגעזעצט בּיי די בּיכער און געאַרבּעט, בּיז די עלעקטריע איז אויסגעלאָשן געוואָרן.

שפּעטער האָט זי אָנגעצונדן אַ נאַפטלאָמפּ און, ווי אַמאָל אין דער סוטערינע פון דער וועשעריי אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, האָט זי פאַרלענגערט ווייטער איר אַרבּעט, פון וועלכע עס איז געווען אָפּהענגיק איר צוקונפט.

בּאַלד איז איר אויך בּאַפאַלן אַ שווערע מידקייט.

זי האָט אויסגעלאָשן דאָס פייער, איז אַרויס פון בּיורא און מיט לאַנגזאַמע טריט זיך געלאָזן גיין איבּערן הויף צו דעם בּנין, ווו עס האָט זיך געפונען זייער שלאָפצימער.

אַ קאַלטע לבנה האָט אַראָפּגעלויכטן פון הימל. איר בּליק איז געפאַלן אויף די פּאַלעטעס פון דעם נישט בּאַוועגלעכן מאָטאָר.

אין צימער איז געווען פינסטער.

הגר האָט אָנגעהייבּן, טאַפּנדיק, זוכן ערגעץ אַ שוועבּעלע, אָבּער מיטאַמאָל איז איר בּאַפאַלן עפּעס אַ מוראדיקער פּחד.

פון ווינקל, ווו עס איז געשטאַנען איר מאַנס בּעט, האָט זיך געהערט אַ מאָדנער כאָרכל, וואָס איז דורכגעגאַנגען מיט אַ שוידער איבּער איר לייב. פון צייט צו צייט איז דער כאָרכל בּאַגלייט געוואָרן פון אַ מין שלוקערץ און עפּעס אַ פאַרשטיקטן קרעכץ.

הגר איז אין דער מינוט שיער נישט משוגע געוואָרן פון שרעק. ענדלעך האָט זי דערטאַפּט ערגעץ אַ פּעקעלע שוועבּעלעך און האָט האַסטיק אָנגעצונדן אַ לאָמפּ.

כּוכבא איז געלעגן אויפן בּעט מיט איין האַנט אַראָפּגע-האַנגען צו דער ערד. דער קאָפּ איז געלעגן אויף אַ פאַר-

בלוטיקטן קישן. אַ שטראָם שוואַרץ בלוט איז אים געראָנען פון מויל.

גיטעלע האָט געוווינט אין דעם שכנותדיקן צימער.

הגר איז באַלד צוגעלאָפן צו דער וואַנט און האָט האַסטיק אַנגעקלאַפּט.

אין עטלעכע מינוט אַרום איז דאָס מיידל שוין געשטאַנען אויף דער שוועל.

הגר האָט שטיל גערעדט:

— וועק שנעל אויף פריילן העניריקאַ און אידע יאָקיי. אָבער נאָר זיי ביידע. מען דאַרף נישט מאַכן קיין איבעריקע מהומה.

באַלד זענען ביידע פרויען געקומען צו לויפן: פריילן ווייל, צוגעדעקט מיט עפּעס אַ גרויסן שאַל, און אידע יאָקיי, אָנגעטון אין אַ באַרכאַטענעם שלאָפראָק.

דערזעענדיק די גרויסע שיסל, וואָס איז געווען אָנגעפילט מיט אַ רויטער פליסיקייט, איז דאָס קיילעכדיקע פּאָנס־רויטע פּנים פון דער דאָקטאָרין מיט די פּאַפּילאָטקעס אַרום — בלאַס געוואָרן.

הגר, וועלכע האָט שוין באַוויזן אַרומצוואַשן דעם קראַנקן, איז איצט געווען פאַרנומען מיטן איבערציען אַ פרישן ציכל אויף דעם פאַרבלוטיקטן קישן.

דאָס אַלטע פריילן איז געווען שרעקלעך דערשלאָגן.

—וואָס פאַר אַ שרעקלעך אומגליק, מיין טייערע! אונדזער אָרעם יינגל! עס איז, אפּנים, שוין אָנגעשריבן אין די הימלען, אַז קיין אומגליק זאָל אונדז נישט מיידן.

לויט הגרס פאַראָרדענונג, האָט גיטעלע אַרויסגעפירט פון צימער דעם אַלטן פלוידערזאַק.

פאַרטאָג האָט זיך דער פריער־איינגעשטילטער בלוטשטורץ ווידער איבערגעחזרט, און די דאָקטאָרין האָט געוואָרנט הגרן, אַז אַ ליאַדע מינוט קאָן מען דערוואַרטן דעם סוף.

—עס איז גאַלאָפּירנדיקע שווינדזוכט. אָבער איך האָב נאָך נישט געהאַט ביזאַהער אַזאַ פאַל, אַז די קרענק זאָל זיך אַזוי

שנעל ענטוויקלען. אמת, אייער מאַן איז געווען שטאַרק איבער-געמאַטערט. איך האָב געזען, אַז זיינע לונגען זענען נישט אין אָרדענונג און האָב אים עטלעכע מאָל געוואָרנט. דאָס האָט אָבער גאָרנישט געהאָלפן. איבעריקנס, די אַלע קלאָגערייען וועלן איצט צו גאָרנישט ברענגען. מיר טוען אַלץ, וואָס ס'איז מעגלעך, כדי אים צו ראַטעווען.

הגר האָט שטיל געפרעגט:

—צי וועט זיך דאָס אייך איינגעבן?

אידע האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ.

—איך האָף, אַז דאָס וועט מעגלעך זיין, אויב דער בלוט-שטורץ וועט זיך מער נישט איבערחזרן.

דער בלוטשטורץ האָט זיך נישט איבערגעחזרט.

אין אָוונט האָט אידע געגעבן אַ ביסל האָפענונג.

—עס ווערט אַ ביסל בעסער, אָבער פרייען זיך צופרי דאַרף מען נישט.

אידע האָט זיך געווענדט צו הגרן:

—כ'בעט אייך, גייט אַ ביסל אָפּרוען.

—איך וועל נאָך בלייבן דאָ די נאַכט,—האָט הגר געענט-פערט.

אויף צומאָרגנס, אַרום דריי בייטאָג, איז פריילן ווייל אַריין אין ביורא, ווו הגר האָט געאַרבעט.

דאָס אַלטע פריילן האָט זיך אָנגערופן:

—ער האָט זיך אויפגעכאַפּט און וויל מיט דיר רעדן.

ווען הגר איז צוגעגאַנגען צום בעט פון קראַנקן, האָט איר אידע איינגערוימט אין אויער:

—מען דאַרף אים נישט פייניקן מיט רייד.

דער קאָפּ פון קראַנקן איז געווען אָנגעשפּאַרט אויף קישנס: ווען הגר האָט געזען זיין בלאַס פּנים, האָבן זיך אירע אויגן אָנ-געפילט מיט טרערן.

יצחק ד׳האָט אָנגעהייבן רעדן און הגר, אָנגעבויגן איבער איבם, האָט אויפמערקזאַם זיך צוגעהערט צו דער שטימע, וואָס האָט געמאַכט איצט דעם איינדרוק פון אַ שטילן, שוואַכן אָטעם.

כוכבא האָט אַרויסגעשעפּטשעט:

—היינט איז פרייטיק?

הגר האָט נאָכגעזאָגט:

—פרייטיק.

—די שיף גייט אָפּ מאָרגן אין אָוונט, און דער באַראָן וואַרט אויף מיר...

זי האָט געוואָלט פּראָטעסטירן מיט אַ באַוועגונג, אָבער יצחק האָט איר אָפּגעהאַלטן.

— איך ווייס, איך ווייס, — האָט ער ווייטער געשעפּטשעט,—איך קאָן איצט נישט פאָרן, און דער באַראָן וואַרט דערווייל...

הגר האָט זיך אָפּגערופן:

—לאָמיר טעלעגראַפירן. דער באַראָן וועט פאַרשטיין. אין אַ צוויי-דריי וואָכן, אין אַ חודש אַרום, דו וועסט ווערן געזינטער, וועסטו...

ער האָט אַ ריר געטון מיטן קאָפּ.

—ס׳איז אמת. עס איז נישטאָ קיין בעסערער מענטש פון באַראָן, אָבער מיר זענען דאָך זיינע בעלי-חובות. קוים האָט ער פון אונדז געפאָדערט געוויסע דערקלערונגען, מוזן מיר זיי אים צושטעלן צום באַשטימטן טערמין... איך פיל, אַז אין אַ חודש אַרום וועל איך אויך נישט זיין אומשטאַנד אונטערצונעמען אַ נסיעה קיין פאַריז. דער באַראָן האָט אונדז אַרויסגעוויזן אַזויפיל צוטרוי, לאָמיר דעם צוטרוי באַרעכטיקן. לאָמיר זיין קעגן אים אין אָרדענונג.

—וואָס זשע קאָנען מיר טון?

—עמעצער פון דער קאָלאָניע מוז פאָרן קיין פאַריז.

הגר האָט נאָכגעזאָגט:

— עמעצער פון דער קאָלאָניע.

זי האָט פאַרשטאַנען, צו וואָס איר מאַן ד'האָט זי גערופן צו זיך.

—אפשר פריילן וויל?

—ניין.

—פאַרוואָס נישט?

יצחק האָט זיך נאָכאַמאָל אָנגעשטרענגט. ער האָט זיך אַ ביסל אונטערגעהייבן פון זיין געלעגער.

— איך קאָן קיין סך נישט רעדן. איך מוז איבערלאָזן אַ ביסל כוחות אויף די בייטיקערע ענינים—צופיל אויפקלערן די זאַך איז מיר שווער. קיינער האָט נישט אַזויפיל אַכטונג פאַר פ־יילן וויל, וויפל איך, אָבער איך האַלט, אַז ביים באַראָן קאָן זי אונדזער זאַך נאָר קאַליע מאַכן.

—ווער זשע זאָל פאָרן?

כוכבא האָט לייכט אַ שמייכל געטון און מיט אַ האַנטבאַ־וועגונג אָנגעוויזן אויף הגרן.

הגר איז איבערראַשט געוואָרן.

—איך? איך זאָל פאָרן קיין פאַריז! איך וואָלט מיך קיינ־מאָל נישט דערלויבט צו רעדן מיטן באַראָן! איך בין עס נישט אימשטאַנד!

יצחק האָט זיך אָפּגערופן מיט אַ זיסער שטים:

—דאָ איז נישטאָ קיין בעסערער פון דיר.

עס האָט געמאַכט דעם איינדרוק, אַז די מורא פאַרן טויט האָט אויסגעפילט אינגאַנצן כוכבאס געמיט. ער האָט זיך מער קיין שום אילוזיעס נישט געמאַכט.

גאַנצע פינף מינוט האָט ער מיט אַ שוואַכער שטים גערעדט צו הגרן וועגן די פּליכטן, וואָס ער האָט צו דער־פילן.

הגר האָט אים אויסגעהערט, שטייענדיק. זי איז געשטאַנען אַן אויסגעגלייכטע, אַ בלאַסע. ער האָט איר דערקלערט, אַז דאָס פאָדערט דער „גורל." זי, און נישט קיין אַנדערע, מוז פאָרן קיין פאַריז.

זיינע רייד האָט כּוכבא פאַרענדיקט מיט אַ שמערצלעכן שמייכל.

— עס איז דאָס ערשטע מאָל, אַז איך פאָדער פון דיר עפּעס אַזוי שטאַרק. איך מוז עס טון, ווייל דאָ האַנדלט זיך וועגן די אינטערעסן פון אונדזערע ברידער. דאָס גיט מיר צו מער כּוחות. ווען עס וואָלט זיך געהאַנדלט וועגן מיין אייגענער זאַך, וואָלט איך עס נישט געקאָנט. דו קענסט גוט די געשיכטע פון אונדזער פאָלק. דו ווייסט דאָך: אונדזערע ווייבער מוזן אויסקויפן די זינד פון דער מאַמע חוה.

הגר איז געשטאַנען פאַר אים אַן איבערגעשראָקענע.

זי האָט אויסגעהערט זיינע רייד און פאַר אירע אויגן האָבן זיך געטראָגן די אָרעמע, אַזויגערופענע אַקטועלע בילדלעך, וואָס זי האָט אַמאָל געזען אין קינעמאַטאגראַף.

—פּאַריז!

דאָס מעכטיקע וואָרט האָט איר געקלונגען אין די אויערן. אין פּאַריז דאַרף מען זוכן הילף פאַר „באר-יעקב!"

כּוכבאס בליק האָט אויף קיין איין מינוט נישט פאַרלאָזן הגרס געזיכט, און אַזוי־פיל איז אין זיין בליק געווען ליבטיקייט, אַז הגר האָט, נישט ווילנדיק, אויפגעשווידערט.

פאַלנדיק אויף די קני פאַרן בעט, האָט זי געקושט כּוכבאס קליינע, ווייסע, בלוטלאָזע האַנט.

דער דאַמפער האָט געדאַרפט אָפּגיין זעקס אין אָוונט. הגר האָט זיך אַזוי איינגעאָרדנט, אַז זי זאָל דאַרפן וואָס ווייניקער צייט פאַרברענגען אין חיפה. איר געזיכט איז געווען איינגעהילט אין אַ געדיכטן וואַל—הגר האָט זיך דאָ מיט קיינעם נישט געוואָלט באַגעגענען.

גיטעלע האָט זי באַגלייט צום פּאָרט.

די שיפן אין חיפה שטעלן זיך אָפּ ווייט פון ברעג. אַ פינסטערניש האָט איינגעהילט דעם פּאָרט, ווען דאָס שלעפּשיפעל,

וואָס האָט געזאָלט צופירן די יונגע דאַמע צום דאַמפּער, האָט זיך אָוועקגעשטעלט ביים ברעג.

הגר האָט זיך צעקוקט מיט גיטעלען.

דאָס מיידל האָט געזיפצט.

—הגר, הגר, איך פיל, אַז דו וועסט זיך מער אָהער שוין קיינמאָל נישט אומקערן.

הגר האָט אויפגעשווידערט.

איר שטים האָט געקלונגען טרוקן.

—פאַר וועמען האָלסטו מיך ?

זי האָט אין דער אייגענער מינוט דערשפּירט, ווי אַ מין חרטה : פאַרוואָס האָט זי גערעדט אַזוי טרוקן ? — און זי האָט גענומען טרייסטן גיטעלען, וואָס איז פאַקטיש געווען דערשלאָגן פון צער און אומעט.

מיט דעם אייגענעם דאַמפּער האָבן פאַרלאָזן פּאַלעסטינע אַן ערך דרייסיק יידישע קאָלאָניסטן.

הגר האָט נאָכגעקוקט די מעלאַנכאָלישע סילועטן, וועלכע זענען אַזוי ווי פאַרשלונגען געוואָרן אין דער פינסטערניש, און זי האָט ביי זיך באַשלאָסן:

זי וועט טון אַלץ, וואָס זי וועט נאָר קאָנען, צו ראַטעווען „באַר-יעקב” פון דער סכנה פון אונטערגאַנג.

די באַליכטענע שטאָט האָט שוין געבאָדן אירע פייערלעך אין די שוואַרצע כוואַליעס. אָנגעשפּאַרט אָן באַריער פון דאַמפּער, האָט הגר מיט אַ מאָדנעם ציטער אין לייב דערקענט די ווייטע ערטער, וווּ עס זענען געווען מער פייערלעך, איידער אין די איבעריקע גאַסן און געסלעך פון דער שטאָט.

עס איז קענטיק געווען, אַז אין משך פון די אַכט חדשים האָט דער קאַבאַרעט פון ה׳ דיוויזיא געמאַכט נישט קיין שלעכטע געשעפטן...

אַ פייף פון דער סירענע, דער דאַמפּער האָט זיך לייכט געריררט פון אָרט.

דערביי, הינטערן כרמל, האָט אַ ווינט, וואָס האָט זיך גע-טראָגן פון ים, צעפּלאַטערט די אויסגעשפּרייטע לייוונטן איבערן דעק פון דאַמפּער, און הגר, אָנגעבויגן איבערן שוואַרצן שפּיגל פון וואַסער, האָט צום לעצטן מאָל געוואָלט נאָך אָנקוקן די בערג פון ארץ-ישראל, וועלכע זענען פאַרשלונגען געוואָרן פון דער נאַכט

צװײטער טײל

X

אין אַ רעגנדיקן פרימאָרגן איז הגר געקומען צו פאָרן אין פאַריז.

פון פאַרטאָג אָן איז זי געשטאַנען ביים פענסטער פון וואַגאָן און האָט זיך באַמיט דורכצודרינגען מיטן בליק די אָפּגעריסענע בילדלעך פון וועג: די פון רעגן פאַרגאָסענע טייכלעך, די קליינע באַנסטאַציעס, די שוואַרצע וועלדער, איבער וועלכע עס האָט זיך נאָר וואָס באַוויזן די רויטפייערדיקע קויל פון דער זון, כדי באַלד ווידער צו פאַרשווינדן אין דעם ברוינעם נעפל.

איצט איז זי אין פאַריז.

זי האָט גענומען אַ דראָשקע און זיך געהייסן אָפּפירן לויטן אדרעס, וואָס פריילן ווייל האָט איר מיטגעגעבן.

עס האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, אַז דער פענסיאָנאַט, וואָס האָט זיך דאָרט געפונען, עקזיסטירט שוין לאַנג נישט. איצט איז אין דעם הויז געווען אַ באַנק.

צום גליק, האָט זי זיך דערמאָנט דעם נאָמען פון אַ האָטעל, ווו זי פלעגט אַמאָל אַדרעסירן בריוו צו אירער אַ חברטע פון קאַבאַרעט.

„סעלעקט־האָטעל," סאָרבאָנע־פלאַץ.

די נסיעה האָט געדויערט גאַנץ קורץ.

הגר האָט זיך געוואונדערט: צווישן די ביידע פונקטן איז געווען אַזאַ קליינע שטרעקע.

באַקומען אַ צימער אין האָטעל, האָט הגר זיך גענומען צום טעלעפאָן-בוך. זי האָט נישט געקאָנט פאַרשטיין: אַזויפיל ראָ-טשילדס זענען פאַראַן אין פּאַריז!

ענדלעך האָט זי געפונען די ציפערן פון דעם ריכטיקן טע-לעפאָנישן אַדרעס, אָבער דאָ האָט זיך אונטערגערוקט אַ נייע שוועריקייט: וועלכן נומער קלייבט מען אויס? אַ טעלעפאָן אין דער פריוואַטער וווינונג, אַ טעלעפאָן אין ביוראָ, אַ טעלעפאָן אין סעקרעטאַריאַט. צי וועמען זאָל זי דאָ קלינגען?

הגר האָט זיך אַוועקגעזעצט און אָנגעשריבן אויפן אַדרעס פון באַראָן אַ קליין בריוועלע: זי האָט געמאָלדן וועגן איר קומען און געבעטן, דער באַראָן זאָל איר באַשטימען אַן אוי-דיענץ.

הגר איז אַרויס אין גאַס. עס איז געווען קאַלט. איר מאַנטל איז געווען פאַר דעם וועטער צו לייכט. קויפן זיך אַ וואַרעמען מאַנטל?

איר געוויסן האָט זיך אַ ביסל אַנטקעגנגעשטעלט, אָבער לסוף האָט זי זיך אַנטשלאָסן. זי האָט זיך געקויפט אַ פּאַלטאָ און איז אַוועק עסן פרישטיק.

עס איז שוין געווען פאַרנאַכט, ווען די הגר האָט ענד-לעך אָפּגעזוכט דעם באַראָנס פּאַלאַץ אין דער פאָרשטאָט סט. האָנאָרע.

זי האָט דערלאַנגט איר בריוועלע דעם פּאָרטיע אין דער גאָלדבלישצעדיקער אוניפאָרם און האָט זיך דערביי געפילט פונקט אַזוי נישט דרייסט, ווי אַמאָל, ווען זי איז געשטאַנען פאַרן פּאָר-טיע פון „פּאַלאַס-האָטעל“ אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל.

הגר האָט מורא געהאַט. זי האָט זיך געפילט נישט צוגע-גרייט גענוג אויף צו קאָנען שוין אויפן אָרט זיך שטעלן פאַרן

באַראָן. וואָס וועט זי טון, ווען דער מענטש אין דעם גאָלדענעם מונדיר וועט באַלד זי נעמען און אַריינפירן צו אים?

זי איז אַוועק פון פלאַץ און האָט זיך באַהאַלטן אין שאָטן.

די העל-באַלויכטענע, רוישיקע גאַסן האָבן זי צעטומלט. זי האָט זיך נישט אָריענטירט אין דער ריכטונג, און איז אַוועק אין אַ קווער-גאַס לינקס. ווען זי איז אָפּגעגאַנגען אַ פערטל שעה, האָט זי זיך געפונען אויף אַ פלאַץ, וואָס האָט אויסגעזען אין אירע אויגן ריזיק-גרויס.

די ברייטע אַלייע מיט די צווײ רייען עלעקטרישע לאָמפּן פון ביידע זייטן, האָט זי געוואַלטיק איבעראַשט. אַנטקעגן האָבן זיך אין פליאָט-שאָטן געהייבן אײנע איבער די אַנדערע שורות זיילן פון עפּעס אַ ריזיקער געביידע.

דער פּאָליציאַנט האָט דערקלערט הגרן מיט אַ שמייכל:

—דאָס איז די געביידע פון דער ,אָפּערע.

אינגאַנצן איינזאַם אין דעם ים פון גלאַנץ, ליכט און גע-גערויש, דהאָט הגר אַליין נישט געוווסט, וואָס מיט איר טוט זיך: צי איז זי איבעראַשט פון אַנטציקונג, צי איז זי דער-שראָקן.

דאָ דערביי, לעבן איר, האָט אַ פּיסק פון אַן אונטערער-דישער באַן אַרויסגעוואָרפן פון זיך און באַלד צוריק איינגעשלונ-גען ביײע מאַסן מענער און פרויען.

דאָס אַלץ איז מיט אַ ווילדן אימפּעט געלאָפן און פאַר-שוווּנדן געוואָרן.

געשטויסן, געשטורכעט פון אַלע זייטן, האָט הגר גע-פילט, אַז זי קאָן דאָ נישט בלייבן שטיין — זי איז אַוועק ווײ-טער.

געגאַנגען איז זי איצט אויף אַ ברייטער גאַס מיט ליכט-באַגאָסענע טראָטואַרן.

פלוצלונג האָט זיך פון אַ טויער, באַלד לעבן איר, אַ שיט אַרויס געטון אַ גאַנצע מחנה טומלדיקע מיידלעך—זיי זענען אַרויס פון די וואַרשטאַטן. לינקס פון טויער האָט הגר אויף אַ באַשיי-

דענעם מאַרמאָרטאָוול איבערגעלייענט אַ נאָמען, וואָס האָט געמאַכט אויף איר אַ שטאַרקן איינדרוק. זי האָט זיך געפונען אויף דער גאַס „דע לאַ פיי!‟ צי איז עס אָבער מעגלעך, אַז דאָס זאָל טאַקע זיין יענער באַרימטער שניידער, וואָס זי האָט זיך אַמאָל אַנטציקט מיט זיינע קליידער, ווען זי איז נאָך געווען אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל? דער נאָמען זאָל זיין דאָ, פאַר אירע אויגן, אויפגעשריבן מיט אַזעלכע קליינע אותיות אויף אַ קליינעם מאַרמאָרטאָוול?

הגר האָט אין דער מינוט פאַרשטאַנען פאַריז—פאַרשטאַנען אויף אייביק.

זי האָט זיך אָפּגעשטעלט פאַרן פענסטער פון אַ יובילער־מאַגאַזין. די באַרימטע פירמע, פון וועלכער זי האָט אַזויפיל געהערט, האָט זי אויך שטאַרק צעטרייסלט. אירע אויגן, וואָס האָבן געגלאַנצט פון אַנטציקונג, האָבן פשוט געשלונגען די אוצרות פון דער אויסשטעלונג.

עס איז נישט געווען דאָ קיין געשמאַקלאָז אָנגעוואָרפענע עשירות. ערטערווייז נאָר, אויף אַ שוואַרצן סאַמעט, איז געלעגן דאָ אַ רובין, דאָרט אַ שמאַראַגד, דאָ ווידער אַ האַלדזבאַנד פון ראָזע פערל...

דאָס פאַרמעגן פון אַלטן גראַף קונערסדאָרף און די פאַרדינסטן פון אָרעמען כוכבא אין משך פון אַ גאַנץ לעבן,—ביידע צוזאַמען וואָלטן קוים געקלעקט אויף צו קויפן בלויז די דריי שטיקלעך.

פאַר דער טיר פון געשעפט האָט זיך אָפּגעשטעלט עפּעס אַן אויטאָ. אַ יונגערמאַן איז אַרויסגעשפּרונגען און נאָך אים צוויי פרויען. זייערע פוטערס האָבן אַרויסגערופן אַ גייעם גלאַנץ אין הגרס אויגן. איינע פון די פרויען האָט געפירט מיט זיך אַ ווייסהאָריקן כאַרט-הונט.

אַן עלעגאַנטער סוביעקט האָט געעפנט די טיר פון מאַגאַזין און זיך טיף פאַרנויגט פאַר די געסט. די פרויען האָבן זיך דערווייל אָפּגעשטעלט אויף דער שוועל, און, שטופנדיק פאַר די אָרעמס איינע דער צווייטער, האָבן זיי מיט באַוווּנדערונג געקוקט

אויף הגרן. זיי האָבן געשמייכלט און עפּעס איבערגערעדט צווישן זיך. הגר האָט זיי שוין אָבער נישט געהערט — זי איז אַנטלאָפן.

אַ דערשראָקענע, אַ נישט זיכערע, האָט זי אויף אַלץ געקוקט מיט אַ פאַרדאַכט. איר האָט זיך געדאַכט, אַז די צוויי אומבאַקאַנטע פרויען לאַכן פון איר אָרעמער קליידונג.

פאַקטיש האָבן זיי בלויז זיך געטיילט מיט דעם אומדערוואַרטן ליבן איינדרוק, וואָס עס האָט אויף זיי געמאַכט הגרס שיינקייט.

הגר האָט זיך געפילט שלעכט. זי האָט גענומען אַן אויטאָ און זיך געהייסן אָפּפירן אין האָטעל, ווו זי איז גלייך אַריין צו זיך אין צימער.

אַרום ביין האָט מען אָנגעקלאַפּט אין טיר: דער האָטעלדינער האָט איר איבערגעגעבן אַ שטאָטישן עקספּרעס־בריוו.

הגר האָט האַסטיק געעפנט דעם קאָנווערט.

יאָ. עס איז געווען אַן ענטפער פון באַראָן. ער האָט איר געמאָלדן, אַז ער האָט איר בריוו דערהאַלטן. ער וועט זי אָנעמען מאָרגן, דעם איינאונדרייסיקסטן דעצעמבער, 11 אַ זייגער אינדערפרי.

הגר האָט פריי אָפּגעאָטעמט. זי איז געווען זייער צעפרידן דערפון, וואָס זי האָט אַזוי גיך באַקומען אַן ענטפער פון באַראָן. זי וועט קאָנען שנעל דערלעדיקן איר שליחות און פאַרלאָזן דידאָזיקע שרעקלעכע שטאָט.

זי האָט ביי זיך באַשלאָסן, אַז ווי עס זאָל נישט זיין דער ענטפער פון באַראָן, וועט זי גלייך צוועק אין רייזע־ביוראָ פון דער קוק־אַגענטור און געוויר ווערן, ווען עס גייט אָפּ דער ערשטער דאַמפּער קיין פּאַלעסטינע.

אויף צומאָרגנס, אַכט אינדערפרי, איז הגר שוין געווען אָנגעטון.

זי איז אַרויס אויפֿן סען-מישעל-בולוואַר און האָט זיך גע־לאָזן צום לוקסעמבורגער גאָרטן. פֿון דעם זעמל, וואָס זי ד־האָט געקויפֿט, האָבן אַ העלפֿט באַקומען די קליינע פֿייגעלעך און די צווייטע העלפֿט די טויבן. לעבן איר, אויף דער גאָרטנבאַנק, האָבן צוויי יונגע מיידלעך, סטודענטקעס, געגעסן פֿרישטיק און דער־ביי איבערגעקוקט די נאָטיצן פֿון די לעקציעס.

הגר האָט אָנגעקוקט איינס פֿון די ביידע מיידלעך: אַ שלאַנקע, מיט אַ רויטן קאָפּ האָר, איז זי געווען ענלעך צו גי־טעלען.

זי האָט מורא געהאַט, זי זאָל נישט פֿאַרשפּעטיקן די אוי־דיענץ, און שוין צען אַ זייגער איז זי געווען אויף דער פֿאָר־שטאָט סט. האָנאָרע.

עטלעכע מאָל האָט זי זיך דורכגעשפּאַצירט אַהין און צוריק פֿון עליזייען-פּאַלאַץ צו דער ראָיאַל-גאַס, און זיך דערביי אָפּ־געשטעלט ביי די שויפֿענסטער.

זי איז אַפֿילו אַריין אין אַ געשעפֿט און געקויפֿט אַ האַנט־בייטל פֿאַר דעם מיידל, וועגן וועלכן זי האָט געטראַכט מיט אַזאַ ליבשאַפֿט—פֿאַר גיטעלען.

פּונקט עלף איז זי אַריין אין טויער פֿון קליינעם פּאַלאַץ און האָט דערלאַנגט דעם פּאָרטיע איר בריוו.

דער פּאָרטיע האָט באַמערקט.

—דאָס איז פֿון ה׳ קאַרקאַסאָן.

—ה׳ קאַרקאַסאָן?

— יאָ. עס איז דער צווייטער סעקרעטאַר פֿון ה׳ באַראָן. איך וועל אייך אַריינפֿירן צו אים.

—וועל איך נישט זען פּערזענלעך דעם ה׳ באַראָן?

דער פּאָרטיע האָט געקוועטשט מיט די פּלייצעס: אַזעלכע פּרטים האָט ער נישט געקאָנט וויסן.

זי איז הינטערן פּאָרטיע אַדורכגעגאַנגען דעם הויף. די

שרעק איז פון איר אַוועק. זי האָט זיך געפֿילט גרייט צום קאַמף.

אַ יונגער און עלעגאַנט-געקליידטער הער האָט זי אָפּגע־וואַרט אויף דער שוועל פון אַ פּראַקטיקן קאַבינעט.

—מאַדאַם כּוכבא, יאָ?

הגר האָט לייכט אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ.

—ביטע, זיצט. איך בין רענע קאַרקאַסאָן. דאָס האָב איך צו אייך געשריבן דעם בריוו. דער ה׳ באַראָן האָט מיר איבער־בערגעגעבן אייך אַריינצופירן צו אים אין אַ פערטל שעה אַרום.

הגר האָט זיך איצט שוין געשפּירט אינגאַנצן פריי: דער באַראָן וועט זי אויפנעמען.

זי האָט מיט אַ שאַרף אויג אָנגעקוקט דעם יונגנמאַן: אַ מענטש פון אַ יאָר דרייסיק. אַ מאָגערער, אַ קליינער, מיט אַ גלאַטן קאָפּ. ער האָט געטראָגן ברילן און געהאַט קליינע, בלאָנ־דע וואָנסן.

פון דעם געזיכט האָט געאָטעמט מיט אַ סך גוטסקייט און אינגאַנצן האָט ער געמאַכט דעם איינדרוק פון אַן אויסגע־צייכנטן שילער פון פּאָליטעכניקום.

גאַנץ אומדערוואַרט פאַר אים אַליין, האָט הגרס שענקייט אים געמאַכט נישט דרייסט. הגר האָט עס דערשפּירט. זי האָט אויסגענוצט זיין נישט דרייסטקייט, און אָנגעהייבן רעדן מיט אים אין אַ היימישן טאָן.

אין פינף מינוט אַרום האָבן זיי שוין געשמועסט, ווי גוטע אַלטע באַקאַנטע.

אין דער וואַרעמער אויפנאַם האָט הגר אַרויסגעשפּירט אַ געוויסע נייגיריקייט, און דאָס איז איר געווען אַ ביסל פיינלעך. צי איז אַ מענטש פון ארץ-ישראל דאָ אין פּאַריז עפּעס אַ וווּנ־דערלעך באַשעפעניש?

קאַרקאַסאָן האָט זיך שוין איצט געשפּירט דרייסטער. ער האָט גערעדט גאַנץ היימיש.

—עס איז אונדז זייער אָנגענעם אייך דאָ צו זען. איך בין

דערפון באַזונדערס צעפרידן. ווייסט איר, פאַרוואָס?

—פאַרוואָס?

—ווייל איך פאַרנעם זיין פּאָסטן.

—וועמענס פּאָסטן?

— אייער מאַנס. דאָס פאַרטרעט איך דאָ דעם ה׳ כוכבא. דער פּאָטעל, אויף וועלכן איך זיץ—איז געווען פון אים פאַרנו־מען אין משך פון די פינף יאָר, וואָס ער האָט געאַרבעט ביים באַראָן...

הגר האָט באַטראַכט דאָס שיינע באַקוועמע צימער, די גע־שניצטע מעבל פון טייערן האָלץ, די טיפע פּאָטעלן, די ברענענ־דיקע שטיקלעך האָלץ אין קאַמין.

דאָ, הייסט עס, האָט כוכבא געלעבט און געאַרבעט, און אָט דעם גאַנצן וווילטיק האָט ער פאַרלאָזן, כדי צו פירן אַ לעבן פון אַ פאַרשיקטן דאָרט אין דער ווייטער, ווילדער יודעא.

פאַר איר איז איצט קלאָר געוואָרן, אויף וויפל זי האָט ביז־אהער נישט אָפּגעשאַצט די נשמה און די גרויסמוטיקייט פון איר יצחקן.

צי האָט זי אים געגעבן דאָס גליק, וואָס ער האָט אַזוי ערלעך פאַרדינט?

קאַרקאַסאָן האָט ווייטער געצויגן דעם שמועס:

—מיר געדענקן אים דאָ אַלע. דער באַראָן האָט אים שטענ־דיק געליובט. ווען איר וואָלט וויסן, ווי דער באַראָן איז געווען בערירט פון דער ידיעה וועגן זיין קראַנקהייט! עס איז דאָך נישט קיין ערנסטע קרענק?

ער האָט גערעדט וועגן דעם, ווי שטאַרק דער באַראָן איז אינ־טערעסירט זיך מיטן גורל פון די קאָלאָניסטן פון „באר-יעקב." די אַרבעט פון יצחק כוכבא איז דאָ אין פּאַלאַץ שטענדיק, ווי געהעריק, אָפּגעשאַצט געוואָרן.

הגר האָט אָבער געפילט, אַז הינטער די אַלע קאָמפּלי־מענטן באַהאַלט זיך פּשוט אַ טיפע סימפּאַטיע פאַר דער פּערזאָן פון איר מאַן, צו זיינע אידעאַלן און צו זיין טעטיקייט האָט מען

זיך אָבער דאָ באַצויגן מיט אַ געוויסער צוריקגעהאַלטנקייט.
הגר האָט געוואָלט דעם פּונקט גענויער אויספאָרשן.
—די ערשטע דריי יאָר האָבן נישט געקאָנט ברענגען דער קאָלאָניע קיין הכנסות. דאָס יאָר אָבער האָבן מיר געהאַט אַ רייכע זאַמלונג פון טרויבן. ווען נישט דער טרויעריקער פאַל, וועגן וועלכן מיר האָבן געמאָלדן...
—אַזוי? אמת? דאָס איז דאָך אויסגעצייכנט.
עס איז קענטיק געווען, אַז די ווערטער זענען געזאָגט געוואָרן נאָר פון העפלעכקייט וועגן.
קאַרקאַסאָן האָט גערעדט שטיל:
—איך האָב נישט קיין רעכט אייך פאָרויס איבערצוגעבן, וואָס דער באַראָן וועט אייך זאָגן. אַלעמפאַלס קאָנט איר זיין רויק. איך האָב מיט אים עטלעכע מאָל גערעדט וועגן דער זאַך. ער וועט אייך זיכער שטיצן. װאַרשיינלעך, וועט ער מיט אייך רעדן וועגן דער ספּעציעלער אָרגאַניזאַציע פון אייער קאָלאָניע. דידאָזיקע אָרגאַניזאַציע מוז ברענגען שאָדן. איך זאָג עס אייך דערפאַר, ווייל איך קען גוט די לאַגע. איך פיר אָן מיט דער אַקציע לטובת אונדזערע קאָלאָניעס אין פּאַלעסטינע...
ער האָט מיטאַמאָל איבערגעריסן.
אין ווינקל פון קאַבינעט האָט זיך דערהערט אַ קלונג פון אַן עלעקטריש גלעקל.
קאַרקאַסאָן האָט שטיל אַרויסגערעדט:
—דאָס איז דער באַראָן.
ביידע האָבן זיך אויפגעשטעלט.
הגר איז נאָכגעגאַנגען נאָכן סעקרעטאַר. ער האָט אָנגעבויגן די פאָרטיערן און געעפנט די טיר.
אין דער טיף פון אַ גרויסן, טונקעלן זאַל האָט הגר געזען אַ שרייבטיש, ביי וועלכן עס איז געזעסן אַן אַלטער מאַן. דאָס ליכט פון אַן עלעקטרישן לאָמפּ, וואָס האָט געהאַלטן אין שאָטן כמעט דאָס גאַנצע צימער, האָט געגלאַנצט בלויז אויף זיין וואַקסענעם שטערן און שניי-ווייסער באָרד.

אויטאָמאַטיש און גלײַכצײַטיק אינגאַנצן אָנגעשטרענגט איז הגר צוגעגאַנגען צום טיש.
זי איז געווען אַזוי דורכגענומען מיט דער ערנסטקייט פון דעם מאָמענט, אַז זי האָט געהערט אירע אייגענע טריט.

אין אַ האַלבע שעה אַרום איז הגר, מיט אַ שטראַלנדיק פּנים, געזעסן אין קאַרקאַסאָנס קאַבינעט.
דער סעקרעטאַר איז געווען גערירט פון איר פרייד.
— צי האָב איך אײַך נישט געזאָגט פריער, אַז עס וועט אַזוי זיין. איך האָב אײַך געזאָגט: דאָס איז אַן אויסערגעוויינלע־כער מענטש!
— אַן אויסערגעוויינלעכער, אמת. ווען איר וואָלט וויסן, ווי ער האָט זיך אַרויסגעדריקט וועגן יצחקן, וועגן אונדז אַלע־מען. איך האָב געהאַט דעם אײַנדרוק, אַז ער האָט געלעבט מיט אונדז אין „באר-יעקב“. ער ווייסט וועגן אַלע אונדזערע אָנ־שטרענגונגען, וועגן אַלע אונדזערע צרות. איך האָב אַליין נישט געגלויבט, אַז איך וועל קאָנען מיט אים אַזוי רעדן, אַז איך וועל אים קאָנען אַזוי אַלץ אויסדערציילן, ווי איך האָב אים דערציילט.
— וועגן וואָס האָט איר מיט אים גערעדט?
— וועגן אַלץ, און דאָס אַזוי פריי. מיר האָט זיך גע־דאַכט, אַז איך רעד מיט איינעם פון אונדזערע קאָלאָניסטן. איך האָב פון אים גאָרנישט באַהאַלטן. איך האָב אים געזאָגט, אַז נאָר די אַרבעט אין דעם לאַנד פון אונדזערע אָבות איז די איינציקע ריכטיקע, אַז נאָר אָט די אַרבעט קען זיין אַ ממשות־דיקע.
קאַרקאַסאָן איז געווען אַנטציקט און פאַרוואונדערט.
—איר האָט געהאַט דעם מוט אויף דאָס אים צו זאָגן? און וואָס האָט דער באַראָן אויף דעם געענטפערט?
—הגר האָט געשמייכלט צו זיך אַליין.

—ער האָט געשמייכלט און געזאָגט: „הלוואי זאָל גאָט אויס־הערן אייערע פאַרלאַנגען, הלוואי זאָלן די יידן אין ארץ־ישראל לעבן אין אַזאַ ווילטיק, אַז זיי זאָלן זיך קאָנען בייטן מיט די ראָלן און אַליין צוהילף קומען זייערע ברידער אין גלות.

קאַרקאַסאָן האָט געשמייכלט.

— איך האָף, אַז דער טאָג פון משיחן איז שוין נישט ווייט...

—איך מוז אייך בעטן וועגן נאָך אַ טובה פאַר אונדז. דער באַראָן האָט מיר צוגעזאָגט באַלד אַרויסצושיקן די צווייטע העלפט פון דער סומע, וואָס ער האָט אונדז באַשטימט. חוצדעם, גיט ער צו פון זיין אייגענער האַנט פינפאונצוואַנציק טויזנט פראַנק. צי וואָלט איר נישט געווען אַזוי פריינטלעך צו מעלדן כּוכבאַן טע־לעגראַפיש, אַז ער קאָן דיספּאָנירן מיט אַ סומע פון פינפאונזי־בעציק טויזנט פראַנק?

—ביטע זייער, היינט ווערט עס דערלעדיקט.

הגר האָט פריי אָפּגעאָטעמט.

—מיין מיסיע איז געענדיקט.

זי האָט זיך מיט אים געזעגנט.

איצט, ווען עס האָבן זיך געענדיקט די מינוטן פון אויפ־רעגונג און ענטוזיאַסטישער פרייד, האָט הגר זיך צוריק אומגע־קערט צו איר געוויינלעכער קילער רויקייט.

דעם באַראָנס סעקרעטאַר איז געווען אַ ביסל גערירט.

—צי ווען מיר זיך שוין מער נישט זען?

הגר האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ.

איך האָב בדעה אַוועקצופאָרן מיטן ערשטער דאַמפער, וואָס וועט אָפּגיין. יאָ, צי וואָלט איר מיר נישט געקאָנט אָנווייזן, ווו עס געפינט זיך דאָ אַ ביוראָ פון דער קוק־אַגענטור? איך מוז זיך דערוויסן, ווען עס גייט אָפּ אַ שיף.

קאַרקאַסאָן האָט איר אָנגעוויזן דעם אַדרעס פון אַזאַ ביוראָ אויף דער מאַגדלען־גאַס.

ווען הגר איז געשטאַנען פאַרן פענסטערל אין רייזע־ביוראָ, האָט זי זיך דערוווסט, אַז דער באַאַמטער, וואָס דערלעדיקט די

פאסאזשירן פון די מזרח-לענדער, איז אוועק עסן פרישטיק.

אַ צווייטער באַאמטער האָט איר דערקלערט:

— איר מוזט אַריינקומען נאָכאַמאָל אין אַ צוויי שעה אַרום. דאַן וועט איר אים זיכער טרעפן.

הגר, וועלכע האָט שוין געהאַט אַזוי מזלדיק דערלעדיקט אירע ענינים, האָט זיך דערמאָנט, אַז זי האָט נאָך נישט געגעסן.

זי איז אַריין אין רעסטאָראַן דיוואַל און געפרישטיקט מיט גרויס אַפּעטיט. זי האָט געקויפט עטלעכע צייטונגען, ווייל זי האָט גערעכנט, אַז דאָרט וועט זי געפינען עפּעס נייס פון ארץ-ישראל.

זי האָט אָבער דאָרט גאָרנישט געפונען, אַזוי ווי דער גאַנצער ענין וואָלט קיינעם אויף דער וועלט גאָרנישט אינטע-רעסירט.

מיט צוויי שעה שפּעטער איז זי ווידער געווען אין ביורא און האָט באַקומען אַלע נייטיקע אינפאָרמאַציעס. דער נענטסטער דאַמפער קיין חיפה גייט אָפּ דעם פינפטן יאַנואַר, דאָס הייסט אין זעקס טעג אַרום.

זי וואָלט געוואָלט פאָרן פריער—פּאַריז האָט פּשוט אָנגע-וואָרפן אויף איר אַ מורא.

זי האָט אפילו געקלערט אַוועקצופאָרן דעם אייגענעם אָוונט קיין מאַרסעל און דאָרט וואַרטן אויפן דאַמפער. אַ קלענערע שטאָט—דאָס לעבן איז רויקער און די אויסגאַבן זענען קלענער.

פאַרנומען מיט די געדאַנקען, האָט הגר פאַרלאָזן דאָס ביורא און זיך פאַרקירעוועט אויף דער ראָיאַל-גאַס.

פונקט קעגנאיבער איז געשטאַנען אַ קיאָסק מיט אַפישען: טעאַטער-פּלאַקאַטן און גרויסע רעקלאַמעס וועגן סילוועסטער-פאַר-ווייַלונגען.

טראַכטנדיק וועגן דער רייזע, וואָס איר שטייט פאָר, וועגן איר צוג און איר דאַמפּער, האָט הגר, נישט ווילנדיק, געלאָזט וואַנדערן איר בליק איבער די אַפּישן.

פּלוצלונג איז זי געבליבן שטיין אַ פאַרגאַפטע. זי ד'האָט נישט געהערט מער דעם גערויש פון גאַס. די דורכגייער, וואָס האָבן זיך פאַרבייגעשאַרט לעבן איר, האָבן איר אויסגעזען, ווי שוואַכע שאָטנס. זי האָט געלייענט אויף איינעם פון די פּלאַקאַטן, געדרוקט מיט אַרשיניקע אותיות:

רענע אַוורי.

זי איז צוגעגאַנגען נאָענט צום קיאָסק און האָט איבערגע־לייענט דעם גאַנצן אַפיש. זי האָט אַליין נישט פאַרשטאַנען, פאַר־וואָס זי איז אַזוי דורכגענומען געוואָרן פון דעם פאַל.

רענע אַוורי האָט געזונגען אין „אָלימפּיאַ.” די אַפּישן האָבן אָנגעזאָגט, אַז צוליב די יום־טובים וועלן אין משך פון דער גאַנצער וואָך פאָרקומען אויך נאָכמיטאָג־פאָרשטעלונגען.

דער פּאָליציאַנט, וועלכן זי האָט געפרעגט, האָט איר אָנ־געוויזן, אַז דאָס טעאַטער „אָלימפּיאַ” געפינט זיך דאָ נאָענט אַנט־קעגן.

אַ מאָדנע געפערלעכע שטאָט! סך־הכל צען מינוט גאַנג טיילט אָפּ דעם באַראָן עדמונד ראָטשילדס פּאַלאַץ פון דער „אָלימפּיאַ!”

ווען אוורי וואָלט אַרויסגעטרעטן אין „פּאָליע בערזשער,” אָדער אין אַן אַנדער טעאַטער, וואָלט ביי הגרן זיכער געווען אַ קלער, צי זי זאָל אַהין גיין, שוין דערפאַר אַליין, ווייל זי וואָלט געמוזט גיין ווייט אָפּזוכן דאָס טעאַטער.

דאָ אָבער — איבערגיין אויף דער צווייטער זייט בול־וואַר!...

הגר איז מיטאַמאָל שטאַרק באַהערשט געוואָרן פון אַ גאַנ־צער ריי ערינערונגען און פאַרשידענע שפּירונגען. רענע אַוורי!

זי האָט זיך דערמאָנט, ווי יענע האָט אויסגעזען מיט איר שלאַנקן קערפּערל און צעשויבערטע בלאָנדע האָר. זי האָט זיך דערמאָנט, ווי הילפלאָז־דערשראָקן איר אָרעמע חברטע האָט אויסגעזען, ווען זי איז פאַרהאַלטן געוואָרן פון דער זיטן-פּאָליציי אין ביירוט, און ווי איר, הגרן, איז דעמאָלט געלונגען זי אַרויסצורייסן פון זייערע נעגל.

הגר האָט געזען אין זכרון יענע שרעקלעכע נאַרע, אין וועלכער זי האָט געפונען אַמאָל ביינאַכט דער ליבער רענע — אויף אַ האַרטן טאַפּטשאַן, שיכור, פאַרטויבט פון קאָקאַאין. כדי צו היילן דער קראַנקער, כדי צו שטעלן זי אויף די פיס, האָט הגר דעמאָלט פאַרקויפט אירע צוויי קליידער...

און שפּעטער — דאָס קליינע שוועלבל, אַ געזונטע, אַ פרישע איז אַוועקגעפלויגן פון דער נעסט.

איצט שטייט דער נאָמען רענע אוורי געדרוקט לעבן די נעמען פון די גרעסטע פּאַריזער באַרימטהייטן.

הגר האָט געפילט, אַז דידאָזיקע נעמען פלאַנטערן זיך עפּעס אין אַ מאָדנעם טאַנץ ביי איר אין מוח און פאַרטונקלען דאָרט אינגאַנצן די נעמען פון פריילן וויל, פון באַראָן, פון — רענע! אָבער אפשר איז עס גאָרנישט זי?

זי מוז עס יעדנפאַלס געוואָר ווערן.

הגר איז מיט פלינקע טריט אַריבער אויף יענער זייט גאַס און איז געשטאַנען ביי דער קאַסע פון „אָלימפּיאַ.“

זי האָט געקויפט דעם ביליקסטן בילעט — אַ פּלאַץ צום שטיין.

איידער זי איז אַריבער די שוועל פון זאַל, האָט איר אַ קלאַפּ געטון אין דער נאָז דער אייגנאַרטיקער ריח פון די טעאַטער-זאַלן, וואָס איז איר געווען אַזוי גוט באַקאַנט: אַ געמיש פון פייכטקייט, שטויב און פאַרדומפּנקייט.

די פאָרשטעלונג האָט זיך שוין געהאַט אָנגעהייבן.

הגר האָט נישט קיין סך פאַרשטאַנען פון דעם, וואָס פאַרשידענע אַקטיאָרן האָבן דאָ געפלוידערט און זיך געחכמהט.

דאָס פּראָגראַם האָט פאַרגעזען רענעס אַרויסטריט נאָר אין

איין סצענע: אין דריטן בילד, אין צווייטן אקט.

ענדלעך האָט זיך רענע באַוויזן. אַ שטורעם פון אַפּלאָדיס־מענטן האָט זי באַגריסט—די האַרציקע אַפּלאָדיסמענטן האָבן שוין געדעדט וועגן איר גרויסן דערפאָלג.

יאָ, דאָס איז זי, די קליינע אַרטיסטין פון ביירוט און אַלעקסאַנדריע—איצט איז עס שוין זיכער.

הגר, שטאַרק גערירט, האָט אַרויסגענומען פון איר האַנט־בייטל אַ שטיקל פּאַפּיר און האָט אָנגעצייכנט עטלעכע ווער־טער.

זי האָט צוגערופן דער קאָנטראָלערקע פון די בילעטן.

— איר וועט אַזוי גוט זיין דאָס איבערגעבן מאַדאַם אוורי.

צו דעם צעטעלע איז געווען ביגעלייגט אַ צוואַנציקפראַנק־באַנקנאָט.

די פרוי האָט זיך טיף פאַרנויגט און איז אַוועק הינטער די קוליסן.

אין פינף מינוט אַרום איז זי צוריקגעקומען מיט אַ ברייט־צעגאָסענעם שמייכל אויפן פּנים.

זי איז געווען צופרידן, וואָס זי קאָן ברענגען אַ פרייליכן ענטפער דער דאַמע מיט אַזאַ „ברייטער האַנט".

אויף די טרעפּלעך, וואָס האָבן געפירט צו די קוליסן, האָט די פרוי נאָך צוגעגעבן, שוין מער היימיש:

—די מאַדאַם אוורי איז געווען שטאַרק דערפרייט און אי־בעראַשט. קענטיק, אַז זי האָט אייך זייער ליב.

ווען הגר וואָלט געהאַט כאָטש דעם מינדעסטן צווייפל וועגן דעם, ווי אַזוי רענע וועט זי אויפנעמען, וואָלט דער צווייפל צעשוווּמען געוואָרן שוין אויף דער שוועל פון דעם צי־מער.

רענע אַוורי האָט זיך איר געוואָרפן אויפן האַלדז.

—דזשעפּיקאַ! דו, דו ביזט עס! וואָס פאַר אַ גליק! ווען איך האָב געזען דיין נאָמען אויפן קאַרטל, האָב איך פשוט נישט געוואָלט גלויבן, אַז דאָס ביזטו טאַקע. איך בין קעגן

דיר אַ סך, אַ סך שולדיק — יאָ? אָבער זאָג, דערציײל, וואָס טוסטו דאָ?

הגר האָט קורץ אויפגעקלערט:

זייט אַ קורצע צייט האָט זי זיך איבערגעטראָגן קיין פּאַלעסטינע. איצט איז זי געקומען אויף געציילטע טעג קיין פּאַריז צו דערלעדיקן עטלעכע זאַכן.

—און דיין טאַנצן? דו האָסט אינגאַנצן אויפגעהערט צו טאַנצן אָדער נאָר צייטווייליק? אָבער וואָס מאַטער איך דיך מיט מיינע פראַגן. נישט איין זאַך — טויזנט זאַכן האָב איך דיך צו פרעגן. מיר וועלן האָבן אויף דעם גענוג צייט. איצט האָב איך דיך און לאָז דיך מער נישט אָפּ. שאָקל נישט מיטן קאָפּ. דאָ זאָג איך דיר אַ דעה, אַזוי ווי דו אַמאָל אין אַלעקסאַנדריע. טראָג זיך מיר אַרויס פונדאַנען. זולמאַ, זולמאַ! מאַך עס שנעלער אַ ביסל, ריר דיך—דו קריכסט, מיין טייערע זולמאַ!

בעת דאָס גאַרדעראָב־מיידל האָט איר אָנגעטון די פּאַנטאָפל, האָט רעגע אַוורי פאַרשפּיליעט אויפן האַלדז אַ קאָליע פּערל, וואָס זענען געווען אַזוי גרויס, ווי יענע, מיט וועלכע הגר האָט זיך אַזוי אנטציקט נעכטן ביים שויפענסטער אויף דער דע־לאַ־פּיי.

די זינגערין האָט באַמערקט דעם אנטציקטן בליק פון איר פריינדין און האָט זיך פאַנאַנדערגעלאַכט מיט איר זאָרגלאָז־קינדערשן געלעכטער.

— דאָס קאָמישעסטע אין דער געשיכטע איז דאָס, וואָס די פּערל, מיין טייערע, זענען טאַקע אמתע. באמת, איך פאַרשטיי אַליין נישט, ווי אַזוי איך בין ארונטערגעפאַלן אונטער אַזאַ גליקלעכן גורל. דו מוזט וויסן, אַז דאָס אַלץ איז געשען כמעט פּלוצלונג, ערשט סך הכּל נישט קיין גאַנצע צוויי יאָר. אין די ערשטע זעקס יאָר נאָך אונדזער פאַנאַנדערגיין זיך, בין איך אויסגעריסן געוואָרן. אפילו ווען איך בין שוין געווען אינגאַנצן גליקלעך, האָט מיך כּסדר דאָס געוויסן געפּייניקט, פאַרוואָס איך האָב דיך איבערגעלאָזן אַזוי אויף הפקר, — געדענקסט, דעמאָלט אין ביירוט? און אין אַלעקסאַנדריע, ווען איך האָב מיך שיער נישט

צריבערגעקליבן אויף יענער וועלט,—געזענקסטו, ווי דו האָסט אַרויסגעוואָרפן יענעם פּאַרשוין, וואָס האָט מיר געבראַכט אַ פרישע פּאָרציע קאַקאַאין ?

הגר האָט געשמייכלט פאַרטראַכט.

אויך זי איז געווען גליקלעך. ביי איר גרויסן דערפאָלג האָט דאָך רענע נישט פאַרגעסן דאַנקבאַר צו זיין.

— צום ווידערזען אין אָוונט, זולמאַ. און לאָז די טיר אַ ביסל אָפן, איידער איך קום. מען קאָן דאָ דערשטיקט ווערן פון היץ. קום, מיין נישט, אַז איך וועל דיך בעטן: דו ביזט מיינע.

זיי זענען אַרויס פון טעאַטער און האָבן זיך פאַרקירעוועט צום אויטאָ, וואָס האָט אָפּגעוואַרט דער זיגגעריין אויפן בול־וואַר.

עס איז געווען אַקוראַט אַ פּויזע. דער טעאַטער־עולם, רויכערנדיק פאַרן טעאַטער, האָט זיך געשטופּט און געשטויסן און דערביי איז פון מויל צו מויל איבערגעגאַנגען דער נאָמען: רענע אַוורי.

— מיר פאָרן. ווי געפעלט דיר מיין מאַשין? זי האָט בלויז צוועלף פערדקראַפט. אינגיכן וועט זיין אַ בעסערע. גאַסטאָן האָט מיר צוגעזאָגט —

— גאַסטאָן?

— מיין פריינט. וועסט אים זען. אַ ווויל פעסעלע. אין דער מלחמה האָט ער צוגעשטעלט פאַסקעס פאַרן מיליטער.

זיי זענען צוגעפאָרן גאַנץ שנעל.

רענע האָט זיך אָפּגערופן:

— מיר זענען אויף דער אַוועני דע מעסין. דאָ איז מיין הויז.

אַ קאַמערמיידל האָט געהאָלפן רענען אויסטון דעם פוטער און דעם הוט.

הגר האָט זיך צוגעקוקט צו דעם אַרומיקן לוקסוס אין דער וואוינונג.

זי האָט אויסגעזען, ווי אַ מענטש, וואָס כאַפּט זיך אויף פון אַ טיפן שלאָף.

רענע האָט זי נאָכאַמאָל ארומגעהאַלדזט.

— וועגן וואָס טראַכסטו, מיין טייערע?

— איך פריי מיך פאַר דיר.

— איך האָב עס געוווסט. איך האָב אַנדערש נישט גע- טראַכט. דו ביזט נישט אַזאַ, ווי אַנדערע פרויען. באַרעדערינס, נישט פאַרגינערינס—פע! איך שטעל מיך פאָר, ווי זייערע נעזער וועלן זיך אויסציען, ווען זיי וועלן דיך דערזען. איך האָב עס דיר נאָך נישט געזאָגט: דו ביזט דאָך אַ שיינהייט, אַ סך שע- נער, ווי דו ביזט געווען אַמאָל. איך, ווי דו קוקסט מיך אָן, אַזוי זיך—סימפּאַטיש—קיין גרויסע איינרעדענישן מאַך איך מיר נישט, גאָרנישט—אין רומל קאָן איך אויך אָנגיין. די אָבער—חברה וועט דאָך משוגע ווערן! וועסט זען, וואָס עס וועט זיך אָפּטון, ווען איך וועל דיך צווישן דער חברה אַריינפירן. גיב מיר אַ קוש—אַזוי. און ווי גוט דו האָסט געטראָפן! מאָרגן איז די הונ- דערטסטע פאָרשטעלונג פון מיין „רעווי!" איך וועל דיך נעמען צום אָוונטברויט. דאָס איבעריקע — מיט אַזעלכע אויגן, ווי דו האָסט, איז נישטאָ, וואָס צו זאָרגן.

זי האָט הגרן געקושט אין די אויגן.

הגר האָט זיך אַרויסגעדרייט פון רענעס אָרעמס און גע- זאָגט מיט אַ שמייכל:

— וואָס פאַלט דיר איין! איך בלייב נישט דאָ, איך פאָר אוועק.

— וועסט פאָרן, וועסט פאָרן. דאָס איז אַן אַנדער זאַך. אָבער פריער מוזן מיר זיך דורכשמועסן. איבעריקנס, דו פאָרסט דאָך נישט מאָרגן?

— ניין, אין דריי טעג אַרום.

— געננוג, וועסטו זיין מיט אונדז. דע-קאַנזש וועט זיין אנטציקט.

— ווער איז עס דער דע-קאַנזש?

— דאָס איז דער אויטאָר פון מיין „רעוויו". די ראַדפּסט נישט שטאַרק נתפּעל ווערן פון זיין טיטל „דע". הייסן הייסט ער זשאַק מייער, נאָר זיינע טעאַטער־שטיק שרייבט ער אונטער מיטן פּסעוודאָנים פראַנסואַ דע־קאַנזש. מעגסט זיין רויק, ווייסט מאָרגן אין אָוונט נישט זיין די איינציקע מיט דיין רעליגיע...

הגר האָט זיך אָפּגערופן:

—דו מיינסט אַוודאי, אַז איך האָב עפּעס אָנגעטון אויסער דעם, וואָס איך טראָג איצט אויף זיך?

— מיין טייערע, ווי־ווי, אָבער אין פּאַריז נעמט מען זיך נישט אַזעלכע זאַכן צום האַרצן. ווייסט באַלד זען.

רענע איז צוגעגאַנגען צום טעלעפאָן:

— לוווור 26-75.

הגר האָט געהערט אָנרופן די פירמע פון דעם באַרימטן מאָדעהויז, לעבן וועלכן זי איז נעכטן פאַרבייגעגאַנגען.

— איך וואָלט געוואָלט רעדן מיט פריילן איוואָן. דאָס זענט איר, פריילן איוואָן? עס רעדט רענע אַווריל. הערט מיך אויס: אויף מאָרגן עלף פרי וועט איר אַזוי פריינטלעך זיין און מיר צושיקן אַ דריי־פיר אָוונטקליידער פאַר אַ פּערזאָן, וואָס איז אַ ביסל העכער און אַ ביסל שלאַנקער פון מיר. כמעט אַזאַ פיגור, ווי איירע. וואָס? מאָרגן איז ניי־יאָר? איז וואָס? אָך, נאַרישקייטן. איך וויל דאָך נישט קיין שטערן פון הימל. אָ, אַזוי פאַרשטייט איר, מיין טייערע. גוט, גוט, קומט אַליין צו. אָבער איך בעט אייך: נישט פון יענע קליידער, וואָס איר האָט פאַר בראַזיליע. אַמבעסטן—עפּעס טונקלס. איבעריקנס, איך פאַרלאָז מיך אויף אייך. מאָרגן עלף—צום ווידערזען!

רענע האָט אַוועקגעלייגט דאָס טרייבל.

—איינס איז דערלעדיקט. מיר וועלן באַלד דערלעדיקן אויך דאָס צווייטע—מיר וועלן דאָך דאָ נישט זיצן ביז מיטאָג. מיר וועלן גיין ערגעץ טרינקען אַ גלעזל טיי. אַנטואַנעט! אַנטואַנעט!

דאָס קאַמערמיידל האָט זיך באַוויזן אין טיר.

— וועסט מיר געבן אַהער מיינע שיך, מיינע זאָקן און מיי־נע היט.

הגר האָט זיך געכאַפּט.

— ביזט פון זינען אַראָפּ, מיין טייערע! איך האָב דיר נישט דערציילט וועגן מיין לאַגע, אָבער דו זעסט דאָך, ווי איך בין אָנ־געטון. צי פאַלט דיר איין, אַז איך בין אימשטאַנד זיך איצט צו קויפן אַזעלכע קליידער, ווי דו האָסט דאָ פאַר מיר באַ־שטעלט?

די זינגערין האָט איר מיט דער האַנט פאַרשטעלט דאָס מויל.

— שטילער, שטילער נאַר, דו שלעכטע מויד! דו ווילסט מיר דווקא דערמאָנען, ווי אַזוי דו האָסט פאַרקויפט גאַנצע צוויי קליידער, כדי צו קאָנען קויפן פאַר מיר ברויט און רעצעפּטן? אַ פּרופּציק פונט זענען זיי ווערט געווען, האַ? דאָס איז געווען אין יאָר 1919. די בערזע האָט פאַר דער צייט געאַרבעט, זי האָט שוין געזאָרגט דערפאַר, אַז דו זאָלסט אָפּנעמען מער.

רענע האָט אויף גיך אָנגעהייבן פאַנאַנדערוואַרפן דאָס פּעקל קאַפּעלושן, זאָקן און שוכוואַרג.

—האָסט אַזעלכע פיס, ווי איך. נעם דיר דאָס. וועגן אַ קלייד דאַרפסטו נישט זאָרגן. דאָרט, וווּ מיר גייען איצט, וועסטו אינ־גאַנצן נישט אויסטון דעם מאַנטל. דאָ האָסטו אַ פוטער.

הגר האָט זיך שוין מער נישט אַנטקעגנגעשטעלט. נאָך צוועלף יאָר האָט זיך איצט איבערגעחזרט דיזעלביקע סצענע, ווי אַמאָל מיט לינאַ דע־מאַרווי.

איצט האָט זיך אָבער נישט געהאַנדלט וועגן אַ באַשיידע־נעם גרויען קאָסטיום, נאָר וועגן אַ פיינעם ווידרעפוטער, וואָס איז געווען ברייט, ווי אַ וועלטערבודקע.

— ווי שפּעט איז, אַנטואַנעט?

זעקס. דער אויטאָ וואַרט.

דער אויטאָ האָט אין דער פינסטערער גאַס געגלאַנצט מיט
זיין שוואַרץ און גאָלד.

רענע האָט אוועקגעזעצט איבעווייניק הגרץ, און, פאַרטאַכל־
דיק היבטער זיך דאָס טירל, האָט זי צוגערופן דעם שאָפער:

— האָטעל ריטץ!

X

דע-ביעוור איז אריין אין דער געזעלשאפט פון פאל-על-זעאר אין גרויסן זאל אויפן ערשטן שטאק.

—דא איז דאך גאר פינסטער. וואס הייסט עס? גאס-פאר, מיין טייערער, אויב די באלשעוויסטישע ארדענונגען וועלן זיך ארייננכאפן אויך אין „קאפע דע פארי", טא זאג מיר, איך בעט דיך, וו וועלן זיך דעמאלט קאנען אהינטון אזעלכע, ווי מיר?

דער דיקער קעלנער איז געלאפן פארויס. ער האט שווער געסאפעט און אויף גיך אויפגעדרייט די עלעקטרישע לאמפן.

אינם ליכט, וואס האט איצט א שטראם געטון פון אלע זייטן, האט זיין בלוטרויט פנים געגלאנצט און ער האט געהאט א פארשעמטע מינע.

—דער גנעדיקער פירשט וועט מיר אנטשולדיקן. מיר האבן נישט דערוואַרט קיינעם פאר צוועלף, איידער די פארשטעלונג וועט זיך ענדיקן.

דע-ביעוור האט מיט אן אויפמערקזאם אויג דורכגעקוקט יעדע קלייניקייט פון דעם געדעקטן טיש, וואס האט געגלאנצט אין ליכט פון קריסטאל און בלומען.

— נישטא, וואס צו רעדן. נישט שלעכט. א ביסל אפשר אין סטיל פון קארל דעם גרויסן, אבער עס מאכט נישט אויס.

די בלומען זענען ווירקלעך שיין. וויפל וועלן מיר דאָ זיין?

— דער טיש, גנעדיקער פירשט, איז געגרייט פאַר אַכט־אונפערציק פערזאָן.

— אָי—אָי! איבעריקנס, עס איז בעסער אַזוי. ווייניקסטנס וועט מען קאָנען שמועסן, מיט וועמען עס וועט זיך וועלן. זאָגט מיר, ה׳ עלזעאַר, וואָס וואָלט מען געקאָנט איצט אַזוי אויפן אָרט אַ כאַפּ טון, איידער עס וועלן קומען דידאָזיקע הערן און דאַמען?

פאָל עלזעאַר האָט זיך אָפּגערופן:

— עס איז שוין שפּעט. אַ שאָד דער געטלעכער פּאָרטאָ פון 1811־טן יאָר. געבראַכט ספּעציעל פון שפּאַניע. איך וואָלט גאָרנישט געהאַט דאַקעגן, אַז מיר זאָלן דאָ אויסטרינקען אַ פלעשל אויפן חשבון פון טייערן דע־קאַנזש.

—לאַבוז אייגער!

—ער קאָן צאָלן. איבעריקנס, אויב עס גייט וועגן אויס־גלייכן צווישן אונדז די חשבונות פאַר דער רעקלאַמע, וואָס ער האָט מיר געמאַכט, איז ער מיר נאָך עפּעס שולדיק. אָבער־אפשר קערן מיר זיך אום צו דעם שמועס, וואָס מיר האָבן אָנ־געהייבן פאָרנדיק אַהער?

—אַ מינוט, גאַספּאַר, מיין פריינט. איך בעט דיך, שטעל דיך אויף אַ מינוט אין אונדזער לאַגע. וואָס וואָלט מען דאָ גע־קאָנט באַשטעלן אַרום עלף אין אָוונט, אַ שעה פאַר אָוונטברויט, נישט האָבנדיק געגעסן קיין מיטאָג? פאָל, טראַכט נאָר עפּעס צו!

דער צייטונגסמענטש האָט געענטפערט היימיש:

—אַ גלעזל וויסקי־סאָדע און געגנוג דערמיט.

—בלייבט אַזוי.

דע־ביעוור האָט געענדיקט באַטראַכטן דעם טיש.

פאָל עלזעאַר האָט דערווייל אַרויסגעצויגן פון דער קעשענע פון סמאָקינג זיין באָטיצביכעלע.

— נאָר איין זאַך וויל איך פאַרצייכענען. קאָמיש. מיר זענען פונדעסטוועגן נישט אינגאַנצן אין אָרדענונג. עס איז גע־

ווען נישט זייער טאַקטיש פון אונדזער זייט, וואָס מיר האָבן נישט אויסגעהאַלטן ביזן סוף פון דער פאָרשטעלונג.

— מיין טייערער,—האָט זיך אָפּגערופן דע-ביעור, — אוי אייער דעקאַנזש האָט מיט דעם אָוונטברוויט זיך גענומען אוי, דאָס רעכט, אונדז מכבד צו זיין צום הונדערטסטן מאָל פון אָנהייב ביזן סוף מיט זיין פּלוידעריי, ווען ער מ' ר נאָך דאַרפן עפּעס צוצאָלן, און גראָד אין דעם היינטיקן אָוונט וויל איך אים שולדיק זיין. איבעריקנס, הינטער די קוליסן זענען געווען מאַסן מענטשן. ער האָט זיכער גאָרנישט באַמערקט, אַז מיר זענען נישטאָ.

— איר קענט אַזוי ווייניק די חברה. די ערשטע, וועלכע זיי באַמערקן, זענען די, וואָס פעלן. איבעריקנס, עס מאַכט נישט אויס, מיר איז ערגער. איך מוז אָנשרייבן אַ לויבאַרטיקל איבער זיין „רעווי."

—דאָס איז לייכטער, איידער צו טראַכטן וועגן דעם. אינטערעסאַנט, וויפל קאָן ער עס פאַרדינען פון זיינע געזאַנגען, אָט דער ליבער דע-קאַנזש?

—עס איז דאָס זעקסטע שטיק דאָס יאָר. אַלע האָבן אויסגעהאַלטן צו הונדערט פאָרשטעלונגען. איך רעכן —ביי אַ פּירהונדערט טויזנט פראַנק. חוצדעם, האָבן זיך זיינע מעלאָדיעס צעטראָגן איבער די קאַבאַרעטן אויף דער פּראָווינץ און אין אויסלאַנד. פאַר די טעקסטן צו די לידער נעמט ער באַזונדער. מ'קאָן אַזוי־אַרום צושטעלן נאָך אַ הונדערט טויזנט, אויב נישט מער. ער ער האָט אויך אַן אייגן פאַרמעגן. דער אַלטער מייער האָט אַ גרויס פּוטער־געשעפט.

— אַ האַלבער מיליאָן פאַר אַ דרייסיק חכמות, וואָס קיין איינע פון זיי איז זיכער נישט זיינע — באַ, נישט שלעכט. לאָמיר זען דעם צעטל פון די איינגעלאַדענע.

אַרומגייענדיק דעם לינקן ברעג טיש, האָט דע-ביעור אַראָפּגעלייענט אויפן קוק די נעמען פון די קליינע גאָלד-באַזוימטע

קאַרטלעך. עלזעאַר האָט דאָסזעלבע געטון פון דער צווייטער זייט טיש.

ביים צוזאַמענציקסטן נאָמען האָט דע-ביעוור זיך אָפּגעשטעלט.

— איך הייב אָן ערשט צו פאַרשטיין דעם דערפאָלג פון דעמדאָזיקן טיכטיקן יונג. איך האָב נאָך קיינמאָל נישט געזען אַזאַ אויסגערעכנטן אויסוואַל פון געסט. אויסער עטלעכע אַלטע דעקאָראַטיווע מאַנעקענס, — אַזעלכע ווי איך, למשל, — ווען זיין יענע אַלע, מיט וועלכע מען מוז זיך רעכענען אין דער אַרטיסטישער און טעאַטראַלער פרעסע, נו, און די שענסטע פאַריזער פרויען.

— יאָ, עס איז קלאָר. מיט אַזאַ טיש נעם איך מיך אונטער אין איינע פופצן טעג אָנצובלאָזן דעם ערשטן בעסטן לייִדיקן פענכער פון דער פראָווינץ — עס זאָל ווערן פון אים אַ וועלט-באַרימטקייט. זע, אַ נאָמען, וואָס איז מיר גאָרנישט באַקאַנט. פראָפעסער גילאַרע. וואָס איז עס פאַר אַ פאַרשוין?

דע-ביעוור האָט זיך פאַנאַנדערגעלאַכט.

— אָך, הער גילאָרע! איך האָב אינגאַנצן אָן אים פאַרגעסן. דער העפלעכער דע-קאַנזש האָט וועגן דעם אויך געדענקט.

— ווער איז ער?

— גילאָרע, מיין טייערער, דאָס איז דער טעות פון מיין עלטער. איר ווייסט, מיט צוויי חדשים צוריק האָב איך מיך אנטשלאָסן צו פאַרקויפן מיין נחלה — ביעוור.

— איר האָט מיר וועגן דעם דערציילט.

— נו, געקויפט האָט עס דער הער גילאָרע. אַן אידעאַלער קונה. נישט געדונגען זיך. אָפּגעקויפט אַלץ: די ערד און דעם פאַלאַץ. באַצאָלט מיר אויפן האַנט אַ מיליאָן מיט פירהונדערט טויזנט פראַנק. איר דאַרפט וויסן, אַז איך גיב אויס יערלעך צווייהונדערט טויזנט פראַנק. מיט דעם קאַפּיטאַל, הייסט עס, וואָס איז מיר געבליבן, קאָן איך מיר לעבן רויק אַ צען יאָר. שפּעטער, דעם אמת זאָגנדיק, זע איך נישט מער, וואָס צו פאַרקויפן. אָבער

איך האָף צו זיין ליבן נאָמען : ביז יענער צייט וועט ער מיך, זיי, אומוורדיקן קנעכט, צונעמען צו זיך.

אויף עלזעאַרס בלייך פּנים האָט זיך באַוויזן אַ לייכטער שמייכל.

ער האָט באַמערקט :

— נו, יאָ. אָבער איך פאַרשטיי נאָך אַלץ נישט, ווי קומט דער הער דאָ, צווישן אונדז ?

דע-ביעחר האָט געזאָגט מיט אַן ערנסטער מינע:

—עס וווּנדערט מיך אויף אייך. צי פאַרשטייט איר נישט, וואָס דאָ קומט פאָר? הער גילאָרע איז איצט אַלט פינפאונפופציק יאָר. בעת דער ה׳ דאָמבידאָ, דער „פריינט” פון אונדזער פּרעכטיקער רענע אוורי, האָט צוגעשטעלט רימענע פּאַסקעס פאַר די פאַרטיידיקער פון דער גערעכטיקייט און דער ציוויליזאַציע, האָט ה׳ גילאָרע דידאָזיקע פאַרטיידיקער פאַרזאָרגט מיט באַנדאַזש-מכשירים. פאַרדינט האָט ער דערביי — גאַנץ ערלעך, פאַרשטייט זיך—זיינע צוואַנציק מיליאָן, און דאָס האָט אים דערלויבט צו קויפן דאָס גוט ביעוור, איינס פון די זעלטנסטע פירשטן-גיטער, וואָס שטאַמט נאָך פון די צייטן פון לואי IX. ה׳ גילאָרע ווייסט גאַנץ גוט, אַז אַ פּעקל אָן אַ באַנדאַזש איז גאָרנישט ווערט. ער וואָלט געוואָלט אָנהייבן פירן אַ לייטישן שטאַט, און ער האָט מיך גאַנץ איינפאַך געבעטן, איך זאָל אים בייהילפיק זיין, איך זאָל אים אַריינפירן אין דער געזעלשאַפט—אַלע מיינע באַדינגונגען האָט ער דאָך אָנגענומען אָן אַ שום דיסקוסיע. איך האָב דעריבער געבעטן, פאַרשטייט איר, אונדזער דע-קאַנזש, ער זאָל אים אויך איינלאַדן. לאָמיר אָקאָרשט זען, לעבן וועמען ער האָט אים אַוועקגעזעצט.

עלזעאַר האָט געענטפערט:

— פון רעכטס האָט ער נינאַ לאַזולאַ, אַ וווּיל מיידל, פון דער לינקער זייט—האַ !—פריילן דזשעסיקאַ.

— ניין, דאָס שוין נישט. דאָס איז שוין צופיל. פריילן דזשעסיקאַ—דאָס איז אַ גאַנץ אַנדער שפּיל. זאָל ער נאָך אַ ביסל אָפּטערמינעווען. גיין אויף דער לער. איך גיב אים מיין אָרט און

XII

דאָנערשטיק, דעם פערצעטן פעברואַר, האָט הגר דעבױ־טירט אויף דער סצענע פון „פאָלי־בערזשער”, אין אַ נײער „רעווי” פון פּראַנסוא דע־קאַנזש.

עטלעכע בילדער זענען געווען ספּעציעל פאַר איר אָנגע־שריבן אָדער איבערגעמאַכט.

אַ דאַנק אים אויך, האָט זי שוין זײט אַ חודש געוווינט אויף דער וויניײז־גאַס, אין אַ פּרעכטיקן פּאַוויליאָן, וואָס איז גע־שטאַנען באַהאַלטן צווישן בײמער. דער גאָרטן איז געווען אַזוי ברײט, אַז אויף זײַנע צוויי סימעטרישע גראָזפּלעצער האָט מען פרײ געקאָנט טרײַבן ציגן.

הגר איז געווען פאַרנומען. פאַרשידענע זאָרגן, רעפּעטיצ־יעס אין טעאַטער, אַלערלײ קלײניקײטן בײם אײנאָרדנען זיך און זיך איבערציִען אין דער נײער וווינונג—זי האָט נישט גע־האַט קײן מינוט צײַט אויף צו טראַכטן וועגן עפּעס, און דאָס איז אפשר פאַר איר בעסער געווען.

דע־קאַנזש, וואָס מיט זײַן נײער „שוואַכקײט” האָט מען זיך אינטערעסירט אין אַלע טעאַטערן און קאַבאַרעטן,—האָט גע־זאָרגט מיט אַלע כוחות, צו באַפרידיקן אַלע פאַרלאַנגען פון זײַן געליבטער.

ין דערפאָלג האָט דערגרײכט די העכסטע מדרגה. זי

זיינע רעוויס, געשפּילט גלייכצייטיק אין משך פון ניי־יאָר־סעזאָן, האָבן געגעבן טעגלעך אַזעלכע קאַסעס, וואָס ביזאַהער האָט מען פון אַזעלכע נישט געוווסט.

די טעאַטער-דירעקטאָרן האָבן זיך געריסן איבער אים, זע־נען געווען נאָר מיט אים פאַרנומען.

דע־קאַנזש האָט דערפילט אין זיך אַ מאַכט. ער האָט גע־הערט צו יענע מענטשן, וואָס דער דערפאָלג רייצט זיי אויף, פאַרשיכורט זיי, הייבט זיי אויף איבער זיך אַליין.

צו דידאָזיקע פּראָפעסיאָנעלע נצחונות איז צוגעקומען נאָך אַן אַנדער מין טריומף—הגר איז געווען זיינע.

אין דער באַזונדער וועלט פון רעדאַקציע־זאַלן און גענע־ראַל־רעפּעטיציעס האָט מען גערעדט נאָר וועגן איר.

הגרס שיינקייט און נאָכמער דאָס רעטעניש פון איר באַ־ווייזן זיך פּלוצלונג, האָט זי איינגעהילט אין גרויסע סודות, וואָס זענען אַזוי ווי געשאַפן אויף צו פאַרכאַפּן דעםברייטן עולם.

פונוואַנען איז געקומען דידאָזיקע שווייגנדיקע פרוי?

מען האָט גערעדט צווישן זיך, אַז זי קומט פון מזרח, פון יענעם וווּנדערלעכן נישט באַשטימטן מזרח, וואָס איז אַזוי נאָנט און דאָך אַזוי ווייט, וועגן וועלכן מען רעדט אַזויפיל און פון וועלכן מען רעדט אַזוי ווייניק.

אין וועלכע קעלערשענקלעך, אָדער אין וועלכע פּאַלאַצן האָט זי געקאָנט לעבן? צי האָבן די פייגל פאַר איר געזונגען אויף די ברעגעס פון ניל אָדער ערגעץ אין דעם ווייטן אַזיע? וועל־כע שוואַרצע איריס-בלומען האָבן די ווייסע הענט געפּליקט — יענע פון די קאַווקאַזער בערג און טאָלן, אָדער אַנדערע, וואָס בליען אין דאַמאַני־קור? איז זי געווען לעבינס געליבטע אָדער די געליבטע פון מוסטאַפאַ־קעמאַל?

ווען זי איז דורכגעגאַנגען, האָט מען וועגן דעם אַלעם גערעדט צווישן זיך אויפן אויער:

פאַרשטייט זיך, אַז דידאַזיקע סודותדיקייט האָט שטאַרק געגלעט דע־קאַנזשס אייגנליבע. עס איז געווען נישט אַזוי ווייט איי־פערזיכטיק, ווי שטאָלץ איבער דער רייכער פאַרגאַנגענהייט פון זיין געליבטער.

הגרס שטייפקייט און נישט דרייסטקייט האָט מען אָנגענומען פאַר קאַלטן שטאָלץ און דאָס האָט דעם אינטערעס צו איר נאָכמער געריצט.

סוף ווינטער און פֿרילינג פֿון יאָר 1924 האָט פּאַריז אַנערקענט פאַר זיין צייטווייליקער קעניגין די טענצערין דזשעסיקאַ.

די פרעסע האָט מיט זעלטענע איינשטימיקער באַגייסטערונג אויפגענומען אירע ערשטע אַרויסטרעטונגען, און דאָס פובליקום, געריצט פֿון דעם כאַר פון ליבגעזאַנגען, האָט זיך מיט אַן אימפעט געוואָרפֿן אויף דער טעאַטער־קאַסע פֿון „פֿאָלי־בערזשער".

די עטלעכע מבינים, וועלכע האָבן זיך געקאָנט באַציען אַ ביסל סקעפּטיש צו דער טאַנצקונסט פֿון פריילן דזשעסיקאַ, זענען שנעל פֿאַרטויבט געוואָרן אין דער אַלגעמיינער פֿאַרשיכורונג.

ווען זי האָט זיך באַוויזן אַ נאַקעטע, אַן אויסגעבלייכטע, אונטער וואַלן מיט גאָלדענע שטערן, אויף דער שוועל פֿון אַן אינדישן טעמפּל, וואָס זיינע ריזיקע אַרקאַדן האָבן זיך געשפיגלט אין אַ דורכגעלויכטענעם טייך, באַזייט מיט טונקעלע בלומען— ווען זי איז אַזוי געשטאַנען אויף דער סצענע, האָט זי געפילט, ווי עס טראָגט זיך צו איר פון פֿינסטערן זאַל אַ ריזיקער פֿאַרסאַפּעטער אָטעם פֿון צוויטויזנט צושויער. וועגן וואָס האָט זי דעמאָלט געטראַכט: וועגן די קינדערשע חלומות, וואָס זענען פֿאַרווירקלעכט געוואָרן, אָדער וועגן די פלעדערמייז, וואָס פליען אַרום איבערן כותל־מערבי?

ווונדערלעך איז דער גורל, אין וועלכן עס קעמפֿן איינער קעגן אַנדערן אַזעלכע קאָנטראַסטן. אָבער ווער פֿון אונדז טראָגט

נישט אין זיך דעם קאָנטראַסט פון די אייגנשאַפטן, וואָס דער נעכטערן אונדז אַמאָל צו אַ יצחק כוכבא און דאָ, חידער, צו אַ — מאַדאַם לאַזאַרעסקא?

מען מוז צוגעבן, אַז די באַגייסטערונג, מיט וועלכער הגר איז אויפגענומען געוואָרן, האָט איר אַליין נישט פאַרשיכורט. זי איז נישט געווען פאַרנאַרט. זי האָט געוווּסט, אַז זי איז נאָך אַלץ דיזעלביקע קליינע טענצערין, וואָס אַמאָל, — דיזעלביקע, וועלכע האָט געהאַט דערפאָלג אין דריט־ראַנגיקע קאַבאַרעטן, ווו די געסט האָבן זי נאָך דער פאָרשטעלונג מכבד געווען מיט אַ גלעזל שאַמ־פּאַניער.

אין איר לעבנסדערפאַרונג האָט אָבער געפעלט ביזאַהער איין עלעמענט: זי האָט נישט געוווּסט, ווי לייכטזיניק־נאַיוו עס איז די מאַסע.

איצט האָט זי מיט איין קלאַפּ דאָס דערשפּירט אויף זיך אַליין, און דערשפּירט גינסטיק פאַר זיך.

דע־קאַנזש האָט טריומפירט. אים האָט גאָרנישט געשטערט דאָס, וואָס אין אַלע אַרטיקלען וועגן זיין „רעווי״ זענען פיר פינפטל פון די קאָמפּלימענטן געגאַנגען אויף הגרס חשבון. לויבן אין הימל אַריין זיין געליבטע — איז עס דען נישט גלייכצייטיק אויך אַ לויבגעזאַנג פאַר זיין געשמאַק?

אָנגעטון אין אַ מאָדנער פּיזשאַמע, מיט אַ קאָליר פון פאַר־טריקנטע בלעטער, האָט דע־קאַנזש אַרומגענומען אין דער העלפט הגרן און דורכגעקוקט אַ גאַנצן פּאַק ציייטונגען.

די טענצערין, אָנגעבויגן איבער דעם געדרוקטן פּאַפּיר, האָט באַוווּנדערט די מאָדנע דערשיינונג: איר נאָמען האָט זיך כסדר אי־בערגעחזרט אויף די שפּאַלטן פון אַלע פּאַריזער ציייטונגען, און דאָס צוזאַמען מיט די נעמען פון די אָנגעזעענסטע פּאָליטיקער און מלוכה־פירער.

— לאָמיר זען איצט דעם אַרטיקל פון „גאַלוא״— אויסגעצייכנט. דער קליינער דעליניער—מען מוז זיך מיט אים רעכענען. מען וועט אים דאַרפן איינלאַדן אויף אַ פרישטיק. די מיין נישט, אַז ער איז אַזעלכער פאַר אַלעמען. האָסט געדאַרפט זען, ווי ער איז אַריינגעפאָרן זשאַק רינאַ נאָך זיין לעצטער „רעווי״! און דאָס שרייבט זשאַנסאָן — געדולט. דערווייל — ניין, אויסגעצייכנט! ער אויך! דאָס איז זיכער צוליב דיר—מיך האָט ער שטענדיק שלעכט באַהאַנדלט. רענע ביזע—גאַנץ גוט. פערדינאַנד דיוואַר—נו, וועגן אים בין איך געוועזן פאָרויס זיכער, אַז ער וועט זיין העפלעך. פלעסי—גוט, פרעזשאַווי—ערשטקלאַסיש, זשאָוועץ איז אויך נישט שלעכט. סודיי — אָך, מיין קליינע, דאָס איז זייער וויכטיק אויף שפעטער, פאַר דער אַקאַדעמיע. פאַרשטייסט? לאָמיר זען, וואָס ער שרייבט. אַ ביסל פאַרשלאָסן, אָבער גאַנץ העפלעך. מיין טייערע, עס איז אַ נצחון אויף דער גאַנצער ליניע, אויפן גאַנצן פראָנט! זע—דער „דעבאַ״ אויך? אָך, דאָס איז די קרוין פון אונדזער דערפאָלג!

דעקאַנזש האָט שוין נישט געקאָנט באַהערשן זיין פרייד. ער איז אויפגעשטאַנען און האָט פאַרויכערט אַ פאַפּיראָס.

— עס וועט זיין אַרבעט אויף אַ גאַנצן טאָג. מען וועט מוזן אָנשרייבן דאַנקבריוו צו זיי אַלעמען. לאָמיר לייענען ווייטער. „עקלער״ — די מלוכה פון פאָל עלוזאַר. אַ יונג מיט טאַלענט, וואָס ווייזט שטענדיק זיינע שאַרפע נעגל. לאָמיר זען. הע? וואָס הייסט עס? ער איז מיר אַריינגעפאָרן—אינגאַנצן צעראָפּגעריסן. אָט איז אַ מאַלפע! אָט איז אַ חזיר!

ער איז פון כעס געלאָפן אַהין און צוריק איבערן צימער.

הגר האָט גענומען די צייטונג און מיט אַ בלייך געזיכט איבערגעלייענט דעם אַרטיקל. איר נאָמען איז דאָ אינגאַנצן אויסגעמיטן געוואָרן—באַוווסטזיניק, מיט אַ כוונה, באַליידיקלעך. דעקאַנזש האָט דאָ פשוט געכאַפּט קלעפּ—עלוזאַר האָט אים געזידלט, באַליידיקט.

—נו, זאָג דו אַליין, וואָס האָט געקאָנט געשען מיט דעם

אידיאָט? קנאה, נאָר קנאה. קיין אַנדער פאַרענטפערונג איז דאָ נישטאָ. דער שלים-מזלדיקער קרבן! איז עס מיין שולד, אַז אים האָט נישט אָפּגעגליקט אין לעבן? זאָל ער פּרוּוון שרייבן פאַרן טעאַטער, וועט ער זען, ווי געשמאַק דאָס איז. זע, לייען, דער אידיאָט מיינט, אַז דאָס איז אַ וויץ. אויב דער צופאַל וועט מיך צוזאַמענפירן מיט אים נאָך דער גענעראַל-רעפּעטיציע, וועט ער כאַפּן פון מיר אין באַק!

הגר האָט באַמערקט:

— פאַרגעס נישט, אַז ער האָט נאָר איין האַנט זיך צו פאַרטיידיקן.

—איך פאַרגעס נישט, דאָס האָט ער דאָך אָנגעהייבן, נישט איך. בכלל, די אינוואַלידן הייבן אונדז שוין אָן צו שפּילן אויף די נערוון. מען וואָלט געקאָנט מיינען, אַז נאָר זיי זענען געווען אין דער מלחמה. איך בין אויך געווען.

— ווו?

— ביי די אויטאָמאָבילן. ווען איך וואָלט מיר געגעבן די מי צו דערציילן, וואָס איך האָב אַלץ געזען, וואָלט איך פאַר־שטעקט אין אַרבל יענע פון די שוצגראָבנס. זיי איז גוט געווען זיך איינצוקנורן אין זייערע קרעטישע לעכער, בעת מיר האָבן געמוזט אַלץ באַזאָרגן, צושטעלן, לויפן משוגענערווייז אין היצן און אין קעלט איבער חזירשע וועגן, וואָס מען קאָן זיך אזעלכע גאָרנישט פאָרשטעלן. אָ, ווען מען זאָל דאָס דאַרפן דורכמאַכן נאָכאַמאָל—אַ שרעק. אָבער געגנוג דערמיט. ער איז אַ ייִנגל, דיין פּאָל עלזעאַר, און ווייטער גאָרנישט. אָבער ער וועט זיך אָנרייסן אַמאָל! צווישן די אויטאָרן פון די אַלע אַרטיקלען איז ער דער איינציקער ייד און גראָד ער האָט געמוזט אויף מיר אָנפאַלן. כאַפּט אים דער וואַטעמאַכער!

זייער עלעגאַנט אין טאָן איז דע-קאַנזש נישט געווען. פּאָל עלזעאַרס באַמערקונגען וועגן דעם כאַראַקטער פון זיין טאַלענט, האָבן, אַפּנים, געהאַט אַ געוויסן גרונט. ביי דעם אַלעם איז ער אָבער געווען אַ גוטער יונג. אין פּערזענלעכן פאַרקער איז ער געווען לייכט, און האָט ער זיך אַמאָל קינדעריש צע־

קאָכט, עס איז אָבער געווען געווען איין באַמערקונג, ער זאָל זיך באַלד צוריק באַרויקן.

הגר האָט אין משך פון די עטלעכע חדשים, וואָס זי איז געווען מיט אים צוזאַמען, זיך געפילט גליקלעך—אויף וויפל זי האָט בכלל געקאָנט זיין גליקלעך. זי האָט באַקומען איינס נאָך דאָס אַנדערע: אַן אויטאָמאָביל, אַ פּאַלאַץ, פּערל. ווען זי האָט באַוואונדערט די זעכציק קייקעלעך אויף דעם קרעם-פאַרביקן סאַמעט,—די קייקעלעך, וואָס האָבן געשימערט אין רעגנבויגנדיקע קאָלירן — האָט אַ שמייכל געציטערט אויף אירע ליפּן.

איז עס געווען אַ שמייכל פון צופרידנקייט אָדער פון פאַרביטערונג?

עס זענען דאָך דערפילט געוואָרן אַלע אירע קינדערשע פאַרלאַנגען, אַזוי ווי זי האָט זיך זיי דעמאָלט אויסגעמאָלט. אָבער ווער קאָן עס וויסן, צי איז אסתר המלכה, ווען זי איז געווען אויסגעפּוצט אין צלנ צירונגען פון אופיר, צי איז זי דעמאָלט געווען צופרידן, אָדער זי האָט געקוקט אויף דעם, ווי אויף אַ באַליידיקונג?

די צמביציע פון אַ פרוי פון מערב — אַזאַ, צום ביישפּיל, ווי אַ רענע אַווריי—קאָן מען לייכט באַפרידיקן מיט בוקסיעס שאָקאָלאַד אָדער מיט קאַרטיעס שמאַראַגדן. ווער ווער זיך אָבער אונטערנעמען צו לעשן דעם אייביקן דורשט פון אַ פאַרוואָלקנט מיידל, וואָס אירע פאַרלאַנגען שליידערט זי אין פּנים דער חזירשער וועלט, אין וועלכער זי איז געצוואונגען צו לעבן.

הגר האָט דערוייל איבערגעלעבט איר פאַריז פּראַקטיקע טעג,—טעג פון ה ציקער איילעניש. רענע האָט זיך אַרויסגעוויזן אין איר גאַנצער גוטסקייט. זי האָט מיטן גאַנצן האַרצן פאַרגו-

נען הגרן איר טריומף, דערפאר האָט זי געוואָלט אומעטום זי באַגלייטן און זיין איר פירערין.

הגר האָט זיך געלאָזן אַרומפירן אויף אַלערליי איינלאַדונגען, אין מאָדעסאַלאָנען, דאַן צו יוווילערן, דעקאָראַטאָרן, צו באַרימטע וויינהענדלער, פון דאָרט אין רעסטאָראַנען און טאַנצזאַלן. די ערינערונגען וועגן יצחק כּוכבא, דעם גוססדיקן, אפשר שוין דעם געשטאָרבענעם,—די ערינערונגען האָבן אַזוי ווי נאָכמער צערייצט אירע געבליטן. עס איז געווען דערביי דאָס געפיל פון פאַרשווועכן אַ הייליקייט, —אַ געפיל, וואָס לעבט באַהאַלטן אין די־פינסטערע ווינקעלעך פון דער נשמה אַפילו ביי די בעסטע. געוויסע פאַרגעניגנס וואָלטן געווען אינגאַנצן אייגפאַך און וואָלטן גאָרנישט גערייצט, ווען זיי וואָלטן נישט אָפּגעקויפט און פאַרגרעסערט געוואָרן דורך דעם געפיל, אז מען באגייט א שענדלעכקייט.

פונדעסטוועגן האָט הגר מער גערן געהאַט יענע מינוטן, ווען רענע, וועלכע פלעגט אויפשטיין אַרום צוויי בייטאָג, פלעגט זי לאָזן אליין.

זי האָט ליב געהאַט די פרימאָרגן-שפּאַצירן איבער פּאריז, וואָס זעט אויס אין די שעהן גאָר אַנדערש און איז אינגאַנצן נישט באַקאַנט די ליידיקגייערישע אומזיסטע פרעסער, וועלכע פאַרברענגען דאָ זייער לעבן.

זי האָט נאָר אויסגעמיטן די גאַס סט. האָנאָרע, ווו זי איז געווען ביים באַראָן אין פּאַלאַץ. דאַקעגן, האָט זי מיט פאַרגעניגן געבלאָנדזשעט אין די אַלייען פון בולאָנער וועלדל, באַזונדערס ביי דער סאַדזעווקע, ווו עס האָבן געבלישטשעט די פאַרביקע פעדערן פון אַלערליי וואַסערפייגל.

צוויי מאָל איז זי אַריינגעגאַנגען אין לוקסעמבורגער גאָרטן און האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף דערזעלביקער באַנק, אויף וועלכער זי איז געזעסן צומאָרגנס נאָך איר קומען קיין פּאַריז.

זי האָט ווידער געזען צוויי יידישע סטודענטקעס, וואָס האָבן אויף גיך געגעסן ראָגאַליקעס און געלייענט דערביי די נאָטיצן פון די לעקציעס.

זי האָט זיך געוואָלט ווענדן צו די מיידלעך:

—מיינע אָרעמע קינדער אין טריקאָטן, ווען איר זאָלט וויסן, ווי נאָנט איר זענט מיר, ווי איר זענט מיינע שוועסטער, נישט קוקנדיק אויף מיינע פּערל און זילבערפוקסן.

איר זענען געקומען אויפן געדאַנק די שורות, וואָס זי האָט אַמאָל געלייענט אין „באר־יעקב״:

„דיין שענקייט וועט דיר אויסזען, ווי אַ לוקסוס, דער לוקסוס — ווי אַ געמיינהייט, און די פאַרוויילונגען דיינע — ווי אַ גניבה...״

צוויי וואָכן נאָך הגרס דעביוט, איז אין וואַריעטע פאָרגעקומען אַ גענעראַל־רעפּעטיציע.

דע־קאָנזש האָט אויף דער רעפּעטיציע נישט געקאָנט זיין, ווייל ער האָט גראָד געהאַט אין דער צייט אַ זיצונג פון דער פאַרוואַלטונג פון אויטאָרן־פאַריין.

ער האָט געמאָלדן וועגן דעם דער יונגער פרוי און איר געזאָגט:

— קלינג אָן צו רענע אָורי, זאָל זי קומען דיך מיטנע־מען.

הגר האָט געענטפערט:

—איך בין גאָרנישט מחויב צו גיין אויף אַלע גענעראַל־פּראָבעס.

—האָסט אַ טעות. מען דאַרף יאָ גיין. אין פאַריז מוז מען זיך ווייזן.

אין אַנטראַקט, ווען זי איז זיך דורכגעגאַנגען מיט רענע אָורי און איז פון אַלע זייטן באַגריסט געוואָרן מיט קאָמפּלי־מענטן און ליבגעזאַנגען, האָט זי פּלוצלונג באַמערקט עלזעאַרן אין דער געזעלשאַפט פון פירשט דע־ביעור.

זייט יענעם אַרטיקל, וואָס ער האָט אָנגעשריבן וועגן איר ערשטן אַרויסטריט, האָט זי אים שוין אַ סך מאָל באַגעגנט, אָבער

יעדעס מאָל איז זי געווען אין דער געזעלשאַפט פון דע-קאַנזשן, כאָטש פון יעדער צייט איז די קריגערישע שטימונג פון דעם קריטיקירטן אויטאָר שוין לאַנג געמילדערט געוואָרן, האָט זי דאָך בעסער געוואָלט אויסמיידן דעם צוזאַמענשטויס צווישן די ביידע קעגנער און נישט דערלאָזן צו קיין קריגעריי צווישן זיי.

איצט איז זי געווען אַליין. זי האָט אויסגענוצט דאָס, וואָס רענע איז געווען אַרומגערינגלט פון אַ גרופּע שיינע פרויען און איז געווען פאַרטיפט מיט זיי אין אַ שמועס וועגן פּוטערס.

האָט זי זיך אומבאַמערקט אָפּגערוקט פון דער גרופּע און איז פּלוצלונג אויסגעוואַקסן אין אַ ווינקל פון קאָרידאָר לעבן די ביידע פריינט.

פירשט דע-ביעוור האָט זי באַמערקט און אַ שמייכל געטון.

פון דעם ערשטן מאָל, וואָס ער האָט זי דערזען, האָט ער איר אַרויסגעוויזן די וואַרעמסטע סימפּאַטיע. דע-קאַנזש האָט זיך געפילט דערפון שטאַרק געשמייכלט. אייפערזיכטיק איז ער נישט געווען. וואָס האָט אים געקאָנט שטערן דער זעקסאונזעכציק-יעריקער זקן?

פאָל עלזעאַר האָט זיך פאַר איר גאַנץ קאַלט פאַרנויגט.

זי האָט געמאַכט אַ מינע, אַז זי באַמערקט גאָרנישט די-דאָזיקע גלייכגילטיקייט, וואָס איז אַפילו נישט געווען גענוג העפלעך. זי האָט דרייסט אָנגענומען דעם אָקס פאַר די הערנער.

—איר זענט נישט געווען זייער העפלעך פאַר מיר.

—יאָ, פריילן...

—זאָל אונדזער פריינט דע-ביעוור זיין דער ריכטער צווישן אונדז.

דער פירשט האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ.

עס איז לייכט געווען זיך אָנצושטויסן, אַז די ביידע מענער האָבן שוין וועגן דעם ענין גערעדט צווישן זיך און אַז דער פירשט האָט עלזעאַרן געמאַכט אַ פריינטלעכן פאָרוואורף.

עס איז אָבער אויך געווען קלאָר, אַז ער וועט נישט איינ־גיין צו רעדן וועגן דער געשיכטע אין דער אָנוועזנהייט פון אַ דריטער פערזאָן.

הגר האָט זיך ווייטער אָפּגערופן:

— הער דע־ביעוור איז אייער פריינט, און ער וויל מיר נישט ענטפערן. ער איז זיכער גערעכט. איך האָב פונדעסטוועגן געגלויבט, אַז דער פירשט איז געווען אויך מיין פריינט... און איר אויך—אַ ביסעלע.

פּאָל עלזעאַר האָט זיך שטייף אויסגעגלייכט, וועלנדיק דער־האַלטן דעם אויסדרוק פון פרייער גלייכגילטיקייט.

—באמת, איך גלויב, אַז איר שאַצט איבער די וויכטיקייט פון דעם פאַקט... מען האָט אייך פאַרוואָרפן מיט בלומען. איך האָב גערעכנט, אַז דאָס פעלן פון מיין באַשיידן קרענצל וועט אַדורך אינגאַנצן נישט באַמערקט. איבעריקנס, צי איז דאָס טאַנצן פאַר אייך נישט בלויז אַן איינגאַנגס־פידל ? גוט איז אייך קעגן אַזויפיל אָרעמע מיידלעך—איר דאַרפט פון דער פידל נישט פאַר־דינען...

הגר איז בלייך געוואָרן, אָבער זי האָט נישט אויפגעהערט צו שמייכלען.

דע־ביעוור, וואָס די ווענדונג פון דעם שמועס איז אים שוין געווען פיינלעך, האָט זיך אַריינגעמישט.

ער האָט זיך אָפּגערופן :

— מיינע קינדער, איר דערפירט מיך באמת ביז פאַר־צווייפלונג. גענוג, אוי, באָכאַמאָל גענוג! מיין קליינע דזשעסי־קא, גיט איר דעם גוטן ביישפּיל. גרויע האָר האָבן שטענדיק גע־האַט די פריווילעגיע, צו נישט צו מאַכן געוויסע מיספאַרשטענד־נישן. איר האָט מיר שוין עטלעכע מאָל צוגעזאָגט צו קומען אויף אַ פרישטיק אין מיין באָרע אויף דער ווערניי־גאַס. באַשטימט איר אַליין דעם טאָג. מיר וועלן זיין בלויז אין דרייען.

—מיטן גרעסטן פאַרגעניגן,—האָט הגר געענטפערט. — אויב דער הער עלזעאַר וועט זיין פאַרנומען מיטן שרייבן אַן אַרטיקל וועגן אַן אָרעם מיידל, —אַזאַ, וואָס האָט נישט קיין איינגאַנגס־

פידל — זאָל ער זיך נישט זשעניִרן, זאָל ער בלייבן אינדער־היים.

עלזעאַר איז בלייך געוואָרן.

—איך וועל אַזוי טון.

עס איז געווען אין דערזעלבער וואָך, אַרום עלף אַ זייגער אינדערפרי.

עס איז אַריינגעקומען דאָס צימערמיידל און געמאָלדן הגרן, אַז עפּעס אַ העֶר וויל מיט איר רעדן.

—איך האָב נישט גוט געהערט דעם נאָמען און האָב מיך נישט דערוועגט נאָכאַמאָל איבערצופרעגן. איך האָב אים געזאָגט, אַז איך ווייס נישט, צי דאָס גנעדיקע פריילן איז אינדערהיים. אויב דאָס גנעדיקע פריילן וויל אים נישט אויפנעמען, קאָן איך אים—

—ניין, ניין,—האָט זיך הגר געכאַפּט,—זשאַנעט וועט אים אַריינפירן אין קליינעם סאַלאָן און זאָגן, אַז איך קום גלייך אַריין

מיט אַ טאָג פריער האָט רענע איר געגעבן צו וויסן, אַז איינער פון די רעדאַקטאָרן פון דער „קאָמעדיע", אַ יונגערמאַן מיט אַ גרויסער צוקונפט, וואָלט וועלן, אַז זי, הגר, זאָל אים אויפנעמען.

הגר האָט אויף דעם גערן איינגעשטימט.

ווען זי איז אַריינגעקומען אין סאַלאָן, האָט זי זיך באַגעגנט אויג אויף אויג מיטן העֶר—קאַרקאַסאָן.

דער סעקרעטאַר פון באַראָן ראָטשילד איז רויט געוואָרן, ווען ער האָט זי דערזען.

הגר האָט זיך געמוזט אָנשפּאַרן אָן דער וואַנט.

זי האָט גאַנץ שטיל אַרויסגערעדט :

—דאָס זענט איר.

—איך בעט מיר אַנטשולדיקן, איך האָב נישט געוווּסט...

כ׳האָב מיר געוואָלט זען מיט פריילן דזשעסיקאַ.
זי האָט זיך שטיל אָפּגערופן:
— דאָס בין א י ך.
—איר!
—יאָ, איך. צי האָט איר דאָס נישט געוווּסט? קומט איר נישט פון ז י י?
—פון וועמען?
—פון זיי, פון די קאָלאָניסטן פון „באר-יעקב".
—ניין, מאַדאַם, ניין.
דעם באַראָנס סעקרעטאַר איז געווען גערירט און פאַרווונדערט, און האָט גערעדט שטאַמלענדיק:
—איך בעט נאָכאַמאָל מיר אַנטשולדיקן, — איך האָב מיך נישט אָריענטירט. איך וועל עס אייך גלייך אויפקלערן. עס איז גאַנץ איינפאַך. עס קאָן זיין, אַז איר ווייסט דערפון נישט, — אָבער ניין, איך דערמאָן מיך, אַז בעת די מאַדאַם איז געווען ביים באַראָן, האָב איך גערעדט וועגן דעם, אַז מיר איז איבערגעגעבן געוואָרן צונויפצוזאַמלען מיטלען פאַר אונדזערע קאָלאָניעס אין פּאַלעסטינע. אייער נאָמען, מאַדאַם, ריכטיקער, דער נאָמען פון פריילן דזשעסיקאַ, האָט זיך געטראָפן אויף דער ליסטע פון די יידישע פערזענלעכקייטן, וואָס קאָנען, ווי מען האָט געגלויבט, אונדז קומען צו הילף. און אָט צוליב דעם בין איך אַהער געקומען. גלויבט מיר, מאַדאַם, אַז איך האָב נישט געוווּסט... עס איז מיר זייער פּיינלעך. איך קאָן אַוועקגיין, אויב איר פאַרלאַנגט עס.
— ניין, איך בעט אייך, בלייבט.
זי האָט אים אָנגעוויזן אַ שטול. אַ קליין סיאַמיש קעצל, צוגעטוליעט צו איר, האָט זיך געשפּילט מיטן גאָלדענעם שנור פון איר קלייד.
— צי האָט איר נישט געהאַט פון זיי קיין ידיעות? צי האָט איר נישט קיין שום נייס פון „באר יעקב"?
ער האָט אַראָפּגעבויגן דעם קאָפּ.
— איך בעט אייך זייער, דערציילט מיר.

— יאָ, מיר האָבן צוויי מאָל באַקומען פון זיי ידיעות, נישט קיין פריילעכע.

— וואָס טוט זיך דאָרט?

— צרות. זיי האָבן קיין געלט נישט.

— וואָס הייסט? און דאָס געלט?—דאָס געלט, וואָס דער באַראָן האָט מיר צוגעזאָגט? האָט מען דאָס געלט נישט אַרויס-געשיקט?

— דאָס געלט, איז דורך מיר אָפּגעשיקט געוואָרן דעם אייגענעם טאָג. אָבער דאָס איז ווייניק.

הגר איז בלייך געוואָרן.

דער סעקרעטאַר האָט ווייטער געצויגן:

— יאָ, אַן אומגליק האָט זיך אָנגעזעצט אויף דער קאָ-לאָניע. סוף יאַנואַר האָבן מיר באַקומען דעם ערשטן בריוו. דאָרט האָט זיך גערעדט וועגן דעם אָפּמאַך מיט דער פראַנצויזישער אַרמיי.

— ריכטיק. זיי שטעלן צו ווייַן פאַרן מיליטער אין סיריע.

— יאָ, יאָ, איז די באַשטעלונג קוועסטיאָנירט געוואָרן פון דער פראַנצויזישער אינטענדאַנטור. דאַכט זיך, אַז די רעזער-וואַרן פאַרן ווייַן זענען עפּעס נישט אינגאַנצן אין אָרדענונג. קורץ: דער ווייַן איז קאַליע געוואָרן. די אינטענדאַנטור האָט דעם ווייַן נישט געוואָלט אָפּנעמען און דאָרט, אין געריכט, האָט זי דעם פּראָצעס געוואונען. דעם באַקומענעם אַוואַנס האָבן זיי געמוזט צוריק אומקערן.

הגר איז געווען דערשלאָגן.

—גאָט אין הימל, נו, ז'יז וואָס געשען?

— אין דעם בריוו, וועלכן איך האָב דערמאַנט, האָט זיך דעריבער הער כּוכבא ווידער געווענדט צום באַראָן וועגן ביי אכציקטויזנט פראַנק.

— און דער באַראָן האָט די סומע געגעבן, נישט וואָר?

— דער באַראָן, גנעדיקע מאַדאַם, איז פאַרוואָרפן מיט

אַזעלכע בקשות. איר קענט זיך גאָרנישט פאָרשטעלן זייער צאָל.
דער באַראָן מוז זיין זייער אויסגערעכנט אין די נרבות, וואָס
ער אַליין לייגט אַרויף אויף זיך. עס זענען פאַראַן אונטערגע-
מונגען, וואָס ווערן באַלד פון אָנהייב אַזוי שלעכט אוועקגע-
שטעלט, אַז וויפל געלט מען זאָל נישט אויסגעבן אויף צו שטיצן
זיי, איז עס פאָרויס שוין פאַרלוירן. אָבער איך גלויב, אַז —.
ער האָט געוואָלט אויפשטיין פון אָרט.
הגר האָט אים פאַרהאַלטן.
— בלייבט נאָך אַ ווײַלע.
און דאַן האָט זי צוגעגעבן:
— און איך—צי האָט ער וועגן מיר גאָרנישט געשריבן
אין יענעם בריוו?
— יאָ, ער האָט געשריבן. איך בעט מיר אַנטשולדיקן —
איך גיב איבער, וואָס איך ווייס. דער איינדרוק איז געווען, אַז
ער וויל עפּעס דערגיין וועגן אייך און גלייכצייטיק שרעקט ער
זיך דערפאַר!
—און וואָס האָט איר אים געענטפערט?
—דער הער באַראָן איז אַ מענטש זייער אַ געלאַסענער.
ער האָט אויסגערעכנט, אַז עס איז בעסער אָפּצוואַרטן ביז אַ
צווייטן בריוו. דערווייל וועט זיין צייט זיך צו אינפאָרמירן און
צו מאַכן שטיל די געהעריקע שריט.
הגר האָט נאָר האַלב געהערט, וואָס ער רעדט, און האָט זיך
שוין גענרייט צו דער ווייטערדיקער פראַגע:
—צי ווייסט איר נישט, וואָס ער מאַכט?
—ווער, הער כוכבא?
זי האָט באַשטעטיקט די פראַגע דורך אַ שאָקל מיטן
קאָפּ.
— דער בריוו, וועגן וועלכן איך האָב גערעדט, איז פון
אים אַליין געשריבן געוואָרן. נאַטירלעך, האָט ער אין אים גאָר-
נישט דערמאָנט וועגן זיין געזונט. דעם צווייטן בריוו האָבן מיר
באַקומען מיט דריי טעג צוריק. זיי בעטן ווידער די אַכציק-
טויזנט פראַנק. דער בריוו איז געשריבן פון אַ פרוי, אַ פריילן

אידע... איך קאָן מיר נישט דערמאָנען דעם פאַמיליע-נאָמען.

— אידע יאָקאַ?

— יאָ, יאָ, זי פאַרענטפערט דעם הער כוכבא. ער האָט נישט געקאָנט אַליין שרייבן דעם בריוו. מיר שיינט, אַז די פאַרבעסערונג אין זיין געזונטצושטאַנד איז געווען בלויז אַ צייט-ווייליקע.

ער האָט ווידער געמאַכט אַ באַוועגונג אויפצוגיין.

— נאָך איין מאָמענט, מיין הער: איך קום שוין אַריין צוריק.

זי איז מיט שנעלע טריט אַרויס פון סאַלאָן.

אין אַ ווײַלע אַרום איז זי צוריק אַריין. אין איר ציטערדיקער האַנט האָבן זיך געזען צעקנייטשטע באַנקנאָטן.

— דאָס איז פאַר אייער זאַמלליסטע. אָבער „באר-יעקב" מוז דאָך האָבן אַכציקטויזנט פראַנק!

— אַכציקטויזנט.

— אויב מיר וועט געלינגען אין משך פון דער וואָך צונויפשאַרן די סומע, וועט איר דאָך זיך אונטערנעמען זי איבערצושיקן? איר וועט דאָס מאַכן אַזוי, אַז מען זאָל זיך קיינמאָל נישט דערוויסן,—איר הערט?—פון וועמען דאָס געלט שטאַמט.

קארקאסאן האָט זיך געפילט נישט באַקוועם.

— איך בעט אייך זייער, מאַדאַם. מיר שיינט, אַז אייער פאַרלאַנג וועט זיך נישט לאָזן לייכט דורכפירן. מיר האָבן קיין רעכט נישט פאַנאַנדערצוטיילן די געזאַמלטע סומעס.

פאַר הגרן איז עס געווען זייער פיינלעך. זי האָט אויסגעשריען:

— אָך, געפינט עפּעס אַ מיטל. עס איז אומעגלעך, אַז איר זאָלט עס נישט קאָנען ווי עס איז איינאָרדענען.

קארקאסאן איז, קענטיק, געווען גערירט.

— הערט מיך אויס, מאַדאַם. איך וועל נאָך זען, איך וועל די זאַך באַטראַכטן. איך זאָג אייך צו, אַז מאָרגן... וועגן וואָס גייט דאָ אייגנטלעך? וועגן אַ נדבה, וואָס האָט אַ ספּעציעלע

באַשטימונג און וואָס קיינער דאַרף נישט וויסן, פונוואַנען זי קומט. איך מוזט, נאַטירלעך, דאָך באַקומען אין האַנט עפּעס אַ באַשטעטיקונג אויף דער סומע, וועלכע ס'איז קוויטירונג. דער קאָמיטעט קאָן אייך לייכט אַרויסגעבן אַ געהעריקע באַשטעטיקונג און הערביי צוגעבן אויסדריקלעך, אַז די נדבה איז באַשטימט געוואָרן פאַר אייער קאָלאָניע, פאַר דער און דער קאָלאָניע. אָדער ניין, דאָס וועט מען נאָך זען... איבעריקנס, זייט אַזוי פריינטלעך און קלינגט אָן צו מיר מאָרגן פרי. איך וועל אייך דאַן איבערגעבן גענוי, ווי די זאַך וועט זיך לאָזן מאַכן.

ער איז געווען צופרידן. די טעכנישע באַטראַכטונג פון דעם ענין האָט אים דערווייל צוריקגעגעבן זיין גלייכגעוויכט. ער האָט זיך באַהערשט.

הגר האָט אים באַגלייט צו דער טיר.

זי האָט אים נערוועיש געדריקט די האַנט און ווידער איבערגעחזרט:

— קודם כל, זאָלן זיי דאָרט קיינמאָל זיך נישט דערוויסן—גוט? זאָלן זיי בעסער מיינען, אַז איך בין געשטאָרבן... געשטאָרבן.

XIII

סוף מאַי איז געפּייערט געוואָרן די הונדערטסטע פאָר־שטעלונג פון דער רעווי, אין וועלכער דושעסיקאַ האָט דעביו־טירט.

דע־קאָנזש האָט געוואָלט, אַז דער באַנקעט זאָל ווידער פאָרקומען אין „קאַפּע דע פּאַרי". צו די דעמאָלטיקע איינגע־לאַדענע זענען איצט צוגעקומען נאָך עטלעכע אַנדערע, צוגע־צויגן פון דעם לאַנגדויערנדיקן דערפאָלג.

דאָסמאָל איז פאָל עלזעאַר נישט איינגעלאַדן געוואָרן. ער איז אָבער דעמזעלביקן טאָג געווען צוזאַמען מיט הגרן אויף פרי־שטיק ביים פירשט דע־ביעוור. דער אַלטער האָט שוין לאַנג געמאַכט צווישן זיי שלום.

זיי האָבן ביידע גלייכצייטיק פאַרלאָזן די וווינונג פון פירשט און זענען געגאַנגען צופוס. עלזעאַר האָט באַגלייט די טענצערין. געשמועסט ד'האָבן זיי וועגן גלייכגילטיקע זאַכן. שפּעטער זענען זיי ביסלעכווייז אַנטשוויגן געוואָרן.

ווען זיי זענען אַריין אין דער טראַקאַדעראָ־אַלייע, האָט הגר אויסגעצויגן די האַנט צו איר באַגלייטער.

— לאָמיר איצט גיין בעסער באַזונדער.

ווען ער האָט זיך אָפּגעשטעלט און נישט גענומען איר האַנט, האָט זי צוגעגעבן:

— מיר וועלן זיך זען היינט אין אָוונט אויף דער גע־גערעל־פּראָבע אין „וואָדעוויל". איך וועל קומען צום לעצטן אַקט. אַלנפאַלס, וועלן מיר אין פיר טעג אַרום ווידער פּריש־טיקן זאַלבעגאַנד ביי הער דע־ביעוור.

— איך וועל נישט קאָנען קומען. איך האָב פאַרגעסן, אַז גראָד יענעם טאָג האָב איך אַ באַנקעט ביי די זשורנאַליסטן.

— קאָנט איר זיך נישט פון דאָרט באַפרייען?

— אומבאַדינגט. אָבער איך ווייס נישט, טייערע פריינדין, צי וואָלט נישט געווען פאַר מיר בעסער, אַז מיר זאָלן זיך ווי־ניקער אָפּט באַגעגענען.

זי האָט איינגעבויגן דעם קאָפּ.

אַ הונדערט מעטער זענען זיי ווייטער געגאַנגען שווייגנ־דיק.

ווען זיי זענען צוגעקומען צום וואַשינגטאָן־מאָנומענט, האָט עלזעאַר פּלוצלונג אַ כאַפּ געטון הגרס האַנט.

— צום ווידערזען.

הגר האָט זיך שנעל פאַרקירעוועט אין דער זייט פון דער בואַסיע־גאַס. געגאַנגען איז זי מיט לאַנגזאַמע טריט און האָט זיך אומגעקערט אַהיים.

זי האָט געטראָפן דע־קאָנזשן, זיצנדיק ביי איר אין צימער. ער האָט געריכערט אַ פּאַפּיראָס, כאָטש ער האָט געוווסט, אַז זי קאָן קיין רויך פון טאַבאַק נישט איבערטראָגן.

זי האָט זיך אָפּגעהאַלטן פון מאַכן אים אַ באַמערקונג. זי האָט געפילט אין דער לופט עפּעס אַ מחלוקה און איר האָט זיך געוואָלט, אַז ער אַליין זאָל זיין פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער מחלוקה.

ער האָט עס נישט דערוואַרט און האָט אָנגעהייבן דער ערשטער:

— ביזט געווען אויף פרישטיק ביים פירשט דע־ביעוור?

— איך האָב דיר געזאָגט וועגן דעם נאָך אינדער־פרי.

— ווער איז דאָרט געווען?

— נאָר איך און פּאָל עלזעאַר.
— ער מיידט קיינמאָל נישט אויס.
— האָסט אויך געקאָנט זיין.
— פֿיין. דו מיינסט, אַז איך האָב עס נישט באַמערקט אירז באַשטימט די פֿרישטיקן שטענדיק פּונקט אין אַזעלכע טעג, ווען איך בין ערגעץ פֿאַרנומען. זאָל עס דער רוח נעמען—דעם קומענדיקן מאָל וועל איך האַלטן דעם פֿירשט ביים וואָרט און וועל קומען.
אַלע וועלן זיין זייער צופֿרידן. פֿאַרוואָס אָבער האָסטו מיר געזאָגט, אַז דו ווילסט זיך נישט באַגעגענען מיט עלזעאַרן?
ער האָט אַרויסגעבראָכט עטלעכע ווערטער, איז אויפֿגעשטאַנען, האָט אַרויסגעוואָרפֿן דורכן פֿענסטער דעם מונדשטיק פֿון נישט דערויסגערוכערטן פּאַפּיראָס און איז צוגעגאַנגען צו הגרן.
— דו ביזט צוריקגעקומען אין אויטאָמאָביל?
— ניין, צופֿוס.
זי האָט אים געקוקט גלייך אין די אויגן.
— עלזעאַר האָט מיך באַגלייט ביזן עק פֿון דער בואַסיעגאַס.
דע-קאַנזש האָט זיך נישט געקאָנט באַהערשן — ער האָט פֿריי אָפּגעאָטעמט.
— איך האָב געוווּסט וועגן דעם. איך האָב אייך געזען. אויפֿן אַלמאַ-פּלאַץ האָב איך אייך אויסגעמיטן. איך בין געווען אין אַן אויטאָ.
— אַהאַ! עס איז געווען אונטערגעשטעלט. האָסט מיך געוואָלט פּאַקן.
ער איז אַראָפּגעשלאָגן געוואָרן פֿון טראַפּ און האָט זיך צעהוסט.
— הער, איך וויל, דו זאָלסט מיך פֿאַרשטיין. איך ווייס, אַז דו ביזט אויפֿריכטיק און האָב צו דיר דעם פֿולסטן צוטרוי. איך בין נישט אייפֿערזיכטיק. עס גייט מיר וועגן מענטשן. איך וויל נישט, אַז מענטשן זאָלן מיך האַלטן פֿאַר אַן אידיאָט. על-

זעאַר איז אויף מיר אָנגעפֿאַלן...

— וואָס וואָלסטו געזאָגט, ווען עלזעאַר וואָלט נאָך דיין נייער רעווי אָנגעשריבן וועגן דיר אַ גוטע קריטיק?

ער איז געווען גערירט און האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ.

— דו גלויבסט, אַז ער וועט אויף דעם איינגיין? די בעסטע האָט שאַרפֿע ציין. בעסער איז צו לעבן מיט איםב בשלום. אָבער דאָס האָט ער דאָך אָנגעהייבן. איך זאָל מאַכן די ערשטע שריט—דאָס קאָן איך נישט.

זי האָט געהייבן די אַקסלען.

— מיט אַ מינוט צוריק האָסטו געזאָגט, אַז דו האָסט צו־טרוי צו מיר. אין דעם פֿאַל קאָנסטו עס ארויסווייזן. איצט וועגן עפּעס אנדערש. איך דארף האָבן געלט.

— מיט פֿארגעניגן. וויפֿל?

זי האָט אָנגעגעבן אַ סומע.

די ברעמען האָבן אים אַ ציטער געטון.

— פֿיו, פֿיו!

— האַלסט, אַז עס איז צופֿיל?

— נישט דאָס, מיין טייערע, נאָר...

— דו ווילסט וויסן גענויער?..

— ניין, ניין, נישט דאָס קומט מיר אויפֿן געדאַנק. איך וויל דיר נאָר זאָגן... עס גייט צו זומער, דער טויטער סעזאָן פֿארן „רעווי"־טעאַטער. די אויסגאַבן וועלן אָבער זיין טאָפּעלע. איך האָב געדונגען א ווילע אין דאָוויל. דאַן וועט מען דארפֿן א טראַכט טון וועגן ביאַריץ. איך זאָג עס דיר נאָר, דו זאָלסט וויסן, אז...

זי האָט אים איבערגעריסן.

—הער, דו האָסט מיך אליין געשטויסן אויף דעם וועג פֿון אַזעלכע גרויסע הוצאות. האָסט מיר עטלעכע מאָל איבערגעחזרט, אַז דאָס ליגט אין דיין פּראָגראַם. אָן אַנדערשמאָל, ביי די פֿערד־געיעגן אין לאָנשאַן, ביזטו געווען בייז: עמעצער האָט אין דיין בעגנוואַרט געלויבט די טואַלעטן פֿון זשאַק ריגאָס געליבטער, איוואָן.

דע־קאַנזש האָט זיך געפּילט שאַרף געטראָפן.

—און איך בין טאַקע גערעכט געווען. ריגאַ פאַרשפּרייט שוין איצט פּליאָטקעס, אַז ער האָט אין דעם סעזאָן באַקומען גרעסערע האָנאָראַרן פון מיר. מיט מענטשן, וואָס לאָזן זיך אַזוי לייכט „פּרייערן," ווי די דירעקטאָרן, פאַרשטייסטו, מוז מען...

—זעסטו שוין. מען דאַרף וויסן, וואָס מען וויל.

עס איז שווער זיך פאָרצושטעלן עפּעס מער מאַלערישעס, איידער די וווינונג פון פירשט דע־ביעזור אויף דער ווערנײ־גאַס.

די וווינונג האָט זיך געפונען אויפן ערשטן שטאָק.

די קליינע צימערן זענען געווען אַזוי טונקל, אַז שטענדיק האָבן דאָרט געברענט לאָמפּן. די מעבלירונג איז באַשטאַנען פון איבערבלייבענישן און זכרונות פון אַן אַלטן שטאַם, וואָס האָט אין משך פון זעקס יאָרהונדערט אָנגעהערט צו די ערשטע פאַ־מיליעס פון פראַנקרייך.

ביי דער רעפּוטאַציע פון אַ „לעכערדיקן זאַק," וואָס עס האָט אַזוי ערלעך פאַרדינט דער איצטיקער פאָרשטייער פון דעם שטאַם, איז דאָס אויך געווען אַ וווּנדער: ווי אַזוי האָבן זיך נאָך ביי אים דערהאַלטן אַזויפיל טייערע אַנטיקן, אויף וועלכע עס האָבן געלויערט סיי די בעלי־חובות, סיי די הענדלער.

דאָ האָט מען נאָך געקאָנט באַוווּנדערן אַ ביסל אַלטמאָדיש מעבל, זעלטענע פאַיאַנסן, אַלטן זילבער און אַלטע שטאָפן. דאָ איז נאָך אויך געווען לאַטורס אַ פּאָרטרעט, וואָס האָט פאָר־געשטעלט איינע פונם פירשטס עלטערבאָבעס מיט אַ געהיימניס־פולן שמייכל אויף דעם שטאַרק אָנגעפּודערטן פּנים.

דע־ביעזור האָט אָנגערופן דעם פּאָרטרעט — „מיין גע־וויסן."

אינעווייניק איז אויף אַלץ געלעגן דער אויסדרוק פון אַר־טיסטישער אומאָרדענונג.

מען האָט נישט געדאַרפט מער — דידאַקטישע ווייזונג נישט פון דער איצטיקער צייט האָט געקאָנט זיין נאָר אַן אָרט פאַר ספּעציעלע פאַרזאַמלונגען. דאָ האָבן זיך געקרייצט די וועגן פון דער גאַנצער פאַריזער געזעלשאַפט: עס האָבן ליב געהאַט זיך צו באַגעגענען דאָ די פאַרשטייער פון די פאַרשידנסטע געזעלשאַפט־לעכע שיכטן, פּאָליטישע און אַרטיסטישע גרופּירונגען.

אונטער די סאַרקאַסטישע בליקן פון פירשט דע־ביעוורס „געוויסן" האָט זיך דאָ געשאַפן אַ מין געטלעכער וואָפנשטיל־שטאַנד. די גרויסע דאַמע, שטאָלץ צוליב איר אָפּשטאַמונג, האָט גערן געדריקט די האַנט אַ פּרוי, מיט וועלכער זי וואָלט זיך אין אַן אַנדער אָרט זיכער נישט געוואָלט באַגעגענען. אַ בישאָף, אַ מיטגליד פון אינסטיטוט, האָט דאָ פריי זיך געקאָנט פאַרנויגן פאַר אַ באַרימטער טענצערין. דאָ האָט מען געקאָנט באַגעגענען צוויי פאַרביטערטע פּאָליטישע קעגנער, וועלכע שמועסן פּריוואַט־לעך אונטער דער שוץ פון אַ גאָטישער מאַדאָנע, וואָס האָט אויס־געשטרעקט צו זיי אירע פאַרגעבנדיקע אָרעמס.

נאָר אויף דער פּראָווינץ און אין אויסלאַנד וואָלט מען גע־האַלטן אַזאַ דערשיינונג פאַר אַ גוזמא אָדער פאַר אַ נישט מעג־לעכער זאַך.

פאַריז קוקט זיך צו צו אַזעלכע זאַכן און שמייכלט.

עס איז געווען שוין אַרום איינס בייטאָג, ווען דער לאַקאַי פון הער דע־ביעוור ד'האָט געמאָלדן, אַז דער פרישטיק איז גרייט.

דער אַלטער האָט זיך געווענדט צו זיין גאַסט.

—ווילסט, מיין קינד, גיין צום טיש?

—און פּאָל עלזעאַר?

—פּאָל וועט נישט קומען.

—ער איז פאַרנומען?

— איך בעט דיך, מיין טייערע, — פּאָל עלזעאַר איז נישט געקומען, ווייל איך האָב אים נישט געבעטן.

—אַך, אַזוי.

זי האָט גלייכצייטיק אָנגעשטרענגט איר אויפמערקזאַמקייט, גרייט זיך צו פאַרטיידיקן.

— איך האָב אים נישט איינגעלאַדן, ווייל איך האָב ספּעציעל מיט דיר עפּעס צו רעדן, מיין קליינע דזשעסיקאַ. עס גייט וועגן אַן ערנסטער זאַך. איר ווייסט, ווי ליב איך האָב אייך...

—איך ווייס.

—זייט-זשע דערפאַר זיך מודה פאַר מיר, אַז איר האָט ליב עלזעאַרן.

איר איז שווער אָנגעקומען אַרויסצוברענגען אַ שמייכל אויפן פּנים.

—איצט פאַרשטיי איך, פאַרוואָס ער איז נישט איינגעלאַדן געוואָרן. איר האָט באַשלאָסן צו רעדן מיט מיר אין זיין נאָמען.

אייער פרישטיק איז געוועזן אַ שטייגל, מיך אַריינצונאַרן.

דע-ביעוור האָט אַפילו נישט אַ פינטל געטון מיטן אויג.

— דאָס, וואָס איר זאָגט, איז נישט אינגאַנצן ריכטיק צוליב צוויי מאָטיוון: ערשטנס, ווייסט גאָרנישט פאָל עלזעאַר, אַז איך גיי דאָ רעדן פאַר אים; צווייטנס, ווייל איך דאָ באַרירן אַן ענין, וואָס גייט אָן קודם כל אייך אַליין, און נאָר אינדירעקט עלזעאַרן.

—איך פאַרשטיי נישט קיין וואָרט פון דעם אַלעם. דערקלערט מיר, וועגן וואָס עס גייט דאָ.

דער אַלטער האָט געקוקט אויף איר: עס איז געווען אין דעם בליק אַ מאָדנער געמיש פון צוגעבונדנקייט און מיטלייד.

—מיין קליינע דזשעסיקאַ, קודם כל מוזט איר מיר צוזאָגן, אַז איר וועט נישט פאַריבל האָבן אויף מיר פאַר דעם, וואָס איך וועל אייך זאָגן.

—צו וואָס די אַלע באַוואָרענישן? איר ווייסט דאָך, אַז איך האָב צו אייך דעם פולסטן צוטרוי.

—אויסגעצייכנט. ערשטנס, ווייל איך אייך איבערגעבן אַזוינס,

וואָס איר ווייסט עס זיכער נישט. בייזע ציינגער האָבן אייך גע־נומען אין דער אַרבעט. אַנומלט האָט זיך וועגן אייך געפירט אַ לעבעדיקער שמועס אין עפּעס אַ מאָדעסאַלאָן.

— פאַרוואָס לאָזן מיך מענטשן נישט לעבן רויק, בעת איך האָב מיט קיינעם גישט צו טון? וועגן וואָס האַנדלט זיך עס?

—די זאַך איז אַזוי פאָרגעקומען. אין אַ געזעלשאַפט פון ווייבער—די נעמען זענען דאָ נישט וויכטיק—האָט די לאַפּירינדע, נינא לאַזולי, זיך פונאַנדערגערעדט וועגן אייך. זי האָט דער־ציילט, אַז אייער פאַרבינדונג מיט דע־קאַנזשן וואַקלט זיך שטאַרק. אַלס באַווייז האָט זי געבראַכט זײַנע ריזיקע הוצאות אין דער לעצטער צייט. ווען זי האָט זיך שוין געהאַט ברייט פונאַנ־דערגעלאָזן וועגן דעם ענין, איז אָנגעקומען רענע. רענע איז אייער פריינדין. נינא האָט איר חלק באַקומען.

הגר האָט באַמערקט:

—איך וועל דאַנקען רענע אַוורי.

— ניין, דאָס טאָקע נישט. איך מוז זיין זיכער אין דעם, אַז אַלץ, וועגן וואָס מיר רעדן דאָ, וועט בלייבן צווישן אונדז. נאָר די זיכערקייט גיט מיר דעם מוט אייך צו זאָגן: רענע אַחרי איז אייער פריינדין, אָבער אין דעם פאַל איז נינא לאַזולי גע־רעכט.

—איך האָב אייך געבעטן: רעדט צו מיר קלאָר.

— מסכים. איך וויל מיך נישט אַריינלאָזן אין אייער אינ־טימען לעבן, כאָטש איך קאָן אייך בײַדן, און אויפן גרונט פון געוויסע פאַקטן קאָן איך דרינגען, אַז די טעמפּעראַטור פון איי־ערע געפילן איז אַ גאַנץ מעסיקע. אָבער איך גיי איבער דירעקט צום ענין. לויט די אינפאָרמאַציעס, וואָס איך האָב, קאָן איך אייך פאַרזיכערן, אַז דע־קאַנזש וועט לענגער, ווי נאָך אַ צוויי חדשים, נישט קאָנען פירן אַזאַ ברייט לעבן, ווי ער פירט איצט מיט אייך. ער האָט זיך שוין געפּרוּווט ווענדן צום טאַטנס קאַסע. אָבער דאָס איז פון זיין זייט אַ גראָבער טעות. דער אַלטער מיי־ער איז אַלאַרמירט וועגן דער גאַנצער געשיכטע. פאַרשטייט זיך,

אַז ער וועט דאָס אויסנוצן און אַריינשטעקן זיין נאָז אינם זונס געשעפטן. איך זע פאָר אינגיכן אַ קלאַסישע סצענע צווישן אייך און דעם געשיקטן סוחר פון דער סענטיע־גאַס. נעמענדיק אין אכט די אַ ביסל פרימיטיווע מאַניערן פון אָט דעם פּאַרשוין, דאַרף מען מורא האָבן, אַז די סצענע וועט געהאַלטן ווערן אין אַ פאָרם, וואָס וועט זיין גאַנץ ווייט פון יענער פאָרם, וועלכע מיר שעצן אַזוי הויך ביים גראַף ד׳אָבעל אָדער ביים הער דיוואַל. עס איז דעריבער בעסער, מיין קליינע, אויסצומיידן דעם פּאַרשוין. עס איז בעסער אַליין אָוועקצוּוואַרפן, איידער מען ווערט אַרויסגע־וואָרפן.

— צי האָט עס מאָל עלזעאַר אייך געבעטן מיר צו געבן אַזעלע עצות און אָנווייזונגען? אויב ער האָט עס געטון, טאָ זייט אַזוי פריינטלעך און זאָגט אים, אַז די געשעענישן, וועלכע ער זעט פאָר, וועלן מיך נישט טרעפן נישט צוגעגרייט.

—איצט מוז איך שוין פון מיין זייט פרעגן: וואָס מיינט איר הערמיט צו זאָגן?

זי האָט אַ ווײַלע געשוויגן און דאַן געענטפערט:

—איך גלויב, אַז איר זענט אַ פריינט פון הער גילאָרע.

—נו, וואָס ווייטער?

—מען האָט מיר געזאָגט, אַז ער באַזיצט אַ פאַרמעגן, דאָס גרעסטע איצט אין פּאַריז.

—מען האָט אייך נישט פאַרפירט. אָבער צו וואָס, צו אַלדי רוחות, רעדט איר מיט מיר וועגן הער גילאָרע?

הגר האָט געענטפערט טרוקן:

—אויב איר האָט געקאָנט רעדן מיט מיר וועגן הער על־זעאַר —

— לאָמיר ענדערן דעם טאָן פון אונדזער שמועס. על־זעאַר האָט אייך ליב. ליב — איר הערט? מיין קליינע דזשע־סיקאַ, איר געפינט זיך איצט אויפן שיידוועג. מען מוז אויס־קלייבן.

—אויסקלייבן—וואָס?

—וואָס אויסקלייבן? עלזעאַר האָט אייך ליב. עס קאָן זיין.

אַז איר האָט אים אויך ליב. ער איז אָבער אָרעם. צי וואָלט איר אײַנגעשטימט צו פירן מיט אים אַ באַשיידן לעבן? ער וועט זיך מיט באַגײַסטערונג אָן דעם אָנכאַפּן. אָבער איר?

דזשגר האָט אײַנגעבויגן דעם קאָפּ און נישט געענטפערט.

דער אַלטער האָט איבערגעחזרט די פראַגע:

—צי וואָלט איר אויף דעם אײַנגעשטימט?

ער האָט געקוקט אויף איר מיט אַן אומענדלעכער גוטסקייט און האָט אומרויִק נאָכגעפאָלגט די באַהאַלטענע סיבות פון דעם קאַמף, וואָס האָט זיך געפירט אונטער איר שיינעם גלאַטן שטערן.

—אײַער שווײַגן איז אַן ענטפער, — האָט ער באַמערקט.— איך האָב פאַרשטאַנען, אַז איר קאָנט אויף דעם נישט אײַנשטימען. איך בין געווען נאַיִוו, רעדנדיק מיט אײַך וועגן עלזעאַרן.

דזשגר האָט זיך אָפּגערופן מיט אַ ווייטיקלעכן אָפּגעטאָטעמען:

— אַזוי גלויבט איר. וואָס גיט אײַך דעם גרונט אַזוי צו טראַכטן? ווען איר וואָלט וויסן...

ער האָט גענומען איר האַנט און זי געקושט.

— מײַן אָרעם קינד, מיט וועלכן רעכט וואָלט איך אײַך געקאָנט פאַראורטיילן? אין אַ געוויסער מאָס זענען מיר אײַגנטלעך ביידע מענטשן פון איין שניט. מיר זענען צוויי באַשעפעניש, וואָס מוזן האָבן לוקסוס, לוקסוס און נאָכאַמאָל לוקסוס. איצט האָב איך אײַך פאַרשטאַנען, נײַן? איר דאַרפט מיר מער נישט דערקלערן, פאַרוואָס איר האָט מיט אַ ווײַלע צוריק גערעדט מיט מיר וועגן הער גילאַרע.

זי האָט אומעטיק געשוויגן.

ער האָט נאָך אַלץ געהאַלטן אין זײַן פויסט די האַנט פון דער טענצערין און האָט זי מאָדנע שטאַרק געדריקט.

די שטים האָט אים געציטערט. די ליידנשאַפט, וואָס זעט אויס אַזוי עקלדיק אויף געוויינלעכע פנימער, האָט זײַן פנים צו

צוגעגעבן דעם אויסדרוק פון עפעס א פיינלעכער גרויס־קייט.

—עלזעאַר,—האָט ער געזאָגט,—קאָן נאָך האָבן פּרעטענזיעס אויף ליבע. ער איז יונג. הער גילאַרע האָט אַ פאַרמעגן. איך, דזשעסיקא, האָב געהאַט אַמאָל אי איינס, אי דאָס צווייטע, און ווען איך וואָלט עס איצט געהאַט — נישט וועגן זיי וואָלט איך מיט אייך גערעדט. איך ווייס נישט, צי איר גיט זיך אָפּ אַ רע־כענונג דערפון, אַז איך אויך, מיין טייערע...

זי האָט געקוקט אויף אים מיט אַן אומעטיקער פאַרווונ־דערונג.

ער האָט אַ פיר געטון מיט דער האַנט איבערן שטערן:

—צו אַלדי רוחות, וואָס בין איך פאַר אַן אידיאָט! מען דאַרף מיר אַנטשולדיקן, נישט וואָר? זאָגט מיר ווייניקסטנס, אַז איך בין נישט געווען זייער קאָמיש. דאָס איז אַ ביסל אויך אייער שולד. איך געדענק שוין נישט, ווער עס האָט געשריבן—אַ שווער אומגליק איז אַ שיינע פרוי.

הגר האָט שטיל זיך אָפּגערופן:

— אמת. מען קאָן קיינמאָל נישט האָבן קיין ריכטיקן פריינט.

— דזשעסיקאַ, שטראָפט מיך נישט מיט אַזעלכע ווערטער. געענדיקט—איך שווער אייך. ביי וואָס האָבן מיר זיך אָפּגע־שטעלט? אָך, יאָ, מיר האָבן גערעדט וועגן דעם אָרעמען גילאָ־רע. דער ערלעכער מאַן האָט איצט זיינע דרייטיק מיליאָן און עס איז נישטאָ קיין סיבה, פאַרוואָס ער זאָל אין זעקס חדשים אַרום נישט האָבן זעכציק. אין דער האָש־אַלייע האָט ער אַ פּאַ־לאַץ, וואָס איז גרויס, ווי די קאַטעדערע. ער האָט אָפּגעקויפט ביעוור און ווילעס האָט ער זיך אָפּגעקויפט אין אַלע מאָדערנע קורערטער. ער פאַרשטייט, אַז ער זיך אליין שולדיק אַ מעט־רעסע, וואָס איר פּאָפּולאַריטעט זאָל זיין צוגעפּאַסט צו זיינע הכנסות. פאַרשטייט זיך, אַז איין וואָרט זיינס, דזשעסיקאַ, וועט גענוג זיין, און עס וועט זיך נישט געפינען מער קיין איין פרוי אין פּאַריז, וואָס זאָל זיין אַרומגערינגלט מיט אַזאַ לוקסוס, ווי

איך ווייס, וועגן דעם אלעם, אָבער דאָך בעט איך מיר דער־לויבן נאָכאַמאָל אייך צו זאָגן: טוט אַ טראַכט וועגן פּאָל על־זעאַר.

ער האָט נישט געקוקט אויף איר. ער האָט דעריבער נישט געקאָנט זען, ווי שווער איר איז אָנגעקומען צו דערהאַלטן דעם רויִקן אויסדרוק אויפן פּנים.

— הערט מיך אויס,—האָט זי געזאָגט.—אין דעם מאָמענט קאָן איך אייך געבן נאָר איין ענטפער. דע־קאַנזש קאָן זיך האָבן נישט איין פּרעטענזיע און נישט איין פאָרוואורף מיר צו מאַכן. מיט מיר איז עס אָבער אַנדערש. ער האָט מיר געהאָלפן אין מיינע ערשטע אַרויסטרעטונגען און איך קאָן דאָס אים נישט פאַר־געסן. איך וועל קיין זאַך נישט באַשליסן, ביז ער וועט מיר נישט געבן צו פילן, אַז איך שטיי אי[illegible] אין וועג. איר פאַרשטייט די זאַך צו גוט און איר ווייסט, אַז אַזעלכע פרויען, ווי מיר זענען, האָבן אויך אונדזער ערנפּונקט.

ער האָט נישט געענטפערט. זי האָט גענומען זיין האַנט.

—אַלץ זעט אויס קעגן מיר,—נאַטירלעך. אָבער דאָך גייט מיר שטאַרק אום דעם, אייך נאָך עפּעס צו זאָגן. איך וויל, איר זאָלט מיך אויסהערן און גלויבן, און נישט פאַרלאַנגען פון מיר קיין אויפקלערונגען, וועלכע איך וואָלט נישט געקאָנט געבן. ווען איך וואָלט געווען פריי,—הערט מיך גוט אויס,—ווען איך וואָלט געווען פריי, וואָלט איך מיך אָפּגעגעבן עלזעאַרן.

דער אַלטער איז געווען גערירט.

—איך גלויב אייך, אויף מיין וואָרט, איך גלויב אייך, מיין געהיימניספולע פריינדין.

הגר אַליין האָט בעסער פון אַלעמען געוווּסט, אַז נינא לאַ־זולי איז גוט אינפאָרמירט. זי האָט בלויז געהאָפט אויף דע[illegible], אַז איר וועט געלינגען איבערצורייסן די באַציונג מיט דע־קאַנזשן אָן אַ סקאַנדאַל.

איינגעגעבן האָט זיך עס איר כמעט איינגאַנצן. זי האָט אָבער נישט געקאָנט באַווייזן אויסצומיידן די פייגלעכע סצענע, וואָס איז פאָרגעקומען אין אַ צוויי וואָכן אַרום נאָך דעם שמועס מיטן פירשט דע-ביעוור.

זיי זענען ביידע געווען אויף מיטאָג אין בולאָנער וועלדל אין דער געזעלשאַפט פון רענע אַוורי, איר פריינט דאַמבידא און נאָך עטלעכע אַנדערע פּערזאָנען.

אין דער גאַנצער צייט פון מיטאָג האָט דע-קאָנזש נישט געעפנט דאָס מויל. נאָכן מיטאָג איז ער גלייך אַוועקגעגאַנגען און בלויז אַ ברום געטון אַ פּאָר ווערטער כלומרשט זיך צו פאַרענט-פערן.

אַרום האַלבע נאַכט האָבן רענע אַוורי און הער דאַמבידא אָפּגעפירט הגרן צו איר אַהיים אויף דער ווינייז-גאַס.

דע-קאָנזש איז נאָך נישט געווען.

הגר האָט איבערגעטון אַן אַנדער קלייד, האָט זיך איינ-געגראָבן אין אַ פאָטעל און געוואַרט מיט אַן אָפן בוך אויפן שויס.

דאָס בוך האָט זי אינגאַנצן נישט געלייענט.

דע-קאָנזש איז געקומען נאָך צוויי ביינאַכט. ער האָט נישט אַרויסגערעדט צו איר קיין איין וואָרט. זיין פּנים איז געווען אָפּ-געצונדן, ווי ביי אַפּאָפּלעקטיע.

ער האָט אויסגעטון דעם סמאָקינג, האָט זיך אַ וואָרף גע-טון אויפן בעט און גענומען גיין איבערן צימער — די הענט אויף הינטן פאַרלייגט און מיט אַן אַראָפּגעלאָזענעם קאָפּ.

גייענדיק אַזוי הין און צוריק, האָט ער זיך פאַרטשעפּעט אָן אַ שטול, האָט זי אומגעוואָרפן און איז דערביי שיער נישט אומגעפאַלן.

הגר האָט מיט אַן עקל-געפיל באַמערקט, אַז ער איז שיכור.

פּלוצלונג האָט ער זיך אַרויסגעריסן:

— דו האָסט נישט אָנגעטון נעכטן דעם פּערל-האַלדז-באַנד.

—דו האָסט אַ טעות. איך האָב אים יאָ געטראָגן.

—און היינט אין אָוונט אויך?

—ניין, היינט נישט.

—ער געפעלט דיר שוין נישט מער?

—וועגן וואָס גייט דיר?

—איך וועל דיר באַלד אויפקלערן! ווו איז דער האַלדז־?

—פונוואַנען האָט זיך גענומען צו דיר די פאַנטאַזיע?

—איך פרעג דיך, ווו איז דיין פערל־האַלדזבאַנד? איך וויל אים זען.

זי האָט אַרויסגענומען פון אַ שיפלעדל פון טואַלעטטישל אַ שקאַטולקע און זי געעפנט.

—אָט איז ער. ווערסטו מיר איצט דערקלערן, וועגן וואָס דאָ גייט?

ער האָט געברומט:

—נאָך דאָס האָט געפעלט. דו פאָדערסט נאָך אויפקלערונ־גען פון מיר? האָב נישט קיין מורא, איך זאָג דיר צו, אַז באַלד וועט קומען דיין ריי.

ער האָט אַרויסגענומען דעם האַלדזבאַנד פון דער שקאַ־טולקע און האָט געגלעט די פערל.

—נישט מיאוס, אמת? ווירקלעך נישט מיאוס. געפעלט דיר דער האַלדזבאַנד?

—יאָ.

—יאָ? גוט. זע, וואָס איך טו.

ער האָט צעוואָרפן די פערל אויף דער פאָדלאָגע און, אַ צעיושעטער, האָט ער זיי געטרעטן מיט די פיס.

עס האָט זיך געהערט דער קריץ פון צעשטויסן גלאָז.

הגר האָט זיך נישט גערירט. זי איז נאָר זייער בלייך גע־וואָרן. אויף אירע ליפן האָט זיך באַוויזן אַן אַרויסרופנדיקער שמייכל.

דע־קאַנוש איז אינגאַנצן ווילד געוואָרן אין זיין רציחה.

—אַך, דו אויסוואורף, דו געמיינע נשמה! האָסט געמיינט, אַז איך וועל מיך נישט דערוויסן? און דיין קייטל מיטן שאַפיר—פאַרקויפט, דאָס אויך אויסגעטוישט אויף פאַלשע שטיינדלעך? און די שמאַראַגדן פאַלשע, און דיין סאָליטער אויך אַ פאַלשער—אַלץ, אַלץ, דו הולטייקע, הולטייקע איינע!

זי האָט זיך אויסגעגלייכט און אים אַרויסרופנדיק אָנגעקוקט.

ער האָט זי נישט געזען און האָט ווייטער געשריען:

—אַזוי גאָר! האָסט מיך געהאַלטן פאַר אַן אידיאָט. דאָס פריילן ווייסט נישט, אַז פאַריז איז אַ קליין, אַ גאַנץ קליין שטעטל, אַז לסוף דערוויסט מען זיך דאָ אַלץ. איך קאָן מיר זיין אַשריפטשטעלער, אָבער גלויב מיר, איך קען מיך אויף צירונג. איך האָב געוווסט, וווּ צו זוכן. האָב נישט קיין מורא. איך האָב אַרויסגעקריגן דעם נאָמען פון דעם גנבישן יוּווילער, מיט וועלכן דו האָסט דיך צונויפגערעדט. דאָס וועט אים אַזוי גלאַט נישט אַדורכגיין.

הגר האָט קאַלט זיך אָפּגערופן:

—דער יוּווילער האָט דערמיט גאָרנישט צו טון. די צירונג האָט געהערט צו מיר. יאָ... איך האָב עס פאַרקויפט. דאָס גייט אָן גאָר מיך אַליין.

—האָסט עס אויסגעביטן אויף פאַלשע בריעזלעך?

דער רינשטאָק איז געווען אָפן. דע-קאַנזש האָט אַרויסגעוואָרפן פון זיך אַ שטראָם מיט שמוציקע זידלערייען.

—צוויי־הונדערט טויזנט פראַנק די פּערל — הונדערט טויזנט די בריליאַנטן,—הונדערט טויזנט דער שאַפיר מיט די שמאַראַגדן! פיר־הונדערט טויזנט פראַנק האָסטו אויסגענאַרט פון מיר, דו געמיינע...

הגר האָט זיך אָפּגערופן:

—גענוג.

—וואָס, דו האָסט נאָך די חוצפה צו רעדן! האָסט מיך געהאַלטן פאַר אַ ייִנגעלע, מיין קליינע, איך האָב שוין לאַנג נאָכ-

געשפּירט דיינע מאַכינאַציעס. איצט רעד, דערקלער. זינג אַרויס-אַלן.

ער האָט זי אָנגעכאַפּט פאַרן האַנט.

זי האָט אים אָפּגעשטויסן. ער איז אומגעפאַלן און האָט זיך צעקלאַפּט אָן דער קאַנאַפּע.

—האַ! דערהרגענען ווילסטו מיך איצט? וואַרט אַ ביסל. לאָמיך נאָר מיט דיר זיך אָדורכרעדן. פינפהונדערט טויזנט פראַנק, יאָ, איבער פינפהונדערט טויזנט פראַנק האָסטו פון מיר אויסגענאַרט, די גנבטע. רעד, זאָג, ווו זענען זיי? וואָס האָסטו מיט זיי געמאַכט?

הגר האָט שטיל, אָבער שאַרף אַרויסגערעדט:

—שווייג.

זיין שטימע איז אָפּט איבערגעריסן געוואָרן דורך שלוקערצן, אָבער ער האָט געצויגן ווייטער זיין מאָנאָלאָג פון געמיינהייטן.

—רעד. ווילסט נישט? גוט. וועל איך רעדן. יאָ, איך. מען קען דיך גוט, מיין שענהייט, מיין נישט. מען ווייסט, פונוואַנען דו קומסט. איך בין אַלץ דערגאַנגען. קעלערשטובן, שאַנדהייזער אין סאַלאָניקי, אין פּערא — דו מיט דער צווייטער גאַסנמויד, רענע צוורי. און דאָס קומט צו פאָרן קיין פראַנקרייך, אַרויסצונאַרן פון אונדז געלט. פּאָליציי! פּאָליציי!... פינפהונדערט טויזנט פראַנק! וואָס האָסטו מיט דעם געלט געטון? האָסט עס אַוועקגעשיקט דאָרט, יאָ? דאָרט אַהין, אין דער בלאָטע, פונוואַנען דו ביזט געקומען...

—שווייג.

הגר האָט עס איבערגעחזרט דאָסמאָל מיט אַזאַ שטים, אַז אויף אַ סעקונדע איז ער, אַ פאַרוווּנדערטער, אַנטשוויגן געוואָרן.

—אָך, שווייגן! אָך, אָך! אויסגעצייכנט. איך זאָל שווייגן. רעד זשע דו. נו, ווייטער, ווייטער! זאָג מיר, ווי ער הייסט, ווי הייסט דער פראַנט, וועלכער האָט דיך אַרויסגעשיקט אַהער פאַרדינען, דער אַלפאָנס, דער...

דאָס וואָרט איז אים געבליבן שטעקן אין האַלדז.
דאַסמאָל איז הגר צוגעגאַנגען צו אים.
ער האָט זי אָנגעכאַפּט פאַרן אָרעם.
—וואָס האָסטו געזאָגט? זאָג עס איבער נאָכאַמאָל — וואָס האָסטו געזאָגט?
אַן איבערגעשראָקענער און צוגלייך אַ צעווילדעוועטער, האָט דע-קאַנזש געשריען:
—יאָ, איך וויל וויסן דעם נאָמען פון דעם סוטענער!...
הגר איז צוגעשפּרונגען צום עק צימער, האָט געעפנט אַ קליינע ביורקע, אַרויסגענומען פון דאָרט אַ קאָנווערט און פון אים אַרויסגעצויגן עפּעס פּאַפּירן.
—קוק, אויב דו ווילסט.
ער האָט געבעלעבעטשעט האַלב אַן אויסגעניכטערטער:
— האַ—וואָס איז עס? וואָס הייסט עס? ביזט משוגע גע-וואָרן? וואָס טוט זיך דאָ?
ער האָט געהאַט פאַר זיינע אויגן קוויטונגען אויף הונדער-טער טויזנטער פראַנקן, אַרויסגעגעבן פון די הילפסקאַסעס פאַר די קאָמיטעטן פון א ר ץ-י ש ר א ל.
—דזשעסיקא, וואָס איז דאָס? דערקלער מיר. איך הייב נישט אָן צו פאַרשטיין.
הגר האָט אויסגערופן מיט אַן אַקצענט פון האַרטער שנאה, וואָס האָט אים צעשמעטערט:
—זיין נאָמען? דעם נאָמען פון מיין אַלפאָנס, האָסטו גע-זאָגט? דיינע אָרעמע ברידער זענען עס, דו אויסוואורף איינער

XIV

— נו, מיין טייער קינד, — האָט דער אַלטער פירשט זיך אָפּגערופן, — אָט איז אַ פרימאָרגן, וואָס איז נישט געגאַנגען פאַרלוירן. איר זענט צופרידן פון מיין גערטנער, אמת?

— זייער צופרידן, — האָט הגר געענטפערט. — עס איז ערשט אַ וואָך אינגאַנצן, און שוין זענען די גראָזבייטן און די בלומען־אַלייען געענדערט, נישט צום דערקענען.

— איך האָב פריער געוווּסט, אַז עס וועט אַזוי זיין. פאַרגעסט נישט, אַז דער גערטנער פראָספער איז דאָ געבוירן געוואָרן. די נחלה איז געווען מער זיינע, איידער מיינע.

— פאַרוואָס איז אַזוי שווער אָנגעקומען אים אַהער צוריקצוברענגען?

— איר צווינגט מיך אייך אויסצוזאָגן דעם אמת: ער איז געווען צו מיר זייער צוגעבונדן. עס איז מעגלעך, אַז גילאַרע האָט אים נישט באַהאַנדלט, ווי געהעריק, נאָכן קויפן דאָס גוט. מענטשן, וועלכע זענען מיטאַמאָל רייך געוואָרן, מאַכן געוויינלעך איין פעלער — זיי מיינען, אַז פאַר געלט קאָן מען צולין דערגרייכן. איבעריקנס, פראָספער איז צוריק דאָ, און דאָס איז דאָס וויכטיקסטע.

— איז ער צופרידן?

דער אַלטער האָט געענטפערט האַרציק:

—מיין טייערע דזשעסיקאַ, ווער וואָלט עס געקאָנט זיין ביישט צעפרידן, דינענדיק דיך?

—לאָמיר איבערגיין אין דער זייט פון גרויסן באַסיין. איך וויל אייך עפּעס ווייזן.

זיי זענען פּאַמעלעך אַראָפּגעגאַנגען איבער מירמלנע שטיגן, וועלכע זענען פון דער צייט אויסגעטרעטן געוואָרן. אַרום און אַרום האָט אַ געדיכטעניש פון הערבסטבלעטער זיך געפּאַליעט אויפן פּאַן פון אַ געלבלעכן הימל. אין דער לופט האָט זיך געשפּירט דער ריח פון פאַרברענט האָלץ, וואָס האָט אַרויסגערופן אין געדאַנק די ערשטע ציטערניש פון דער ווינטערדיקער קעלט.

זיי זענען שווייגנדיק צוגעקומען צום וואַסערשפּיגל. אַ טויטע פּאַליע האָט זיך געוויגט צווישן גלאַנץ און פינסטערניש אין דער ווייסקייט פון דער הונדערטיעריקער שטיינערנער ראַם ארום. פון ביידע זייטן האָבן זיך אויפגעהייבן צוויי בראָנזענע סטאַטועס, —אַ יונגער אַפּאָלאָ און אַ יונגע געטין. ביידע האָבן געהאַלטן אָנגעצויגענע פיילנבויגנס און געצילט די פיילן אויפן מיטן פון באַסיין.

זי האָט אָנגעוויזן אויף דער סטאַטוע פון דעם בויגנשיסער.

— זעט.

דער אַלטער האָט אויסגעשריען פון פרייד:

— אַפּאָלאָ פון קרעטאַ! ווי אַזוי האָט איר אָפּגעזוכט די סטאַטוע?

—דאָס מזל האָט מיר געדינט. מיט צוויי חדשים צוריק, אין סעפּטעמבער, האָב איך געזוכט אַ קליינעם פּאַלאַצל אויף די ברעגעס פון לאַאַר און דאָרט האָב איך געמאַכט די אַנטפּלעקונג. איר דערמאָנט זיך — איר האָט מיר אַמאָל געוויזן אַ גראַווירבילד פון אייער פּאַרק מיט דער סטאַטוע. איך האָב זי גלייך דערקענט. איך האָב געבעטן דעם הער גילאָרע, ער זאָל זי אָפּקויפן און ברענגען אַהער.

דער אַלטער פירשט איז צוגעגאַנגען נענטער און באַקוקט די סטאַטוע.

— אונדזערע איז צעקלאַפּט געוואָרן אין יאָר 1830. דער זיידע מייגער און דער טאַטע האָבן אַנגעווענדט אַלע מיטלען, אַפּצעזוכן אַ ברודער פאַר דער אָרעמער, פאַראייניזאַמטער דיאַ-נאַ. איך גראַטולירע אייך. אין איין חודש האָט איר דערגרייכט אַ רעזולטאַט, אויף וועלכן גענעראַציעס האָבן געאַרבעט אין משך פון אַ יאָרהונדערט. געפעלן אייך, מיין טייערע, אָט די אַלע צאַצקעס?

זי האָט געמאַכט מיט דער האַנט אַ באַוועגונג, ער זאָל זיך זעצן לעבן איר אויף דער באַנק לעבן באַסיין. אַ לייכט ווינטל איז איינגעשלאָפן איבערן וואַסער, וואָס האָט אין זיין קלאָרן שפיגל אָפּגעשלאָגן דעם גרינלעכן בראָנז פון די סטאַ-טועס און אַ שטיקל בלייכן הימל, אונטער וועלכן עס איז גע-פלויגן אַ שוועלבל.

נאָך אין אָנהייב יולי האָט הגר זיך אַנטשלאָסן אָנצונעמען די פאַרערונגען פון הער גילאָרע,—ער איז געווען משוגע פאַר-ליבט און פול מיט אַכטונג און דאַנקבאַרקייט.

מיט דע-קאַנזשן איז זי זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען ווי ווייט מעגלעך קאָרעקט, אָן אוואַנטורעס, אַזוי, אַז די מענטשלעכע בייז-וויליקייט און די געוויינלעכע רכילות-טרייבערי האָבן גאָרנישט געהאַט אויף וואָס זיך אַרויפצוואַרפן.

דער אַלטער מייער האָט צוגערעדט דעם זון, ער זאָל פרגעץ אוועקפאָרן. דע-קאַנזש איז אַרויסגעפאָרן אין דער שווייץ. צוריקקומענדיק, האָט ער מיטגעבראַכט מיט זיך אַ טעאַטערשטיק אין דריי אַקטן. דאָס שטיק איז אויסגעשטעלט געוואָרן אויף איי-נער פון די גרויסע בולוואַר-בינעס און איז דורכגעפאַלן „מיטן קנאַק".

די פּסיכאָלאָגישע דראַמע איז נישט געלעגן אין די מעג-

לעביין פון דעם געוועזענעם געליבטן פון פריילן דזשעסיקאַ.

דע-קאַנזש האָט זיך צוריק גענומען צו זיינע רעווים. אין דער פרעסע האָט מען שוין וועגן זיי גערעדט און זיך אַפילו אַנטציקט מיט איין זאַך, וואָס די רעפעטיציעס פון דעם זענען שוין פאָרגעקומען אין טעאַטער „פאָלי בערזשער”, אונטער דער לייטונג פון אויטאָר.

מען האָט גערעדט, אַז דאָס וועט זיין אַ מין ענטפער אויף דער רעווי פון זשאַק ריגאָ, וואָס איז צוגעגרייט געוואָרן אויפן פופצעטן נאָוועמבער אין „קאַזינאָ דע פאַרי”, מיט דער באַטייליקונג פון דער טענצערין דזשעסיקאַ.

דזשעסיקאַס דערפאָלג איז געוואַקסן פון טאָג צו טאָג. זי האָט זיך באַצויגן דערצו גאַנץ רויק: נישט זי האָט זיך געוווּנדערט, נישט זי האָט זיך געפרייט.

אָנשטאָט דעם פריערדיקן קליינעם פאַוויליאָן אויף דער וויניין-גאַס, האָט די טענצערין איצט באַוווינט אַ בארימטן פאַלאַץ, וואָס פאַר זיינע גרויסע פענסטער האָבן זיך געצויגן ברייט אויסגעשפרייטע בלומענאַלייען. פעסטע רייסע אויטאָס, אַזוי ווי מלחמה-מאַשינעס, האָבן זיך אַלע ווײַלע אָפּגעשטעלט מיט אַ גערויש פאַרן איינגאַנג.

אין דער עכטקייט פון די פערל און די צירונג, מיט וועלכע הגר האָט זיך איצט געפּוצט, וואָלט שוין דע-קאַנזש אַליין אויך נישט געקאָנט צווייפלען. גילאָרע האָט איר אַזוי פאַרשיט מיט געלט, אַז זי האָט שוין נישט געדאַרפט מער אָנווענדן אירע געהיימע מיטלען, כדי צו קאָנען שענקען די באַהאַלטענע נדבות.

דער אויסגעצייכנטער הער גילאָרע! ער איז ווי געהעריק אויסגעמושטירט געוואָרן פון אַלטן פירשט דע-ביעוור און האָט פאַרשטאַנען, אַז די ערשטע פליכט פון אַ מאַנספערשוין, וואָס איז ווערט דעם נאָמען, איז — נישט צו פאָדערן קיין ברוטאַלן פרייז פאַר דעם, וואָס ער שענקט.

גילאָרע האָט באַגריפן, אַז דזשעסיקאַ האָט אים גענוג אָפּ-

געדאַנקט שוין דערמיט אַליין, וואָס זי איז געוואָרן אָפּיציעל זיין געליבטע.

ער איז אַזוי־ערנאָך געווען אַ געליבטער, וואָס פּאָדערט אַמווייניקסטן און לאָזט זיך אַממערסטן קאָסטן.

אין אַזעלכע פאַלן איז קודם כּל וויכטיק די פראַגע פון דער פּערזענלעכער אייגנליבע, און אין דעם זין האָט הער גי־לאָרע געהאַט אַ גוטע קאָרט אין האַנט. די טענצערין דזשעסיקאַ האָט זיך אויפגעפירט מוסטערהאַפט. די סאַמע ערגסטע בייזע צינגער האָבן גאָרנישט געקאָנט אויפטון קעגן איר און קיין איין רכילות נישט געקאָנט צוטראַכטן אויף איר חשבון. זי איז גע־ווען פריער געטריי דע־קאַנזשן, און פּונקט אַזוי איז זי איצט געווען ערלעך אין דער באַציונג צום גליקלעכן הער גי־לאָרע.

אין יולי זענען זיי ביידע אַרויסגעפאָרן קיין דאָוויל. פון דאָרט זענען זיי געפאָרן אין אַן אַנדער קוראָרט און דאַן קיין ביאַריץ.

סוף זומער האָט מען אָנגעהייבן רעדן וועגן אומקערן זיך קיין פּאַריז — אויף דער טענצערין האָבן געוואַרט נייע רע־פּעטיציעס. זי האָט געדאַרפט אַרויסטרעטן אין אַ ניי שטיק פון זשאַק ריגאָ.

הגר האָט אָבער נישט געוואָלט נאָך צוריקפאָרן קיין פּאַ־ריז, און איר פריינט גילאָרע האָט אויף דעם גערן איינגע־שטימט.

דער אָקטאָבער איז געווען אַ מילדער און אַ רעגנ־דיקער.

די פעלדער און וועלדער פון ביעוור האָבן געהאַט אַ וווּנ־דערלעך ציציענדיקע ווירקונג אויף הגרס אומרויִקער און אומע־טיקער נשמה, און הער גילאָרע האָט גאָרנישט געהאַט קעגן דעם,

אַז זי זאָל נאָך אַ ביסל צייט פאַרברענגען אין דער אַלט... נחלה.

ער האָט בלויז מורא געהאַט דערפאַר, אַז איר וועט ד... פעלן דער געהעריקער קאָמפאָרט. דער פּאַרק איז געווען פ... לאָזן, די הייזער האָט מען געדאַרפט וואָס גיכער פאַריכטן.

הגר איז גראָד פון דעם אַלעם געווען אַנטציקט.

זי האָט געבעטן דעם פּריינט גילאָרע, ער זאָל איר לאָזן דאָס אַלץ ברענגען אין אָרדענונג. דערביי האָט זי צוגעגעבן, אַז זי וואָלט וועלן זיך באַראַטן וועגן די זאַכן מיטן פירשט דע-ביעוור.

הער גילאָרע איז געווען דערפון העכסט צופרידן. ער אַליין וואָלט קיינמאָל נישט געוואַגט זיך צו ווענדן וועגן דעם צו דעם פריערדיקן אייגנטימער פון דעם מאַיאָנטעק, צום אַלטן פירשט. איצט איז געקומען הגר און זי נעמט עס אויף זיך, און זיין דערלויבעניש באַטראַכט זי נאָך, ווי אַ העפלעכקייט פון זיין זייט — ער האָט פשוט נישט געוווסט, וואָס צו טון פון שמחה.

דער אַלטער דע-ביעוור האָט אָנגענומען דעם פאָרשל... אָן שום וואַקלעניש.

ער איז געווען גליקלעך פון דער געלעגנהייט, צו זען נאָכאַמאָל זיין ערד. דאָס גליק האָט אפשר אויך געהאַט אַ שטיקל שייכות צו דעם, וואָס ער וועט אַזוי־ערנאָך קאָנען לאַנגע טעג פאַרברענגען אויג אויף אויג מיט הגרן.

פאַקטיש האָט זיך טאַקע אַזוי געמאַכט: דער הער גילאָרע איז געווען פאַרנומען אין פּאַריז צוליב זיינע געשעפטן.

ער האָט גוט פאַרשטאַנען, ווי דאַנקבאַר מ'איז אים פאַר דער אָפּוועזנהייט פון עטלעכע טעג. ער האָט דעריבער ... איבערגעחזרט דאָסדאָזיקע מיטל צו מאַכן זיך סימפּאַטיש.

אַ גרויסע שטילקייט האָט באַהערשט די געדיכטעניש און

פעלדער פון ביעוור—די שטילקייט, וואָס זאָגט אָן די הוראַגאַנען פון ווינטער.

איבער די וואַסערן פון באַסיין האָבן די פּאַרטריקנטע בלעטער לאַנג זיך געקרײַזלט אין דער לופט, איידער זיי זענען אַראָפּגעפאַלן. יענעם פרימאָרגן, דאָרט, אויף דער באַנק, צווישן דער סטאַטוע פון אַפּאָלאָ און דיאַנאַ, דער בויגנשיסערין—זענען די בלעטער געפאַלן געדיכטער, איידער מיט אַ טאָג פריער.

עס איז געווען אַזוי ווי אַ פּאַמעלעכדיקער גאָלדענער רעגן.

דער אַלטע דע־ביעוור האָט געפרעגט:

—צי איז אייך נישט קאַלט, מיין קינד?

הגר האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ: ניין.

—איך שרעק מיך אַלץ פאַר אייך. דער הערבסט פון די לענדער, פונוואַנען איר זענט געקומען, איז זיכער אַ סך אַנדערש פון אונדזערע?

—ווירקלעך, אַנדערש.

דער אַלטער האָט זיך אָפּגערופן מיט אַ שטים, וואָס איז ענלעך געווען אין קלאַנג צו דער שטים פון דער קליינער גיטעלע, ווען זי האָט זיך געזעגנט מיט הגרן אין חיפער פּאָרט:

—דזשעסיקאַ, דזשעסיקאַ, איר הערט נישט, וואָס איך רעד צו אייך. איר טראַכט גאָר וועגן עפּעס אַנדערש. איר ווילט, איך זאָל אייך זאָגן, וועגן וואָס, ריכטיקער, וועגן וועמען איר טראַכט? איר ווילט עס?

—זאָגט.

—איר טראַכט וועגן פּאָל עלזעאַר.

—עס קאָן זיין. ער, דאַכט זיך, טראַכט אַלנפאַלס נישט וועגן מיר. אַלע מיינע איינלאַדונגען האָט ער אָפּגעוואָרפן. אויב דאָס, וואָס איר זאָגט, איז אמת, מוז מען צוגעבן, אַז ער צאָלט מיר נישט אָפּ מיט דערזעלביקער מטבע.

— וואָס ווייסט איר וועגן דעם? איבעריקנס, עס איז נישט מיין זאַך, זיך דאָ פאַר אים איינצושטעלן. איין פראַגע נאָר, דזשעסיקאַ: צי האָט איר אים ליב?

— צי איך האָב אים ליב, אָדער נישט ליב — אַרויסקומען וועט דערפון איינס און דאָסזעלבע.

— איר ווילט זיך מיר אַרויסדרייען. איך וויל באַווייזן אַרויסצוקריגן פון אייך אַן ענטפער. איך בין געווען יונג, דזשעסיקאַ. היינט קאָן איך מיך רימען, גישט מורא האָבנדיק דערפאַר, איך זאָל מיך מאַכן דערמיט לעכערלעך,—איך בין געווען נישט מיאוס. איר זענט געבוג שאַרפזיניק,—איר קאָנט זיך עס אַליין אויך פאָרשטעלן. און דאָך—נישט אמת, דזשעסיקאַ, ווען עס גייט וועגן אויסקלויבן, וואָלט איר דעמאָלט אויך מיך אויסגעביטן אויף עלזעאָרן?

הגר האָט שטיל געשעפטשעט:

— איך רעכן, אַז יאָ.

— פאַרוואָס?

זי האָט איינגעבויגן דעם קאָפּ:

— איך ווייס עס נישט. אין מיר זענען פאַראַן כוחות, פון וועלכע איך האָב מיך קיינמאָל נישט געקאָנט אָפּגעבן קיין רעכענונג.

דער אַלטער האָט זיך געהאַלטן ביי זיינס.

— אים, אים, וועלכער האָט אַזוי ווייניק געמיינזאַמעס מיט אייך אין כאַראַקטער, וואָלט איר אויסגעוויילט, אַנשטאָט מיר, וואָס איך האָב אַזויפיל געמיינזאַמעס מיט אייך?

הגר האָט באַמערקט:

— אַזוי, אפּנים, מוז עס שוין זיין. איך קאָן עס באַר אַזוי באַגרייפן. דער אמת איז, אַז דאָס גאַנצע לעבן מיינס איז אַריבער אין בלויז מיספאַרשטענדנישן. איבעריקנס, וואָס איז דען דאָ פאַל עלזעאַר! איך פיל, אַז אַרום מיר דרייט זיך עפּעס אַזוינס, וואָס איז שטאַרקער פון אים, אַזוינס, וואָס קאָן יעדע מינוט מאַכן, אַז איך זאָל פאַרלאָזן דאָס אָרט, וווּ ער לעבט, און אפילו דעם קאָפּ נישט אומדרייען!

דער אַלטער איז געווען פאַרוווּנדערט.

— וואָס? וואָס?

ער האָט ליידנשאַפטלעך אָנגעשטרענגט אויף איר זיין גאַנצע אויפמערקזאַמקייט. ער האָט געפילט גאַנץ זיכער, אַז אויב ער וועט איצט נישט אַרויסקריגן דעם סוד פון דער פרוי, וועט ער אים שוין מער קיינמאָל נישט אַרויסקריגן.

— ש — ש — ש... עמעצער גייט,—האָט הגר זיך אָפּגערופן.

עס איז געווען דער לאָקײַ, וואָס האָט זיך דערנענטערט צו זייער אַלייע.

—דאָס גנעדיקע פריילן וועט אַנטשולדיקן. הער ריגאָ האָט טעלעפאָנירט פון פאַריז. ער איז פאַרנומען. ער בעט אַנטשולדיקן אים—ער וועט נישט קאָנען זיין פריער, ווי ערשט אַרום צוויי. איך קום מעלדן: דער פרישטיק איז גרייט.

הגר איז אויפגעשטאַנען.

— קומט, לאָמיר גיין.

זיי זענען געגאַנגען פאַמעלעך צוריק צום פּאַלאַץ.

אַרום זיי האָט געהערשט אַן אומענדלעך מילדע הערבסט-שטילקייט, וואָס איז געשטערט געוואָרן בלויז פון דעם שורשען פון די פאַרטריקנטע בלעטער אונטער די פיס.

פאַר דער שוועל פון פּאַלאַץ האָבן זיי באַגעגנט דעם גערטנער.

הער דע-ביזוור האָט אים אָפּגעשטעלט.

— נו, ווי גייט עס, מיין טייערער פּראָספּער! האָסטו שוין צונויפגעקליבן די בלומען פאַר דעם מיטלסטן קלאָמבּ? אויב איך האָב קיין טעות נישט, האָב איך צמאָל געראָטן דאָ מאָנגאָלישע סקאַביאָזעס.

—אמת. דאס בין איך טאַקע צוריקגעקומען פון פּאַריז, גנעדיקער פירשט. דידאָזיקע בלומען זענען אָבער דאָס יאָר פיר מאָל טייערער, איידער פאַר פינף יאָרן. דער גנעדיקער פירשט האָט מיר דעמאָלט געהייסן פרעגן וועגן פּרייז, און שוין דעמאָלט האָט זיך געדאַכט, אַז...

דער פירשט האָט אים איבערגעריסן מיט אַ געלעכטער:

—איצט, מיין פראָפעסער, איז עס גאָר אַנדערש. קויף מאַג־גאַלישע סקאַביאָזעס.

אַ עסצימער האָט זיך געפונען אין פאַרטער און האָט פאַרנומען דעם גאַנצן לינקן פליגל פון פּאַלאַץ.

אין צימער וואָלט געווען טונקל, ווען נישט די גרויסע גלאָזטירן, וואָס זענען אַרויסגעגאַנגען אין פּאַרק.

איבער די ביימער זענען אַרומגעפלויגן ווילדע טויבן.

די הויכע ווענט פון דעם צימער זענען געווען באַדעקט מיט אָפּגעקראַכענע גאָבעלינס, וואָס האָבן פאַרגעשטעלט די געשיכטע פון אסתר המלכה.

דער גאָבעלין, וואָס איז געהאָנגען אַנטקעגן הגרן, ד׳האָט פאַרגעשטעלט דעם אַפּאָטעאָז פון דער יידישער קעניגין.

אונטן איז געווען איבער דער גאַנצער לענג פון גאָבעלין אַן אויפשריפט. צוויי שורות פון דער קלאַסישער טראַגעדיע: „אסתר האָט טריומפירט צווישן די פּערסישע טעכטער. די נאַטור און די הימלען האָבן זי אויסגעפוצט און געפייערט.”

דער אַלטער דע־ביעוור האָט קיין אויג נישט אַראָפּגענומען פון דער יונגער פרוי. איר בליק איז כסדר און אַזוי ווי קעגן איר ווילן געווען געווענדט צו דעם גאָבעלין, און האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף די אויסגעלאָשענע צירונגען מיטן דיאַדעם אויפן שטערן ביי דער מלכה פון פרס ומדי.

דער פירשט האָט זיך אָפּגערופן מיט אַן ערנסטער שטים:

— דזשעסיקאַ, איר האָט אויך אַזוי שנעל, ווי זי, דערגרייכט אייער טריומף.

זי האָט אַ ציטער געטון, אָבער געענטפערט ד׳האָט זי נישט.

— צי זענט איר גליקלעך פון אייער נצחון, דזשעסיקאַ? קיין אַנדער פרוי וואָלט איך זיכער אַזאַ פראַגע נישט געשטעלט.

הגר האָט געענטפערט, אויסמיידנדיק:

—אסתּר איז געווען גליקלעך נישט צוליב דעם, וואָס זי איז דערהייבן געוואָרן.

—פון וואָס דען?

די טעגבערין איז אַנטשוויגן געוואָרן.

— איך פאַרשטיי אייך בעסער, ווי איר שטעלט זיך עס פאָר. איין פאַקט, דזשעסיקאַ, האָט מיר אין דער היגזיכט מיט־געהאָלפן. איך ווייס, אַז ווען זשאַק ריגאָ איז דאָ געווען דאָס ערשטע מאָל און דערזען זעם גאָבעלין, איז אים איינגעפאַלן דער געדאַנק, אויסצונוצן דאָס בילד אין זיין רעווי — ער האָט געוואָלט געבן די סצענע, ווי אסתּר טאַנצט פאַרן קעניג אחשורוש. פאַריז, וואָס האָט ליב אַזעלכע מעשיות, וואָלט אייך אויפגענומען מיט אַ שטורעם פון אַפּלאָדיסמענטן, און דאָך — איר האָט זיך אָפּגעזאָגט צו באַטייליקן אין דער קאָמבינאַציע, און אָפּגעזאָגט אין אַזאַ פאָרם, אַז עס האָט מער וועגן דעם שוין קיין רייד נישט געקאָנט זיין. אמת?

— איך לייקן עס נישט אָפּ. עס איז אמת. צי האָט איר עפּעס וועגן דעם צו באַמערקן?

— איך מאַך אייך נישט קיין פאָרוואורף דערפאַר און פאַר־אורטייל אייך נישט. איך וויל בלויז מיט דער גרעסטער אויפ־ריכטיקייט און מיט דער טיפסטער סימפּאַטיע פאַר אייך אַריינ־דרינגען אין דעם פּראָבלעם, וואָס איז פאַר מיר אַזוי קאָמפּ־ליצירט. ווי שיין איר זענט היינט, דזשעסיקאַ. די רויטקייט פון דעם יאַפּאַנישן זיידענעם קלייד באַטאָנט נאָכמער דעם מאַטן טאָן פון אייער לייב. אָט די גאָלדענע שלאַנגען, וואָס זענען איינ־געפלאָכטן אין דעם שטאָף, האָב איך געזען ערשט נישט לאַנג, ווי זיי האָבן זיך בלייך אָפּגעשלאָגן אינם וואַסער פון באַסיין. און איצט זענען זיי טונקל, ווי בראָנז. זיי מאַכן דעם איינדרוק, ווי זיי וואָלטן אייך ערגעץ אַוועקגעטראָגן און אונדז מיטגעריסן. יאָ—וועגן וואָס האָב איך גערעדט? אַך, אמת, וועגן דעם פּראָ־יעקט פון אַ טאַנץ פאַר אייך אין דער ראָל פון אסתּר המלכּה.

נישט אמת, דע-קאַנזש, וועלכער איז גראָבהויטיקער און אַ סך ווייניקער ווערט פון זשאַק ריגאָ, — דעם ייד דע-קאַנזש וואָלט קיינמאָל נישט איינגעפאַלן דער געדאַנק פון אַזאַ מין פאַרשווע-כונג?

—מען קאָן נישט וויסן,—האָט הגר געענטפערט, — אַזוי-פיל הייליקייטן ווערן דאָ פאַרגעסן און געטרעטן מיט די פיס.

—עס זענען אָבער פאַראַן אויך אַנדערע הייליקייטן, דזשע-סיקאַ, וועלכע ווערן דאָ שטאַרק געשעצט און געאַכפּערט. איך האָב פאַר אייך די טיפסטע אַכטונג און די וואַרעמסטע געפילן, און דעריבער קרענקט מיך אַזוי, ווען איך זע, אַז אַזאַ דע-קאַנזש איז אייך נענטער, איידער איך. צי וועט דער תּהום קיינ-מאָל און מיט קיין זאַך נישט אויסגעפילט ווערן?..

הגר האָט געשוויגן.

— צי שאָקירט אייך, וואָס איך רעד וועגן דעם?

זי האָט געמאַכט אַ באַוועגונג פון מידקייט.

— ניין.

— מיט אַ וואָך צוריק, דזשעסיקאַ—נישט אמת?—איז אויס-געפאַלן אייער גרויסער טאָג פון פאַסטן, יום-כּפּור. צי האָט איר דעם טאָג געפייערט, לויט די געזעצן פון אייער אמונה?

הגר האָט געענטפערט טרוקן:

— איך האָב געפאַסט. נו, איז וואָס? וואָס דאַרף עס באַ-רייזן?

ער האָט נישט געענטפערט.

אויף די ווענט, צווישן די גאָבעלינס, זענען פאַרבליבן ליי-דיקע ערטער. נאָך מיט זעקס חדשים צוריק זענען דאָ געהאָנגען די פּאָרטרעטן פון די פירשטינס פון שטאַם דע-ביעוור, וועלכע זענען איבערגעטראָגן געוואָרן אין דער ווערניי-גאַס. מיט הונ-דערטער יאָרן צוריק זענען די שטאָלצע קאַטוילישע פירשטינס געזעסן אויף דעם פּלאַץ, אויף וועלכן עס איז איצט געזעסן הגר.

פירשט דע-ביעוור האָט געטראַכט וועגן דעם סודותפולן וועג פון

גודל, וואָס האָט געמאַכט, אַז אויפן אָרט פון יענע איז געקומען אַן אומבאַקאַנטע פרוי פון מזרח.

אין דעם זאַל, ווו די קאַטוילישע גייסטלעכע פלעגן זיצן און שמועסן וועגן קאַטוילישע רעליגיעזע פּראָבלעמען, — האָט אַ יידישע טענצערין איצט געפייערט איר יום-כפור. עס איז באמת צו באַוווּנדערן אָט די שרעקלעכע ראַסע! נישט קוקנדיק אויף אירע נצחונות, וואָס האָבן געווייגלעך אַ דעגענערירנדיקע ווירקונג,—ווערט זי דאָך אויף איין מינוט נישט שוואַכער, טרעט נישט אָפּ פון איירס און גיט גאָרנישט דעם באַזיגטן שונא.

אַ געוויש פון אַן אויטאָ, וואָס איז צוגעפאָרן פאַרן אַריינגאַנג פון פּאַלאַץ, האָט איבערגעריסן די פאַרטראַכטע שטילקייט, אין וועלכער זיי זענען ביידע געווען פאַרזונקען.

דער לאָקײ האָט געמאָלדן:

— זשאַק ריגאָ.

— פירט אים אַריין.

דער אויטאָר איז אַריינגעשפּרונגען אין עסצימער, ווי אַ באָמבע.

— אָט וואָס. איך זע, אַז דאָ טראַכט מען גאָרנישט וועגן דעם, וואָס אין פּאַריז שפּרינגען אַלע פון דער הויט אַרויס. מיין קליינע דזשעסיקאַ, איך פרעג: איינס, צוויי, דריי—ווען האָט איר בדעה זיך אומצוקערן אין שטאָט?

דהגר דהאָט זיך איינגאַנצן נישט גערירט און געפרעגט רויק:

— האָסטו שוין געגעסן פרישטיק?

— פרישטיק! וועגן דעם גאָר גייט עס! פאַרשטייט זיך, אַז איך האָב געגעסן און דאָס אויף גיך, אין איין אָטעם. אַזוי ווי איך בין אַהער געקומען, אַזוי ווי איך וועל פונדאַנען באַלד אַוועק

פאַרן. האָסט פאַרגעסן, אַז מיר האָבן איינגעזעצן נישט מער ווי צוויי וואָכן ביז דער גענעראַל-רעפעטיציע? —

— איך בין גרייט.

— דו ביזט גרייט! זי איז אויסגעצייכנט! זי איז גרייט, ווייל זי איז געווען אויף צוויי רעפעטיציעס און דאָס אויך ערשט אָן קאָסטיומען! ווייסטו כאָטש, צי די קאָסטיומען זענען פאַרטיק?

— איך דאַרף זיי מעסטן מאָרגן אינדערפרי.

— גוט! מיר איז אָנגענעם דיר צו מעלדן, אַז זיי זענען שוין פאַרטיק. איך בין היינט אינדערפרי אַרייגעשפרונגען אַ קוק טון—עס איז שוין אַזוי באַשערט, אַז איך זאָל מיך מיט אַלץ פאַרנעמען. איך האָב די קאָסטיומען געזען — אַ פּראַכט, זאָג איך דיר,ווירקלעך פּרעכטיק! און דאָס ערשט ביי־טאָג! שטעל דיר פאָר, ווי דאָס וועט נאָך אויסזען ביינאַכט, אין ליכט פון די עלעקטרישע רעפלעקטאָרן! אַ צאַצקע! איך וואָלט געוואָלט, אַז איר זאָלט עס זען, טייערער פּרייבט. איר וועט גיין מיט איר מאָרגן, יאָ?

— זייער גערן,—האָט געענטפערט דע-ביעוור.

— און נאָך וואָס: וועט איר שוין זיין אין פּאַריז, טאָ געפינט דאָרט עפּעס אַ מיטל זי צו פאַרהאַלטן, זי זאָל נישט ווידער אַהער אַנטלויפן. זיין אויפן לאַנד — עס איז זייער שיין, אָבער די רעפעטיציעס קומען פאַר שוין דריי וואָכן, און אונדזער „שטערן" האָט באַוויליקט אײנגאַנצן צוויי מאָל זיך צו ווייזן.

דער אַלטער האָט באַמערקט:

— איך בין זיכער, אַז אַלץ וועט זיך איינגעבן אויסגעצייכנט.

— באַטירלעך! די, וועלכע האָבן גאָרנישט צו טון, זאָגן שטענדיק אַזוי, און דערנאָך, זאָל די מינדסטע קלייניקייט נישט געלינגען, זענען זיי די ערשטע צום קריטיקירן. איך בעט דיך, מיין קליינע דזשעסיקאַ, קום צוריק אין פּאַריז. טו דאָס כאָטש

צוליב דעם אַליין, דו זאָלסט זיין לעבן מיר. דיין אָנוועזנהייט ברענגט מיר גליק.

איך וויל מיך מיט דיר בּאַראַטן וועגן אַ מאַסע זאַכן: די מוזיק, די דעקאָראַציעס, די קאָסטיומען, די אפישן. אַך, די אַפישן! ווען דו וואָלסט זיי אָנגעקוקט! אין אַ וואָך אַרום וועט פּאַריז זיין בּאַדעקט מיט זיי. איבּעריקנס, דו מוזט סיי ווי זיין אין פּאַריז צוליב דעם נאַכט-סעודהלע ביי רענע אוורי. וועגן דעם זענט איר דאָך שוין זיכער אינפאָרמירט?

דע-ביעוור האָט געפרעגט פאַרוווּנדערט:

— וועגן וואָס אינפאָרמירט?

הגר האָט זיך געכאַפּט:

— איר וועט מיר אַנטשולדיקן... די לעצטע ווערטער פון זשאַק ריגאָ האָבּן מיך דערמאָנט, אַז איך האָב מיך פאַרשולדיקט קעגן אייך צוליב מיין צעשטרייטקייט. איך גלויב, אַז דער פּע-לער וועט זיך נאָך לאָזן פאַריכטן. די געשיכטע איז אַזעלכע: רענע אוורי פייערט די קומענדיקע וואָך איר חנוכת הבּית: זי ציט זיך איבּער אין דער ווילע, וואָס הער דאָמבּידא האָט איר געשענקט.

זשאַק ריגאָ האָט געפונען פאַר נייטיק אַריינצוּוואַרפן אַ באַמערקונג:

— אַ ווילע, וואָס לאָזט זיך אפילו נישט פאַרגלייכן מיט ביעוור.

דער אַלטער האָט זיך פאַרנויגט מיט אַן איראָנישן שמייכל:

— אַ דאַנק.

—רענע האָט מיר איבּערגעגעבן, איך זאָל אייך איינלאַדן. טוט מיר אַ טובה און נעמט אָן די איינלאַדונג. ווען נישט — וועל איך זיין אויסגעשטעלט אויף די ביטערסטע פאָרווורפן.

— מסכּים, מסכּים, — האָט זיך אָפּגערופן דער אַלטער — וויפל פּערזאָן וועלן זיין?

— אַ טוץ. די אייגענע, וואָס אַלעמאָל. רענע, הער דאַמ-בּידא, הער גילאַרע, ריגאָ, איר, איך, פּאָל ראָש, סימאַנאַ אַר-

גאַ, לוציִנאַ גלעדיס, סטעפֿאַן דע-ריסקל.

ריגאָ האָט באַמערקט:

— האָסט פֿאַרגעסן פּאָל עלזוּאַרן.

— איך האָב נישט געוווּסט, צי ער האָט אָנגענומען די איינלאַדונג.

— ער האָט אָנגענומען.

דער אַלטער האָט זיך אָפּגערופֿן:

— עס וועט דאָך זיין זייער פֿיין. אַלזוי, דעם קומענדיקן דאָנערשטיק?

— יאָ, דאָס הייסט... טאַקע וועגן דעם האָב איך געזאָלט מיט אייך רעדן. עס איז פֿאָרגעקומען פּלוצלונג עפּעס אַ שטערונג.

— וואָס פֿאַר אַ שטערונג?

— אָט וואָס: סימאָנאַ אַרגאָ איז אומגעריכט איינגעלאַדן געוואָרן צו פֿאַרטרעטן אַ קראַנקער אַרטיסטין פֿון דער „פֿראַנצויזישער קאָמעדיע".

דער אַלטער איז געווען נישט צופֿרידן.

— צו וואָס פֿאַרדרייט איר זיך אַ קאָפּ מיט אַרטיסטינס פֿון דער „קאָמעדיע"?

הגר האָט פּראָטעסטירט.

— עס איז נישט שיין אַזוי צו רעדן. סימאָנאַ אַרגאָ איז זייער אַ ליב מיידל. מען קאָן נישט דערלאָזן, אַז די פֿאַרווײַלונג זאָל פֿאָרקומען אָן איר. מען דאַרף ענדערן דעם טאָג.

— אַזוי האָט מען געוואָלט טון, — האָט ריגאָ אויפֿגעקלערט, — אָבער דאָס האָט זיך אַרויסגעוויזן פֿאַר נישט מעגלעך. עס איז שוין „געווען צו שפּעט. אַלע האָבן זיך שוין איינגעאָרדנט אַזוי, אַז זיי זאָלן האָבן דעם דאָנערשטיק פֿריי. אין די אַנדערע טעג זענען זיי פֿאַרנומען.

— אַלזוי?

— אַלזוי, האָט מען באַשלאָסן אָט וואָס: אָנשטאָט אַ מיטאָג, וועט מען פֿראַווען אַ נאַכט-סעודהלע. סימאָנאַ וועט פֿרייערן ערשט צוועלף בײַנאַכט. זי וועט קומען אין דאָרף מיטן

אויטאָ. דאָס סעודהלע וועט מען אָנהייבן אײנס. פֿאַרשטייט זיך, אַז מיר וועלן דאָרט אַלע בלייבן נעכטיקן. רעגע איז אַנטציקט פון דעם אײנפֿאַל: זי וויל זיך ווייזן אין דער ראָל פון אַ באַ־לעבאָסטע און אויפנעמען די געסט אין איר הויז.

הגר האָט זיך אָפּגערופן:

— איך רעכן, אַז מיר דאַרפֿן אַלע זיין יענעם אָוונט אין טעאַטער אויף דער פֿאָרשטעלונג. מען מוז זיין העלפֿער קעגן סימאָנאַ אַרנאָ. מען קאָן דאָך זי נישט לאָזן פֿאַרן נאָך האַלבער נאַכט פינפֿאונדרייסיק קילאָמעטער אין אויטאָמאָביל.

— אָפּגעמאַכט.

— וואָס שפילט מען יענעם אָוונט אין דער „קאָמעדיע״?

זשאַק ריגאָ האָט אָנגערופן דעם נאָמען פון דער פיע־סע:

— „די פֿאַרליבטע״.

דעם קומענדיקן דינסטיק האָט הגר מיט אַ שווער געמיט פֿאַרלאָזן ביעוור און האָט זיך באַזעצט אין איר פּאַריזער פּאַ־לאַץ.

דאָנערשטיק אין אָוונט, אַזוי ווי עס איז געווען אָפּגערעדט, איז זי אין דער געזעלשאַפט פון הער גילאַרע אַוועק אויף דער פֿאָרשטעלונג אין דער „פראַנצויזישער קאָמעדיע.״

אין אײנער פון די לאָזשעס, אין דער לינקער זייט, האָבן זיי זיך באַגעגנט מיט לוצינאַ גלעדיס, זשאַק ריגאָ און דעם אַלטן הע־ביעוור—יענע זענען געקומען פריער.

הער גילאַרע האָט געפֿרעגט:

—וו איז פּאָל עלזעאַר?

לוצינאַ גלעדיס האָט געענטפערט:

—ער האָט געזאָגט, אַז ער וועט קומען צום צווייטן אַקט. קום אַהער, דזשעסיקאַ, זעץ דיך דאָ לעבן מיר.

ביידע פרויען האָבן געהאַט פאָדערשטע פלעצער, ביים באַריער פון דער לאָזשע.

—עס לוינט נישט אָפּצוגעבן די מאַנטל'ען אין גאַרדעראָב. לייג עס אַוועק אויף עלזעאַרס שטול. ווען ער וועט קומען, וועט מען זיך שוין ווי עס איז אַן עצה געבן. וואָס פאַר אַ מאַסע מענטשן עס זענען היינט צוגעקומען! אפנים, אַז אַלע האָבן זיך שוין אומגעקערט אין שטאָט.

לוצינאַ גלעדיס האָט זיך אַרומגעקוקט איבערן זאַל און האָט אָנגערופן יעדעס מאָל די באַקאַנטע, וועלכע זי האָט באַמערקט.

ווען זי האָט שוין געהאַט דערלעדיקט דעם גאַנצן זאַל, האָט זי איבערגעגעבן הגרן איר לאָרנעטע.

—נאַ, איצט קוק דו. וועסט זען, אפשר האָב איך עמעצן נישט באַמערקט.

הגר האָט אויטאָמאַטיש געפאָלגט.

דעם אמת זאָגנדיק, האָט זי נישט געטראַכט וועגן באַקאַנטע, וועלכע זי וואָלט דאָ געוואָלט באַמערקן אין זאַל. איר געדאַנק האָט זיך איבערגעטראָגן מיט אַ צייט צוריק, האָט דורכגעשניטן ימים — זי האָט זיך אין דער מחשבה אומגעקערט צו יענעם אָוונט אין „באר יעקב״, — יענעם אָוונט מיט די בליצן פון דער היץ, מיט דעם וואָיען פון שאַקאַלן,—דאָרט האָט זי צום ערשטן מאָל געזען דאָס שטיק, וואָס דאַרף דאָ באַלד געשפילט ווערן. אין יענעם טאָג איז באַשלאָסן געוואָרן איר חתונה מיט כוכבאן.

זכרונות, וואָס זענען שוין געווען אַזוי ווי אָפּגעשטאָרבן, האָבן איצט מיטאַמאָל זיך אומגעקערט צו איר.

לוצינאַ האָט זי אָנגעקוקט.

נו, וואָס, האָסטו עמעצן באַמערקט?

—איך זע נישט קיין נייע. האָסט שוין אַלע אויסגערעכנט. איבעריקנס, דו ווייסט דאָך, אַז איך קען דאָ ווייניקער מענטשן פון דיר.

—מיין טייערע, ווען דו וועסט אַזוי קוקן אויבן אויף דער

גאַלעריע, ווי דו קוקסט, ועסטו זיכער קיין באַקאַנטן נישט באַמערקן. גיב נאָר די לאָרנעטע, וואָס ?—וואָס איז מיט דיר ?

הגר האָט שטיל געשעפטשעט :

—גאָרנישט.

צוליבן אויפהייבן דעם פאָרהאַנג, וואָס איז געשען אין דער מינוט, האָט לוצינא נישט באַמערקט די אויפרעגונג אין דער שסים, מיט וועלכער הגר האָט איר געענטפערט...

אויף דער העכסטער גאַלעריע איז דאָס ליכט פון אַ זשי־ראַנדאָל געפאַלן אויף אַ מאָגער געזיכט פון זייער אַ יונג מיידל מיט רויטע האָר, געשוירן, ווי אַ יינגל...

הגרן האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס בלוט ווערט איר פאַרגלי־ווערט אין די אָדערן.

זי האָט זי דערקענט:

גיטעלע !..

XV

דער אַלטער דע־ביעוור האָט געפּרעגט שטיל, מיט אַן אומ־
רויקער שטים:

—וואָט איז דיר, דזשעסיקאַ?

זייער רויק און איינגאַנצן פּאַהערשט, האָט זיך די טענצערין
אויפגעהייבן פון איר פּלאַץ.

זי האָט שטיל געמורמלט:

—אַנטשולדיקט מיר.

זשאַק ריגאָ איז אויך אַריינגעפאַלן:

—וואָס איז דיר?

—גאָרנישט. איך פאַרזיכער דיך—גאָרנישט, גאָרנישט. מיר איז
אַ ביסל נישט גוט. אין זאַל איז צופיל אָנגעהייצט. איך וויל אַ
ביסל כאַפּן פרייע לופט. זייט רויק, איך פאַרזיכער אייך נאָכאַמאָל—
ס׳איז גאָרנישט.

לוצינא גלעדיס האָט זיך אָפּגערופן:

—אפשר ווילסטו, איך זאָל מיט דיר אַרויסגיין?

הער גילאָרע האָט אַרויסגערעדט מיט מיטלייד:

—דזשעסיקאַ.

הגר האָט געמאַכט אַ באַוועגונג פון לייכטער אומגעדולדי־
קייט.

—איך בעט אייך, שטערט אייך נישט קיינער. אַ ביסל פרי־שע לופט און עס וועט ווידער גוט זיין.

זי האָט געדאַנקט זשאַק ריגאַן, וועלכער האָט איר געהאָלפן אָנטון דער פּלאַשטש, און איז אַרויס פון דער לאָזשע.

אין פאָיע האָט זי אויסגעמיטן עטלעכע פּאַרשפּעטיקטע באַ־זוכער, וועלכע האָבן זיך געאיילט צו פאַרנעמען זייערע פּלעצער.

זי האָט זיך געלאָזן גיין אויף די הויפּטטרעפּ און דאַן איז זי אַרויף אויף אַנדערע טרעפּ, וואָס האָבן געפירט צו די העכערע שטאָקן.

שנעל איז זי צוגעקומען צו אַ פּאָדערצימער, וואָס איז באַ־שטימט פאַר די טעאַטער־באַזוכער פון דער גאַלעריע.

דאָס פּאָדערצימער איז געווען ליידיק. אָרעמע מענטשן פאַר־שפּעטיקן זיך קיינמאָל נישט אין טעאַטער.

אַן אַלטע פרוי, וואָס איז געזעסן אין גאַרדעראָב, האָט פּאַמעלעך צונויפגעלייגט די צעטעלעך מיט די נומערן.

הגר איז צוגעגאַנגען צו איר.

—מאַדאַם...—האָט זי אָנגערופן דער אַלטער.

די פרוי האָט אויפגעהייבן דעם קאָפּ.

דער טאָן פון דער שטים איז געווען אַזעלכער, וואָס צווינגט צו הערן.

—איך בעט אייך זייער, עס גייט וועגן אַ יונג מיידל אין אַ גרויען קאָסטיום. זי זיצט אויפן דריטן פּלאַץ אין דער ערשטער ריי. זייט אַזוי גוט און זאָגט איר, אַז עמעצער וויל מיט איר רעדן. זי זאָל שוין אַהער אַרויסקומען.

די אַלטע האָט געפּרוווט אָפּווענדן:

— די פאָרשטעלונג האָט זיך ערשט אָנגעהייבן. ביים אַנ־טראַקט אפשר...

הגר האָט באַפעלעריש זיך אָפּגערופן:

—ניין, שוין!

די אַלטע איז פאַרשוווּנדן אין טיר פון טעאַטערזאַל.

געבליבן אַ ווײַלע אַליין, האָט זיך הגר אָנגעשפּאַרט אָן דער רויט־געמאָלטער וואַנט.

דורך דעם שפּעלטל פון דער נישט פאַרמאַכטער טיר, אין וועלכער די אַלטע איז אַריין, האָט הגר געזען די פּלייצעס פון פּאָליציאַנט, וואָס האָט זיך פלייסיק צוגעהערט צו דער סצענע און מורא געהאַט, נישט צו פאַרלירן קיין וואָרט.

ערטערווייז האָבן זיך צו איר דערטראָגן די שטימען פון די אַקטיאָרן, וואָס האָבן געקלונגען, ווי פון אונטער דער נאָז, אַזוי ווי פון אַ גראַמאָפאָן אַרויס.

שפּעטער האָט זי שוין גאָרנישט געהערט און גאָרנישט געזען —

פאַר איר איז געשטאַנען גיטעלע.

דאָס מיידל האָט זי אָנגעקוקט און צווייטמאָל איבערגע-חזרט:

—הגר, הגר...

הגר האָט זי האַסטיק אַ כאַפּ געטון.

—קום אַהער.

זי האָט זי מיטגעצויגן מיט זיך אין אַ ווינקל פון פּאָ-דערצימער, ווו זיי האָבן געקאָנט זיין אינגאַנצן אַליין.

שווייגנדיק, האָבן זיי זיך איינע די אַנדערע אָנגעקוקט.

גיטעלע האָט נאָכאַמאָל איבערגעחזרט:

—הגר...

זי האָט געמאַכט אַ באַוועגונג, ווי זי וואָלט געוואָלט אַרומ-נעמען הגרן. הגר האָט זיך איינגעבויבן און אַרויפגעלייגט אירע הענט אויף די אָרעמס פון דעם יונגן מיידל, אַזוי ווי זי וואָלט זי געוואָלט בעסער אָנקוקן.

גיטעלע האָט זיך נישט געענדערט. זי איז נאָר געווען אַ ביסל פעסטער און בויגזאַמער.

אירע אויגן האָבן געלויכטן מיט אַ מער טונקעלן פלאַם אין אַ ראַם פון בלויע צייכנס. דידאָזיקע בלויע רעמלעך אַרום די אויגן זענען איצט געווען גרעסער—גיטעלע האָט דורכגעמאַכט אַזאַ שווערן וועג און דערצו איז זי נאָך אַלץ געווען אויפגערעגט פון איר אָנקומען אין דער גרויסער שטאָט.

הגר האָט ענדלעך געפרעגט:

—ווי אַזוי קומסטו אַהער?

דאָס יונגע מיידל האָט געענטפערט:

—איך בין געקומען דיך זוכן.

—איך פרעג נישט, צו וואָס דו ביזט געקומען. איך פרעג צאָר, ווי אַזוי דו האָסט דיך דערשלאָגן אַהער? ווי אַזוי האָסטו מיך דאָ אָפּגעזוכט? קיינער ווייסט נישט דאָ, ווער איך בין. קיינער קען נישט דאָ מיין אמתן נאָמען.

גיטעלע האָט רויק באַמערקט:

—עס איז דאָ איינער.

די טענצערין האָט זיך געכאַפּט:

—אַ, כ'פאַרשטיי. הער קאַרקאַסאָן.

דאָס מיידל האָט געשעפּטשעט:

— איך האָב אים צוגעזאָגט, אַז איך וועל נישט אויסזאָגן. אָבער ער האָט דאָך געמוזט פאַרשטיין, אַז דו וועסט דיך באַלד כאַפּן.

—ווי אַזוי איז עס דיר איינגעפאַלן צו גיין צו הער קאַר־קאַסאָן?

—וואָס־זשע אַנדערש האָב איך געקאָנט טון? איך קען דאָ קיינעם נישט. געקומען צו פאָרן בין איך היינט איינדערפרי און בין גלייך אַוועק צום באַראָן. עס איז געווען ערשט ניין אַ זייגער איינדערפרי, האָט מען מיך נישט געוואָלט אויפנעמען. איך בין געקומען איינמאָל און נאָכאַמאָל. ביים דריטן מאָל האָב איך מיך שוין געזען מיטן הער קאַרקאַסאָן. וואָס פאַר אַ גוטער מענטש ער איז! ער האָט מיטלייד געהאַט מיט מיר און זיך אַזוי איבער־גענומען מיט מיינע זאָרגן און קלאָפּאָטן!

—און ער האָט דיר געגעבן מיין אַדרעס און מיין איצטיקן נאָמען?

— ער האָט עס מיר געגעבן, אָבער גלויב מיר, עס איז מיר אָנגעקומען זייער שווער, ביז איך האָב עס פון אים אַרויס־געקריגן. ער האָט עס נישט געוואָלט פאַר קיין פאַל. דער זייגער איז שוין געווען אַרום זעקס פאַרנאַכט. איך בין אַוועק צופוס און האָב געבלאָנדזשעט — אַזאַ גרויסע שטאָט! ערשט אַרום זיבן

בין איך צוגעקומען צו יענעם שיינעם הויז. דו ווינסט טאַקע דאָרטן, הגר?

—און וואָס האָסטו ווייטער געטון?

—איך האָב מיך געפרעגט אויף פריילן דזשעסיקא — אַזוי האָט מיר אָנגעזאָגט דער הער קאַרקאַסאָן. עפּעס אַ פרוי האָט מיר געענטפערט, אַז דו ביזט נאָר וואָס אַוועק, אַז דו וועסט עסן מיטאָג אין שטאָט און דערנאָך דאַרפסטו זיין אויף דער פאָרשטעלונג אין דער „פראַנצויזישער קאָמעדיע.״ אין אָנהייב האָב איך איר נישט געגלויבט. איך האָב מיך געטראַכט, אַז זי זאָגט עס אַזוי, כדי מיך אַרויסצובעטן אויף יענער זייט טיר. איך האָב פונדעסטוועגן גענומען אַ דראָשקע און בין געפאָרן צו דער „פראַנצויזישער קאָמעדיע.״ ווען איך האָב געזען, וואָס פאַר אַ פּיעסע דאָ ווערט היינט געשפּילט, האָב איך פאַרשטאַנען, אַז דאָס, וואָס יענע האָט מיר געזאָגט, איז טאַקע אמת—אַז דו ביזט טאַקע דאָ אין טעאַטער.

—וואָס האָט דיר דער הער קאַרקאַסאָן נאָך געזאָגט וועגן מיר?

—ער האָט מיר גאָרנישט מער געזאָגט. אויף מיין וואָרט גאָרנישט, גאָט מיינער!

—וואָס איז?

—וואָס פאַר אַ שיינע דו ביזט, הגר. ערשט איצט ד־האָב איך עס באַמערקט. אין „באר-יעקב״ האָב איך דיך שוין אויך געהאַלטן פאַר אַ שיינער. אָבער ערשט...

הגר האָט שטאַרק צוגעדריקט איר האַנט.

—ש־ש־ש...

דער פּאָליציאַנט האָט געוואָלט באַרויקן זיין געוויסן: ער האָט אויף אַ ווײַלע איבערגעלאָזן די פאָרשטעלונג און האָט זיך באַוויזן אין פאָדערצימער.

ער איז פאַרבייגעגאַנגען לעבן זיי און האָט געקוקט מיט אַ געוויסער פאַרוווּנדערונג אויף דער אויסטערלישער דערשיינונג: אַ דאַמע אין סאָבאָלן שמועסט מיט עמעצן פון דער גאַלעריע.

ער האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ און האָט צוריק פאַרנומען זיין פּלאַץ אין זאַל.

זיי זענען ווידער געבליבן אַליין.

גיטעלע האָט זיך נישט דרייסט אָפּגערופן:

—הגר, אָט די פינגערלעך—זיי זענען טאַקע אמתע?

די יונגע פרוי האָט איר האַסטיק אָפּגעשטעלט:

—שטילער. רעד נישט מער. האָסט געזאָגט, אַז „באר־יעקב" איז—?

—וואָס?

—זאָג מיר: וואָס טוט זיך אין „באר־יעקב?"

גיטעלע האָט מיט רחמנות געשמייכלט.

—וואָס עס טוט זיך? פאַרשטייסט דאָך אַליין... אַז איך בין אַהער געקומען...

הגר האָט גערעדט מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם.

— איז אייך קיינער נישט געקומען צו הילף פון נאָך מיין אַוועקפאָרן?

— יאָ. מען האָט אונדז געהאָלפן. געלט האָט מען אונדז געשיקט נאָכמער, וויפל מיר האָבן דערוואַרט.

—נו?

עס האָט זיך אַרויסגעוויזן אַ מאָדנע זאַך: וואָס מער געלט מיר האָבן באַקומען, אַלץ ערגער איז געוואָרן. אַזאַ אַרבעט, ווי אונדזערע, דאַרף האָבן, דאַכט זיך, עפּעס מער ווי געלט.

—וואָס?

—איך ווייס נישט. מיר דאַרפן האָבן פרייד, צוטרוי—דאָס, וואָס אַלע האָבן געפילט, ווען דו ביזט געווען מיט אונדז.

—דאָס האָט אייך געפעלט? און פריילן ווייל?

דאָס מיידל האָט זיך אָפּגערופן מיט אַ שמערצלעכן שמייכל:

—פריילן ווייל? פריילן ווייל איז נישטאָ מער אין „באר־יעקב."

—וואָס? פריילן ווייל איז אַוועק פון „באר־יעקב"?

—זי איינע האָט עס געטון קעגן איר ווילן. זי געפינט זיך אין אַ סאַנאַטאָריע אין בית-לחם.
— אין אַ סאַנאַטאָריע אין בית-לחם? זי איז משוגע געוואָרן?
גיטעלע האָט שטיל געענטפערט:
—יאָ.
הגר האָט גערעדט, ווי צו זיך אַליין:
—פון זינען אַראָפּ, פון זינען אַראָפּ...
—זי איז געווען נישט אינגאַנצן ביי די קלאָרע געדאַנקען שוין דעמאָלט, ווען דו ביזט אַוועקגעפאָרן. פון יענער צייט אָן האָט זיך איר לאַגע אַלץ פאַרערגערט. מען האָט זיך געמוזט אָנטשליסן. פון צייט צו צייט באַקומען מיר וועגן איר ידיעות. אַך! עס איז אַ שטיל משוגעת. אידע יאָקאָי פאַרנעמט זיך מיט איר, און זי זאָגט, אַז עס איז שוין צו שפּעט, אַז מען קאָן זי שוין נישט אויסהיילן.
—אידע יאָקאָי? ווי קומט זי אין בית-לחם?
— זי איז אויך אַוועק פון דער קאָלאָניע. מען האָט איר פאַרגעלייגט זייער גוטע פּאָסטנס. אין פּאַלעסטינאַ זענען פאַראַן זייער ווייניק דאָקטוירים. פון אָנהייב האָט זי אָפּגעזאָגט. מען קאָן דאָך נישט פאָדערן פון מענטשן, זיי זאָלן כסדר ברענגען קרבנות. צום סוף האָט זי זיך געלאָזן איבערעדן. די פּראָפּאָזיציע איז געווען זייער אַ גוטע, איז זי אַוועקגעפאָרן.
ביידע האָבן אַ ווײַלע געשוויגן.
גיטעלע האָט אַראָפּגעלאָזן די אויגן.
זי האָט נישט געזען די צוויי שווערע טרערן, וואָס האָבן זיך פּאַמעלעך געקייקלט אויף הגרס פּנים.
ענדלעך האָט הגר אַרויסגעשעפּטשעט:
—און ער...
גיטעלע האָט געמאַכט אַ נישט באַשטימטע באַוועגונג מיט דער האַנט.
ער לעבט נאָך.
זי האָט אַ ווײַלע געשוויגן און דאַן צוגעגעבן:

—עס איז פּשוט אַ וווּנדער, נישט צום פאַרשטײן. ווען דו ביזט נישט צוריקגעקומען און ווען פרײלן ווײל איז אַראָפּ פון זינען, זענען מיר אַלע געווען זיכער, אַז ער וועט שוין לאַנג מיט אונדז נישט בלײבן. אָבער אין אים לעבט עפּעס אַ כּוח, וואָס גײט איבער אונדזערע באַגריפן — מיר קאָנען עס נישט פאַרשטײן. דו געדענקסט דאָך, אין וואָס פאַר אַ מצב דו האָסט אים איבערגעלאָזן, ווען דו ביזט אַוועקגעפאָרן. דו קאָנסט דיר פאַרשטעלן, וואָס מיט אים איז פאָרגעקומען, ווען פון דיר איז קײן שום ידיעה נישט אָנגעקומען. ער האָט זיך ווײטער געראַנגלט און האָט אויסגעהאַלטן. ער לעבט. מיט וועלכע נסים? מיר פאַרשטײען עס נישט. ער איז אָבער כּמעט אינגאַנצן בלינד געוואָרן. גאַנץ אָפט שווײגט ער אָפּ גאַנצע טעג און רעדט קײן אײן וואָרט נישט אַרויס. די האָר פון קאָפּ, די באָרד— ער איז אינגאַנצן גרוי.

הגר האָט ווײטער געפרעגט:

—צי רעדט ער אַמאָל וועגן מיר?

דאָס יונגע מײדל האָט געענטפערט:

—קײנמאָל נישט.

פון טעאַטער-זאַל האָבן זיך דערטראָגן סאַלוון פון אַפּלאָדיסמענטן.

פון הגרס אויגן זענען פאַרשוווּנדן געוואָרן די טרערן.

איצט האָט זי גערעדט מיט אַ טרוקענעם טאָן, וואָס האָט זיך אָפט איבערגעריסן.

זי האָט געפרעגט:

— וויפל זענען איצט דאָ קאָלאָניסטן אין „באר יעקב"?

—דרײסיק.

—דרײסיק! וואָס הײסט?

—צוויי פון די אַמאָליקע זענען געשטאָרבן. די איבעריקע זענען זיך צעפאָרן.

—און קײן נײַע האָט מען נישט צוגעשיקט?

— נײַע קאָלאָניסטן קומען קײן פּאַלעסטינע אַלץ ווײניקער,

און די, וואָס קומען יאָ, גייען אַראָפּ פון דער שיף גלייך מיט אַ פּאָראורטייל קעגן אונדזער קאָלאָניע. זיי ווענדן אָן אַלע מיטלען, וואָס זיי קאָנען, אַבי מען זאָל זיי נישט שיקן קיין „באר־יעקב."

—זאָג מיר: און דו — ווי האָסטו דיך דערוועגט צו לאָזן קיין פּאַריז?

—איך האָב פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז נייטיק, און דאַן האָב איך מיר געטראַכט, דו ביזט דאָך אויך געפאָרן.

—נישט דאָס האָב איך געוואָלט זאָגן. איך מיין, ווי האָסטו עס געמאַכט? פונוואַנען האָסטו גענומען געלט אויף דער רייזע? האָסטו עמעצן געזאָגט, אַז דו פאָרסט?

—איך האָב קיינעם גאָרנישט דערציילט. איך האָב נאָר איבערגעלאָזן אַ בריוו. איך האָב אין דעם בריוו צוגעזאָגט, אַז אין אַ חודש אַרום וועל איך זיין צוריק.

—און געלט? האָסטו געהאַט?

—איך האָב שוין לאַנג געהאַט באַשלאָסן צו פאָרן דיך אָפּזוכן. פריילן ווייל, ווען זי איז אַרויסגעפאָרן אין שפּיטאָל, האָט מיר געשענקט איר גאָלדן זייגערל און נאָך עטלעכע גאָלדענע קליינינקייטן. איך האָב עס פאַרקויפט. איך האָב אויך געהאַט אַ ביסל אָפּגעשפּאָרט. אַזוי האָב איך געהאַט אויף די רייזע־הוצאות אַהער. אויף צוריקצופאָרן האָב איך גאָרנישט. אָבער דאָס אַרט מיך נישט. אָן דיר צוריקפאָרן וועל איך נישט קאָנען. איך פיל, אַז דאָס וואָלט געווען איבער מיינע כוחות. איבעריקנס, ווען איך בין אַרויסגעפאָרן קיין פּאַריז, בין איך געווען זיכער, אַז קוים וועל איך דיך אָפּגעפינען, וועל איך דיך מיטנעמען מיט זיך...

הגר האָט איר אָנגעקוקט מיט דערשראָקענע אויגן, — אַזוי ווי זי וואָלט זיך געבעטן, יענע זאָל נישט ענדיקן, אָבער גיטעלע האָט ווייטער גערעדט:

—איך האָב פאַרשטאַנען, אַז דאָס שווערסטע איז דאָס אַרויספאָרן.

—אַרויספאָרן? וואָס ווילסטו דערמיט זאָגן?

גיטעלע האָט נישט געענטפערט.

זי האָט גענומען די האַנט פון דער יונגער פרוי און זי לאַנג געגלעט און געפּיעשטשעט.

זי האָט געשעפּטשעט אין עקסטאַז:

—גאָט מיינער, ווי שיין דו ביזט, הגר.

די טענצערין האָט געמאַכט אַן אויספיידנדיקע באַוועגונג.

דער פוטער האָט זיך איר אַראָפּגערוקט פון די אָרעמס. זי איז געשטאַנען האַלב אַ נאַקעטע אין איר פּרעכטיקן קלייד פון אַ גאָלד־געהאָפטן פּערל־קאָליר.

אַ טויבער אויסגעשריי פון אַנטציקונג האָט זיך אַרויסגע־ריסן פון גיטעלעס מויל:

—גאָט מיינער! גאָט מיינער! וואָס פאַר אַ האַלדזבאַנד? וואָסער קלייד! ווי שיין ביזטו, הגר, און ווי גליקלעך מוזטו זיין!

הגר האָט זיך אָפּגערופן ברוטאַל:

—קוק נישט אויף די זאַכן!

זי האָט דערביי מיט אַ האַסטיקער באַוועגונג אַרויפגעצויגן דעם פּלאַשטש אויף די אַקסלען, אַזוי ווי זי וואָלט געוואָלט פאַר־שטעלן פון דער קליינערס אויגן איר עשירות און איר נאַקעט־קייט.

אין דעם מאָמענט האָט זיך פון אַלע טירן אַרויסגעשיט אַ טומלדיקער עולם צושויער.

הגר האָט זיך אָנגעבויגן צו גיטעלען.

זי האָט גערעדט גאַנץ שטיל:

—הער, הער מיך גוט אויס. גיי גלייך אין דער גאַרדעראָב, נעם דיין מאַנטל מיטן הוט, און דאַן...

זי האָט ביי די ווערטער צוגעפירט גיטעלען צום פענסטער. פונדאַנען האָט מען געזען דעם פּלאַץ פון פראַנצויזישן טעאַטער, אַ גלאַנצעדיקן פון רעגן.

דאָס ליכט פון די לאָמפּן האָט זיך אָפּגעשלאָגן אין דעם נאַסן אַספאַלט.

—דו זעסט דאָ, לינקס, אינמיטן דעם פּלאַץ, שטייט אַ זייגער. גיי שוין אַרויס און וואַרט דאָרט אויף מיר. אין צען מינוט

אַרום וועל איך דאָרט זיין.

אַליין איז זי גיך אַראָפּ פון די טרעפּ פון דריטן שטאָק. אין וועג האָט זי זיך אָפּגעשטעלט פאַרן שפּיגל און אויף גיך זיך איבערגעפּאַרבט מיט אַ שטיפּטל די באַקן און די ברעמען.

עס איז געווען אַ גרויסער מאָמענט—זי האָט געמוזט איצט אָפּהאַלטן דעם גרעסטן נצחון אין איר לעבן איבער זיך אַליין.

אין דער לאָזשע האָט זי געפונען בלויז וישאַק ריגאָ און דעם פירשט דע-ביעוור.

ביידע האָבן מיט גרויס שמחה אויסגערופן, ווען זיי האָבן זי דערזען:

— ענדלעך! ווי פילסטו דיך. שטעל דיר פאָר, ווי מיר האָבן זיך באַאומרויקט.

דע-ביעוור האָט געפרעגט:

— צי האָט איר נישט באַגעגנט אונדזערע פריינט? מען זוכט דאָך אייך אַרום, ווי משוגע. הער גילאָרע איז אַוועק אין אַ זייט, לוצינאַ גלעדיס—אין אַ צווייטער. פּאָל עלזואַר, וואָס איז נאָר וואָס געהאַט געקומען, איז אויך צוגעשטאַנען צו דער יאַגד.

גילאָרע איז אָנגעקומען. ער האָט געפרעגט מיט אַן אומרויקער שטים:

— וואָס איז עס געווען? איר פילט זיך שוין אינגאַנצן גוט?

— איך דאַנק אייך אַלעמען. אַנטשולדיקט מיר, וואָס איך האָב אייך געשטערט די פאַרווייַלונג. איך פיל מיך אַ סך בעסער. איך האַלט אָבער, אַז עס וואָלט געווען נאָך דעם פאָרפאַל נישט קלוג פון מיר, מיטצופאָרן מיט אייך צו רעגען. מאָרגן וועט זיך עס ענדיקן. גלויבט מיר, אַז עס איז מיר זייער פיינלעך: בעט איבער אין מיין נאָמען רענע אַוורי, און זאָגט איר, אַז איך באַדויער זייער, וואָס איך קאָן נישט זיין.

גילאָרע האָט זיך אָפּגערופן:

— איך פֿאָר אַהיים צוזאַמען מיט אייך.

— וואָט האָסטו דיר אַ שלאַק, — האָט געשעפּטשעט זשאַק ריגאָ.

הגר האָט זיך געווענדט צו הער גילאָרע:

— ס'הייבט זיך נישט אָן, מיין טייערער פריינט. איך וויל, איר הערט? איך וויל קאַטעגאָריש, איר זאָלט מיך דעם אָוונט לאָזן אַליין אין מיין טרויעריקער לאַגע. דאָס איז דאָך געענדיקט, יאָ? צום ווידערזען, אַלעמען.

זי האָט גערעדט מיט אַ טאָן, וואָס האָט נישט דערלאָזן קיין שום ווייטערדיקן ענטפער.

— דערלויבט מיר ווייניקסטנס אייך אָפּצופירן אַהיים.

הגר האָט זיך שוין דענערווירט.

— ניין. דאָס אויך נישט.

דער אַלטער פירשט, וואָס האָט נישט פאַרלוירן פון אויג די מינדסטע וויבּרירונג אויף הגרס פּנים, האָט אַגערירט פאַרן אָרעם דעם הער גילאָרע.

—איך רעכן, אַז עס איז בעסער נישט צוצושטיין צו איר.

הגר האָט זיך צעזעגנט מיט אַלעמען.

זי האָט זיך געפילט פריי און האָט מיט אַ פאַרלייכטערונג אָפּגעאָטעמט.

דאָס שווערסטע אָבער האָט זי נאָך ערשט געדאַרפט ביי-קומען.

ווען זי איז אַרויס אין קאָרידאָר, פונוואַנען עס האָבן גע-פירט די טירן צום אַרויסגאַנג, האָט זי זיך אָנגעשטויסן אויף פּאָל עלזעאַרן.

ער האָט גערעדט מיט אַ קאַלטן טאָן, וואָס איז איבּגעבּצן

נישט געווען צוגעפּאַסט צו דער דייטלעכער אומרויקייט אויף זיין פּנים.

— ענדלעך געפינען איך אייך.

די טענצערין האָט זיך האַסטיק אָפּגעשטעלט.

די בלייכקייט פון איר געזיכט ד׳האָט עלוזאָרן דער־שראָקן.

— דזשעסיקאַ, ווירקלעך,—וואָס איז אייך?

מיט דער גרעסטער אָנשטרענגונג איז איר געלונגען א שמייכל צו טון.

— אַנטשולדיקט מיר. איר זעט דאָך, איך פיל מיך נישט גוט. איך מוז פאָרן אַהיים.

— אַהיים? איר וועט נישט זיין ביי רענע אוורי?

— אומעגלעך.

— אָט האָסטו דיר. און איך — איך בין דאָך געגאַנגען אַהין נאָר צוליב אייך?

פון דער צייט, זינט עס האָט זיך אָנגעהייבן די באַציונג צווישן הגרן און דעם הער גילאָרע, אַצייט פון עטלעכע חדשים, — האָט דער זשורנאַליסט עלוזאָר נישט געהאַלט אַפילו זי אָנ־קוקן.

איצט, צום ערשטן מאָל פאַר דער גאַנצער צייט, האָט ער זיך געווענדט צו איר מיט ווערטער, אַזעלכע רירנדיקע, אַזעלכע זיסע.

הגר האָט גערעדט מיט אַ שוואַכער שטים:

— מען דאַרף זיין ביי רענען. זאָגט עס מיר צו. איך וויל נישט, אַז צוליב מיר זאָלט איר דאָרט נישט זיין.

ער האָט געענטפערט:

— איך וועל גיין, איך וועל דאָרט זיין, אָבער אונטער דער באַדינגונג, אַז איך זאָל אייך פריער אָפּפירן. איך וויל נישט, איר זאָלט אין אַזאַ צושטאַנד זיך אומקערן אַליין אַהיים... און דאַן... אַזוי ווייטער קאָן עס נישט גיין. איך מוז מיט אייך רעדן. איך האָב אייך אַזויפיל צו זאָגן, דזשעסיקאַ...

דהגר האָט זיך אָפּגערופן מיט אַן איבערגעשראָקענער שטים:

— ניין, ניין. לאָזט מיך אַליין. גייט צוריק צו זיי. אַליין — איך מוז בלייבן אַליין.

ער איז ווייטער צוגעשטאַנען.

הגר האָט אים צוגעשריען מיט אַ שטים, וואָס האָט אים צוגעשמידט צום אָרט:

— זעט איר נישט, אַז איך בעט אייך, איר זאָלט עס מיר צוליב טון?

גיטעלע האָט געוואַרט אויפן אָפּגערעדטן פּלאַץ.

זיי זײַנען אַרײַן אין אויטאָ. אין אַ פערטל שעה אַרום זענען זיי געשטאַנען פאַרן איינגאַנג פון הגרס פּאַלאַץ.

הגר האָט אָנגעקלונגען.

דאָס קאַמערמיידל האָט זיי געעפנט די טיר.

— דאָס גנעדיקע פרײַלן!

דאָס מיידל האָט עס אויסגערופן אַ פאַרוווּנדערטע און איז אָפּגעטרעטן אויף הינטן פון שרעק.

— עס איז גאָרנישט, זשאַנעט. איך האָב מיך געפילט אַ ביסל מיד און האָב געמוזט אַוועק פון טעאַטער. שפּעטער אַ ביסל וועל איך דיך רופן. איצט לאָז אונדז אַליין.

זי האָט אַרײַנגעפירט גיטעלען אין איר צימער און האָט זיך אַוועקגעזעצט.

אַראָפּוואַרפנדיק פון זיך דעם מאַנטל, האָט זי גענומען אַרומגיין איבערן צימער אַהין און צוריק.

ענדלעך האָט זי זיך אַוועקגעזעצט פאַר דער ביוראָ און אָנגעהייבן שרייבן אַ בריוו.

גיטעלע האָט באַמערקט, ווי הגרס האַנט האָט געציטערט, ווען זי האָט זיך באַוועגט איבערן פּאַפּיר.

הגר האָט פאַרקלעבט דעם קאָנווערט, אָנגעשריבן אַן אַד-רעס און אָנגעקלונגען.

דאָס קאַמערמיידל איז אַריינגעקומען.

— מאָרגן, באַלד אינדערפרי, וועסטו אַזוי גוט זיין אַוועק-טראָגן דעם בריוו: הער פּאָל עלזעאַר, גאַס וויוויאַן 31. דאָס איז אַלץ. מער דאַרף איך גאָרנישט. אַהאַ! אויב מען וועט טעלעפאָנירן און פרעגן אויף מיר, וועסטו זאָגן, אַז איך בין דאָ אינ-דערהיים און פיל מיך בעסער.

דער רעגן האָט געגאָסן אַ גאַנצע נאַכט.

די ווילע, וועלכע הער דאַמבידאָ האָט געשענקט רענע אחרי, איז געשטאַנען אויף אַ קליינעם וואַלדבערגל. די לאַנ-קעס אַרום זענען פון רעגן פאַרוואַנדלט געוואָרן אין טייכ-לעך.

עס איז געווען אַרום אַכט אינדערפרי.

דער רעגן האָט נאָך געגאָסן, ווען אַן אויטאָ איז צוגע-פאָרן פאַרן איינגאַנג.

עס איז געווען דער אויטאָ פון פירשט דע-ביעוור.

עטלעכע מינוט שפּעטער האָט זיך אויך באַוויזן דער פירשט אַליין, אין דער באַגלייטונג פון פּאָל עלזעאַר.

פאַרן אַריינגיין אין אויטאָ האָבןביידע געמאַכט דיזעלבע באַוועגונג—זיי האָבן אויפגעשטעלט די קאָלנערס.

— אַ שיין וועטער,—האָט זיך אָפּגערופן דער אַלטער דע-ביעוור.

עלזעאַר האָט באַמערקט:

— עס פאַרדריסט מיר. צוליב מיר פאָרט איר אַזוי פרי אַרויס.

— איך האָב עס דאָך אַליין אייך פאָרגעלייגט, — דער‑האָט געענטפערט דער אַלטער.

עס האָט אַ שפּריץ געטון מיט בלאָטע—דער אויטאָ האָט זיך גערירט פון אָרט.

דער אַלטער האָט זיך אָנגעבויגן צום שאָפער.

— גאָר נישט צו גיך, מיין טייערער. פּאַק אונדז נישט אַריין ערגעץ אין אַ גראָבן. געדענק, אַז מיר זענען אין אָונגט־טואַלעטן.

אַרום דריי פאַרטאָג, ווען דאָס נאַכט־סעודהלע האָט שוין גע־האַלטן ביים סוף און די געשפּרעכן, וואָס האָבן זיך שוין פריער אויך נישט שטאַרק געקלעבט, האָבן זיך געצויגן ווייטער, — האָט פּאָל עלוּאַר שטילערהייט גענומען בעטן, מען זאָל אים אָפּ־פירן מיט אַן אויטאָ ביז דער נאָענטסטער באַנסטאַציע.

פון דאָרט וועט ער מיטן ערשטן בעסטן צוג זיך אום־קערן קיין פּאַריז.

אָנגעגעבן האָט ער, אַז זיין רעדאַקציע־אַרבעט אין איינער פון די גרעסטע פּאַריזער אָוונטצייטונגען צווינגט אים באַלד אינ־דערפרי אָנצושרייבן און צו באַזאָרגן דאָס מאַטעריאַל. ביז מי־טאָג מוז עס שוין זיין פאַרטיק.

קעגן דעם האָבן אַלע פּראָטעסטירט.

דע־ביעוור האָט דאַן פאָרגעלייגט עלוּאַרן, אַז זיי וועלן באַלד אינדערפרי אַרויספאָרן צוזאַמען.

אויף דעם איז דער זשורנאַליסט איינגעגאַנגען.

אַלע געסט זענען נאָך געשלאָפן אין די פיינע צימערן, וועלכע רענע אָווריי האָט זייער גאַסטפריינטלעך צוגעגרייט פאַר אירע פריינט, ווען דער אויטאָ פון פירשט דע־ביעוור איז אַרויס פונם ווילע־טויער און האָט זיך פאַרקירעוועט אויפן וועג צו פּאַ־ריז.

דער אויטאָ איז איצט געלאָפן איבער פאַרגאָסענע פעל־דער און לאַנקעס.

פוןביידע זייטן זענען געשטאַנען ווענט פון שוואַרצע און

ברוינע וועלדער, אָפּגעליידיקטע דורך דער קעלט פֿון זייערע בלעטער.

ביידע מענער האָבן געשוויגן.

זיי האָבן זיך געפֿונען אין אַ שלעכטער שטימונג און האָבן ביידע געהאַט צו זיך אַליין טענות, וועלכע מען האָט גע־ווינלעך צו זיך נאָך די נישט איבעריקס פֿריילעך פֿאַרבראַכטע נעכט.

דער אַלטער פֿירשט האָט ענדלעך אַרויסגעברומט:

— אַ קאָמישער אָוונט.

פּאָל עלזעאַר האָט זיך גאַליק פֿאַנאַנדערגעלאַכט.

— מען האָט עס געקאָנט פֿאָרויסזען.

— וואָס האָט מען געקאָנט פֿאָרויסזען?

—נו, דאָס, אַז עס וועט לאַנגווייליק זיין צום טויט. אַזוי קומט עס שטענדיק אַרויס, ווען מען באַשטימט פֿאָרויס, אַז מען וועט זיך אויסגעצייכנט ווײַלן.

— רענע אוורי האָט געטון אַלץ, וואָס זי האָט געקאָנט.

— אָך, זיכער. זי איז נישט שולדיק.

נאַטירלעך. מעגלעך, ווען דזשעסיקאַ וואָלט געווען... צי האָט מען געהאַט עפּעס אַ ידיעה וועגן איר?

—פֿונוואַנען קאָן איך עס וויסן?

דער אַלטער פֿירשט האָט באַמערקט:

—הער גילאָרע האָט טעלעפֿאָנירט צו איר נאָכן אָנקומען אַהער. מ'האָט נישט געענטפֿערט. דערפֿון דאַרף מען דרינגען, אַז אַלץ איז אין אָרדענונג.

פּאָל עלזעאַר האָט, ווי עס האָט אויסגעזען, געזוכט עפּעס אַ געלעגנהייט, זיך אַרויסצורייסן מיט זיין שלעכטער שטימונג.

ער האָט זיך נישט געקאָנט באַהערשן און אַרויסגעזאָגט זיין מיינונג:

—דער גילאָרע איז אַן אידיאָט און דערצו אַ זייער באַ־גרענעצטער מענטש.

דעאָ אַלטער פֿירשט האָט אויף דעם רויק באַמערקט:

—ער איז נישט נאַרישער און נישט מער באַגרענעצט,

איידער הער דאָמבּידאָ, חוזדעם, איז ער אַן אָרנטלעכער מענטש.

עלזעאַר האָט געוואָלט ענדערן די טעמע פון זייער שמועס.

דער אויטאָ האָט זיך אָפּגעשטעלט.

עלזעאַר האָט עס אויסגענוצט און געפרעגט:

—וואָס איז געשען? מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט. וואָס קען עס זיין?

דער אַלטער האָט אים אויפגעקלערט:

—דער וועג גייט דורך די רעלסן פון צוג.

ביידע זענען פאַרזונקען געוואָרן אין מחשבות.

עס זענען אַריבער פינף, זעקס מינוט. דער אויטאָ האָט זיך נישט גערירט פון אָרט.

דער באַרייער איז נאָך אַלץ געווען אַראָפּגעלאָזן.

עלזעאַר איז געוואָרן אומגעדולדיק.

—וואָס האָסטו דיר אַן עסק ! וואָס הייסט עס? מ'האָט געקאָנט פאַר דער צייט שוין זעקס מאָל אַדורכפאָרן.

דער רעגן האָט אויפגעהערט צו פאַלן.

פּירשט דע-בּיעוור האָט אַראָפּגעלאָזן די שויבן פון אויטאָמאָביל און צוגערופן דעם שאָפער, וועלכער איז אַראָפּ פון זיין געזעס און האָט גערעדט מיטן באַוואַכטער:

—סטעפאַן, וואָס איז געשען?

—דער הער פּירשט זעט: צוליב די רעגנס זענען די רעלסן אין דער געגנט אַ ביסל אונטערגעשווענקט געוואָרן. די צוגן מוזן דאָ גיין זייער פּאַמעלעך.

—מיר האָבן געהאַט גענוג צייט אַדורכצופאָרן.

—דער שנעלצוג קיין מאַרסעל, וואָס גייט אַרויס פון פּאַריז אַכט פרי, דאַרף דאָ אַ ליאַדע סעקונדע אַדורכפאָרן.

דער וועכטער האָט זיך אָפּגערופן:

—אָט, דער צוג קומט שוין אָן.

איבערן וואַלד, דורך וועלכן עס האָט זיך געצויגן די באַנליניע, האָט זיך דערנעענטערט אַ רויך-וואָלקן.

פלוצלונג, סאַפּענדיק און אַרויסוואַרפנדיק פון זיך קנוילן רויך, האָט זיך באַוויזן אַ לאָקאָמאָטיוו.

פאַמעלעך האָט זיך אַ קייט פון וואַגאָנעס דורכגעשאַרט פאַרביי דעם אויטאָ,—אינגאַנצן אַ דריי מעטער ווייט.

אין רעסטאָראַן-וואַגאָן זענען געזעסן פּאַסאַזשירן און געגעסן דעם ערשטן פרישטיק, ביים ליכט פון קליינע ראָזע אַבאַזשורן.

פאָל עדוואַר האָט געברומט:

—גליקלעכע! זיי פאָרן זיך צו די בלויע הימלען, צו דער זון, צו דעם שענסטן לאַנד אויף דער וועלט. און מיר, מישטיינס געזאָגט, פאָרן צוריק אין דעם מיסט אַריין. אַך, ווען...

דער אַלטער פירשט האָט אַ ציטער געטון.

—וואָס איז אייך?—האָט ער געפרעגט.

דער זשורנאַליסט האָט איבערגעריסן אינמיטן די אָנגעהייבענע פראַזע און האָט זיך אויסגעגלייכט.

אויטאָמאַטיש האָט ער אַ כאַפּ געטון אַ קליאַמקע פון אַ טירל,—אַזוי ווי ער וואָלט געוואָלט זי עפענען און אַרויסשפּרינגען פון אויטאָמאָביל.

—זעט! זעט נאָר!

ער האָט אָנגעוויזן דעם אַלטן פירשט אויפן לעצטן וואַגאָן, וואָס האָט זיך לאַנגזאַם—ווי עס האָט אויסגעזען, מער לאַנגזאַם, איידער די איבעריקע וואַגאָנעס—דורכגעשאַרט פאַר זייערע אויגן.

—וואָס איז געשען?

דער צוג איז אַריבער.

געזען האָט מען בלויז דאָס רויטע פייערל פון לאַמטערן, וואָס איז געהאַנגען הינטער דעם לעצטן וואַגאָן.

וואָס ווייטער איז דאָס פייערל אַלץ קלענער געוואָרן.

—וואָס איז דאָ געוועזן?

—איר האָט נישט געזען! אין לעצטן וואַגאָן הינטערן פענסטער. איך האָב זי דערקענט. קלאָר ווי דער טאָג. דאָס איז געווען זי!

—ווער זי?

—דזשעסיקאַ!

פירשט דע-ביעוור האָט געצויגן מיט די אַקסלען און געזאָגט מיט אַ שמייכל פון ווייטיקן מיטלייד:

—דזשעסיקאַ אין צוג, וואָס גייט קיין מאַרכעל! ווי שטעלט איר זיך עס פאָר,—וואָס, צו אַלדי רוחות, וואָלט זי דאָרט געטאָן! איר וועט ענדיקן דערמיט, וואָס איר וועט זי אומעטום זען, טיין אָרעמער פריינט.

אַלע ווערק פון זשול-ווערן

ביז איצט דערשינען די 1-טע 10 בענדער

I	אין דער הימלישער אימפעריע (ראָמאַן) — —	4.50
II	אויפן שפּנטעלאָר (אַ טראַגישע נסיעה) — —	4.50
III	דעם קאַפּיטאַן גראַנטס קינדער, 1-טער באַנד (ראָמאַן) —	4.50
IV	„ „ „ „ 2-טער באַנד —	4.50
V	דעם צאַרס קוריער (ראָמאַן) — — —	4.50
VI	די שולע פון די ראָבינזאָנס (ראָמאַן) — —	4.50
VII	אונטער דער זון פון אַפריקע (ראָמאַן) — —	4.50
VIII	אויף די וועגן פון דער וועלט, 1-טער באַנד (ראָמאַן) —	4.50
IX	„ „ „ „ „ „ 2-טער באַנד —	4.50
X	מענטש און וואונדער (ראָמאַן) — — —	4.50

קירצלעך דערשיינט פון דרוק די 2-טע סעריע, 10 בענדער.

אַלע ווערק פון מיין-ריד

ביז איצט דערשינען

I	אַ שפּיל מיטן טויט — — — —	4.50
II	אַ קאַמף מיטן לייבן — — — —	4.50

אַלע ביכער פיין געדרוקט, אויף
גוטן פּאַפּיר, שיין אַרויסגעגעבן.

פאַרלאַג — בוכהאַנדלונג
E. Gitlin, Warszawa, Nalewki 1
(Kramy Nalewkowskie)